**לעתיד** לבא הקב"ה יושב והמלאכים נותנים כסאות לגדולי ישראל והם יושבין עם הקב"ה ודנין הרשעים והקב"ה יושב ביניהם כאב ב"ד ודן את הרשעים ופורע להם שכר

נאר נישט גיוועזין אין כעס אונ אצונד זענט איהר אין כעס. איך וועל אבער אויף אייך ווערין אין כעס וואס וועט נישט זיין קיין רצון :

איטליכין צדיק וואס דיא רשעים האבין גיהרגית שרייבט אויף כביכול אונ מאהלט איהם אויס אויף זיין מלבוש אונ לעתיד וועט הקב"ה זאגין צוא זייא פאר וואס האט איהר גיהרגית דעם אונ דעם צדיק ווערין זייא לייקענען אונ זאגין צו הקב"ה מיר האבין איהם נאר נישט גיהרגית וועט הקב"ה ארויס נעמען דאס מלבוש אונ וועט זייא משפטין אונ וועט זייא געבין זייער עונש :

לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגין איטליכע אומה מיט איהר געטץ אונ איטליכע אומה וועט שרייען צוא איהר געטץ אונ קיינער וועט זייא נישט ענטפערין אונ אז זייא וועלין זעהן אז קיינער ענטפערט זייא נישט אונ זייערע געצין האבין קיין ממש נישט וועלין זייא גיין צו הקב"ה וועט זייא הקב"ה באלד דן זיין אונ נידערין זייא אין גיהנם אונ זייא וועלין זיך שעמען אונ וועלין מתרעם זיין פאר הקב"ה וועט ער זייא קריג ארויס נעמען פון גיהנם אונ וועט ליינען זייער פראטיקאל אונ וועט זייא קריג אריין פירין אין גיהנם אונ זייא וועלין ווייטער פאר שעמט ווערין. דריבער שטייט. יבשו ויבהלו מאד כל אויבי ישבו יבשו רגע :

הקב"ה וועט לעתיד געבין אממש אין זייערע געצין אונ זייא וועלין קומען אונ בוקען זיך צו הקב"ה אונ זייא וועלין מבייש זיין זייערע דינערס :

הקב"ה וועט לעתיד אן פילין דאס מויל פון זייערע אפ געטער אונ זיא וועט שפייען פאר אלע איהרע דינערס אונ וועט זאגין צו זייא איהר האט אוועק גילאזט דעם לעבידיגין גאט וואס האט באשאפין הימעל אונ ערד אונ איהר האט זיך גיבוגט צו דעם וואס שטייט בייא זייא פה להם ולא ידברו זייא האבין אמויל אונ קענען נישט ריידין :

לעתיד לבא וועט הקב"ה זיצין אונ דיא מלאכים וועלין דער לאנגען שטולין צו דיא צדיקים דיא גדולי ישראל אונ זייא וועלין זיך זעצין אונ משפטין מיט הקב"ה דיא רשעים אונ הקב"ה זיצט צווישין זייא וויא אב ב"ד אונ משפט דיא רשעים אונ וועט זייא באצאהלין שכר פון דיא קליינע מצות וואס זייא האבין גיטוהן בעוה"ז כדי ער זאל זייא דן זיין אונ

מחייב

שכר מצות קלות שהם עושים בעוה"ז כדי לדון אותם חייבים בעוה"ב באותו שעה הקב"ה גבוה בעולמו (ילקוט דניאל אלף סד) :

**ה'** צדיק קצ"ץ עבות רשעים משל למה הדבר דומה לבעל הבית שהיה לו פרה חורשת והשאילה לאחר להיות חורש בה והיה לאותו האיש עשרה בנים זה בא וחורש וישב לו וזה בא וחורש וישב לו עד שנתייגעה הפרה ורבצה לה נכנסו כל הפרות ואותה הפרה לא נכנסה לא הספיק בעל הפרה לקבל פיוס מאותו האיש אלא מיד בא ושבר את העול וקצץ את הסמלונים. כך הם ישראל בעולם הזה בא ומשעבד והולך לו וזה בא ומשעבד והולך לו והמענה ארוכה שנאמר על גבי חרשו חורשים האריכו למעניתם למחר כשיגיע הקץ אין הקב"ה אומר כך וכך עשיתם לבני אלא מיד בא ושובר את העול ומקצץ את הסמלונים שנאמר ואשבור מוטות עולכם (סס קאפיטיל קכט תנחומא קדושים) :

**לעתיד** לבא מראה הקב"ה לצדיקים גיהנם ומקומות הפנויות בתוכו ואומר להם הרי מקומות פנוים לכם ולחבורותיכם אלא שזכיתם ועשיתם מעשים טובים וירשתם גן ערן. וכן עושה לרשעים מראה להם גן עדן ומקומות פנויות להוכו ואומר להם הרי המקומות אלו לכם ולחברותיכם אלא שנתחייבתם ועשיתם מעשים רעים וירשתם גיהנם (ילקוט תרלד) :

**נשבע** הקב"ה בכסא הכבוד שלו שאפילו יעמדו העו"ג ויבנו לו הביהמ"ק יותר מכם ויאמרו תן לנו כתר אהרן וכתר בית דוד אינו נותן להם דבר קל מבזיה של תורה (ילקוט תתלז) :

**מה** דרכו של חול מקהה השינים אף לימות המשיח ישראל מכלים את הרשעים :

**ויניקהו** דבש מסלע אלו מצוקים שהחזיקו בה בארץ ישראל והם קשים להוציא מהם פרוטה

מחייב זיין בעוה"ב דערנאכדעם וועט הקב"ה ווערין הויך אויף דער וועלט :

ה' צדיק קצץ עבות רשעים. א משל צו הבעל הבית וואס האט געהאט א קוה וואס ער האט מיט איר געאקערט האט ער זיא פאר דונגען צו אנאנדערין ער זאל אקערין מיט איר. דער מענש האט אבער געהאט צעהן זין דער האט געאקערט מיט איר און דער נאך האט דער געאקערט מיט איהר אזוי האבין אלע זין מיט איהר געאקערט ביז דיא קוה איז מיד געווארין און האט זיך אנידער געלייגט. אלע קיה זענען אריין גיגאנגען אין שטאהל און דיא קוה נישט. דער בעל הבית פון די קוה האט נישט מספיק געווען ער זאל אים מפייס זיין נאר ער האט באלד צו בראכין דעם יאך מיט דעם שפאן. אזוי די ישראל בעולם הזה. דער קומט און איז משעבד מיט זייא און גייט אוועק און דער אנדערער קומט און איז משעבד מיט ישראל און גייט אוועק. אזוי אלע און דער וואגין איז לאנג וויא עס שטייט האריכו למעניתם. צו מארגין אז הקב"ה וועט קומען ווען דער קץ וועט זיין וועט הקב"ה נישט זאגין אזוי און אזוי האט איהר געטאן מיינע קינדער נאר ער וועט באלד קומען און צו ברעכין דעם יאך און אפ האקין דיא שפאנען. וויא עס שטייט ואשבור מוטות עולכם :

לעתיד לבא וועט הקב"ה ווייזין דיא צדיקים דעם גיהנם און דיא ליידיגע ערטער וואס עס איז דא אינווייניג און וועט זאגין צוא זייא אט איז דא ליידיגע ערטער פאר אייך מיט אייער חברותה נאר איהר האט זוכה געוועזין און געטוהן מעשים טובים האט איהר גירשית גן עדן. און אזוי וועט מען ווייזען דיא רשעים ליידיגע ערטער אין גן עדן און מען וועט צוא זייא זאגין אט איז דא ליידיגע ערטער פאר אייך און אייער חברותה נאר איהר האט זיך פאר שולדיגט און געטוהן מעשים רעים האט איהר גירשית גיהנם :

ויניקהו דבש מסלע. דאס איז דיא צו דריקערס וואס זייא האבין מחזיק געוועזין אין ארץ ישראל און עס איז שווער פון זייא ארויס צו נעמען א פרוטה חיא פון אשטיין. צו

מארגין

**פרוטה** כצור למחר הרי ישראל יורשים נכסיהם והם ערבים להם כדבש ושמן (ספרי סח״ש)

**מראש** פרעות אויב כשהמקום מביא פורעניות על עו״ג אין מביא עליהם שלהם אלא שלהם ושל אבותיהם מאברהם ואילך הרנינו גוים עמו למחר כשהמקום מביא גאולה לישראל האוה״ע מתרגזים לפניו ולא ז תחלה להם אלא שכבר רגזו מקדם כענין שנאמר שמעו עמים ירגזון וכו׳ (שם) :

**אהיה** כטל לישראל יפרח כשושנה פסוק זה על העתיד נאמר כשם שטל זה אין מזיק לכל בריה כך צדיקים לעתיד לבא ניזונין מזיו השכינה ואינן ניזוקין שנאמר שובע שמחות את פניך (תשמח ילקוט ת׳) :

**עתיד** הקב״ה ליתן לכל צדיק וצדיק מלא עומסו שנאמר ברוך ה׳ יעמס לנו (תשלה) :

**עתיד** הקב״ה ליתן לכל צדיק וצדיק ש״י עולמות שנאמר להנחיל אוהבי יש :

**כבוד** ועוז לצדיקים לעתיד לבא ונותנין להם מאור ומלאכי השרת עומדין סביב לישראל ובוכים בלבם ואומרים אשריכם ישראל שכל הצער והעינוי והלחץ שהיה לכם חלף והלך לו ועכשיו כל הטובה והגדולה שלכם (ילקוט תשלט) :

**לעתיד** לבא יעשה פיהם של צדיקים כמעין נובע שאינו פוסק תאמר שהם יגיעים לאו אלא זכר רב טובך יביעו שהן נובעין כמעין (תתסב) :

**אמר** להם הקב״ה לצדיקים הרי אתם כיוצא בי שמא יותר ממני אתם מבקשים וכו׳ מה אני בורא עולמות ומחיה מתים אף אתם בוראי עולמות ומחיה מתים (שם תתעה) :

שיר

מארגין אז דיא ישראל וועלין ירשנען זייערע נכסים וועלין זייא זיין צו זייא אזוי זיס וויא האניג וויא אייל :

מראש פרעות אויב. אז הקב״ה ברענגט פרעניות אויף דיא רשעים ברענגט ער נישט אויף זייא נאר זייערס אליין נאר זייערם אונ פון זייערע עלטערין פון אברהם אונ ווייטער. הרנינו גוים עמו. מארגין אז עס וועט קומען דיא גאולה צו דיא ישראל וועלין דיא אוה״ע ציטערין אונ צערינען אונ נישט דאס איז דאס ערשטע מאהל צו זייא זייא האבין שון לאנג אויך געציטערט שמעו עמים ירגזון :

אהיה כטל לישראל יפרח כשושנה. דער פסוק איז געזאגט געווארין אויף לעתיד. אזוי וויא דער טל טוט נישט קיין שאדין קיין שום בריה. אזוי דיא צדיקים לעתיד לבא וועלין געשפייזט ווערין פון זיו השכינה אונ וועלין נישט געשאדינט ווערין. שובע שמחות :

הקב״ה וועט געבין לעתיד איטליכין צדיק אפולע גארשט. וויא עס שטייט ברוך ה׳ יעמס לנו :

הקב״ה וועט געבין לעתיד איטליכין צדיק דרייא הונדערט מיט צעהן וועלטין. וויא עס שטייט להנחיל אוהבי יש :

לעתיד לבא וועלין דיא צדיקים האבין כבוד ועוז מען וועט זייא געבין אליכטיג פנים אונ מלאכי השרת וועלין שטיין ארום דיא ישראל אונ וועלין וויינען אין זייערע הערצער אונ וועלין זאגין וואהל איז אייך ישראל. דער גאנצער צער מיט דעם פייניגין מיט דעם דריקעניש וואס איהר האט גיהאט איז שוין אוועק גיגאנגין אונ אצונד איז דאס גוטס מיטין גרויסקייט אייער :

לעתיד לבא וועט ווערין דיא מיילער פון דיא צדיקים וויא אקוואל וואס קוועלט אונ עס הערט קיינמאהל נישט אויף. אזוי וועלין זייא שטענדיג לויבין גאט אפשר וועסט זאגין אז זייא וועלין מיד ווערין ניין נאר דאס גידענקט פון דיין פיל גוטס וועלין זייא שטענדיג קוועלין וויא אקוואל וואסער :

הקב״ה זאגט צו דיא צדיקים איהר זענט גלייך מיט מיר אפשר ווילט איהר זיין מיין פאר מיר. אזוי וויא איך באשאף וועלטין אזוי באשאפט איהר אויך וועלטין אונ אזוי

וויא

**שיר** למעלות למי שעתיד לעשות מעלות לצדיקים לעתיד לבא זו למעלה מזו וזו למעלה מזו שומע אני שיש ביניהם איבה ושנאה וקנאה ותחרות ת"ל ומצדיקי הרבים ככוכבים מה הכוכבים אין ביניהם שנאה ואיבה וקנאה והחרות כך הצדיקים ומה הכוכבים אין דומה אורו של זה לאורו של זה כך הצדיקים. וכה"א ואוהביו כצאת השמש בגבורתו מי גדול האוהבין או הנאהבין וכו' מה הככבים רמין ומטולין על כל באי העולם כך הצדיקים מה הכוכבים מאירין מסוף העולם ועד סופו כך הצדיקים מה הכוכבים כתות שאין להם מנין כך הצדיקים. או בין עושין רצונו של מקום בין אין עושים ת"ל והיה זרעך כעפר הארץ אם עושין רצונו של מקום הרי הם ככוכבים ואם לאו הרי הם כעפר הארץ (תתעט):

**הבוטחים** בה' כהר ציון לא ימוט לעולם ישב מה הר ציון עתיד הקב"ה להחזירו אף בתיהם של צדיקים עתיד הקב"ה להחזירם לישובן (קתפיטיל קכס):

**כל** אחד ואחד מישראל עתיד להיות לו בנים כיוצאי מצרים שנאמר תחת אבותיך יהיו בניך אי בנים יכול דווים וסחופים ת"ל תשיתמו לשרים יכול פרגמטוטין ת"ל ממלכת אי מלך יכול תוזר ומכבש ת"ל כהנים יכול כהנים מחזרין ת"ל ממלכת בטלנים וכו' (ילקוט תס"ג):

**כל** הנחלים הולכים אל הים כל ישראל נכנסים לירושלים וירושלים אינו מתמלא אל מקום שהנחלים

וויא איך בין מחיה מתים אזוי וועט איהר אויך מחיה מתים:

**שיר** למעלות זאגט שירים צו הקב"ה וואס ער וועט לעתיד מאכין דיא צדיקים מעלות. כ"ב־ות איין מעלה העכער פאר דיא אנדערע מעלה. אפשר וועסטו מיינען אז עס איז דא צווישין זייא שנאה אונ קנאה אונ רייצונג שטייט ומצדיקי הרבים ככוכבים זענען גלייך צוא דיא שטערין אזוי וויא דיא שטערין איז נישטא צווישין זייא קיין שנאה וקנאה והתחרות אזוי דיא צדיקים. אונ אזוי וויא דיא שטערין לייכטין פון איין עק וועלט ביז דיא אנדערע עק וועלט אונ דאס ליכטיקייט פון דעם שטערין איז נישט גלייך צו דעם ליכטיקייט פון דעם שטערין אזוי דיא צדיקים זענען נישט גלייך איינער צום אנדערין. אונ עס שטייט. זייער ליבהאבער וויא דיא זון גייט ארויס מיט איהר גבורה. ווער איז גרעסער דיא ליבהאבער אדער דיא געליבטע. אזוי וויא דיא שטערין זענען הויך אונ דער הויבין אויף דיא וועלט אזוי זענען דיא צדיקים. אזוי וויא דיא שטערין זענען כתות אן אצאהל אזוי דיא צדיקים. נאר דוא וועסט מיינען סייא זייא טוען דעם רצון פון השי"ת סייא זייא טוהן נישט. שטייט והיה זרעך כעפר הארץ. באלד זייא טוהן דעם רצון פון השי"ת זענען זייא וויא דיא שטערין. באלד נישט זענען זייא געגליכין צו דיא ערד:

**הבוטחים** בה' כהר ציון. דיא וואס האבין אבטחון אין גאט זענען זיי וויא דער בארג ציון אזוי וויא דער בארג ציון וועט הקב"ה לעתיד קריג ברענגין צוא איהר שטאנד אזוי דיא הייזער פון דיא צדיקים וועט הקב"ה קריג ברענגין צוא זייער באזיצונג:

איטליכער פון דיא ישראל וועט האבין לעתיד קינדער וויפיל דיא יוצאי מצרים איז געוועזין וויא עס שטייט תחת אבותיך יהיו בניך. אונ אפ'ייר וועסטו מיינען ניפלאנטע אונ שוואכע אונ פאר שמיצטע שטייט אין פסוק תשיתמו לשרים זייא וועלין זיין שרים וועסטו מיינען סוחרים שפעקילאנטין שטייט ממלכת. וועסטו מיינען ער וועט דארפין ארום גיין איין געמען מדינות שטייט כהנים. וועסטו מיינען וויא כהנים גייען ארום בעטין אין דיא שייערין. שטייט ממלכת בטלנים:

**כל** הנחלים אלע טייכין גייען צום ים אלע ישראל וועלין אריין גיין קיין ירושלים אונ ירושלים וועט נישט ווערין פאר פילט אונ אויף דעם ארט וויא דיא ישראל זאמלין זיך צוא נויף בעוה"ז

שהנחלים הולכים מקום שישראל מתכנסין בעוה"ז שם הם מתכנסין **לעתיד לבא שנא'** והשתחוו לה' בהר הקודש (קהלת ילקוט) :

**פניהם** של צדיקים דומים לע"ל לחמה (ילקוט יהושע ס) :

**צדיקים** שעתיד הקב"ה להחיותן שוב אינן חוזרין לעפרן שנאמר והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו מה קדוש לעולם קיים אף הם לעולם קיימים ואם תאמר אותן אלף שנים שהקב"ה עתיד לחדש את עולמו וגו' צדיקים מה הם עושים הקב"ה עושה להם כנפים כנשרים ושטין ומעופפין על פני המים וגו' ושמא תאמר יש להם צער תלמוד לומר וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים ירוצו ולא ייעפו (ילקוט ת') :

**עתיד** הקב"ה לעשות לכל צדיק וצדיק שבע חופות בגן עדן וגו' ולכל צדיק עושין לו חופה לפי כבודו ועשן בחופה למה א"ר חנינא הגדול כל מי שעיניו צרות בתלמידי חכמים בעוה"ז מתמלאות עיניו עשן לעוה"ב. ואש בחופה למה. אר"א מלמד שכל אחד ואחד נכוה מחופתו של חבירו (ס' ת') :

**עתיד** הקב"ה להיות יושב בג"ע ודורש וכל הצדיקים יושבים לפניו וכל פמליא שלו עומדין על רגליהם וחמה ומזלות מימינו של הקב"ה ולבנה וכוכבים משמאלו והקב"ה יושב ודורש תורה חדשה שעתיד ליתן ע"י משיח. וכיון שמסיים התורה עומד זרובבל בן שאלתיאל על רגליו ואומר יתגדל ויתקדש וקולו הולך מסוף העולם ועד סופו וכל באי עולם עונים כולם אמן ואף רשעי ישראל שנשתיירו בגיהנם עונים ואומרים אמן מתוך הגיהנם ומתרעש העולם עד שנשמע קול צעקתם לפני הקב"ה והוא שואל מה קול הרעש

בעוה"ז דארט וועלין זייא זיך בעוה"ב פאר זאמלען לעתיד לבא :

דאס פנים פון דיא צדיקים וועט זיין גלייך לעתיד לבא צו דיא זון :

דיא צדיקים וואס הקב"ה וועט זייא לעבעדיג מאכין וועלין זייא נישט קריג גיין צו די ערד. אזוי וויא אמלאך לעבט אייביג אזוי וועלין זייא לעבין אייביג אז דוא וועסט פרעגין דיא טויזינד יאהר וואס הקב"ה וועט לעתיד מחדש זיין דיא וועלט וואס וועלין דיא צדיקים טוהן נאר הקב"ה וועט זייא מאכין פליגיל וויא דיא אדלערס אונ זייא וועלין שוועבין אונ פליען אויף דיא וואסער. אונ אפשר וועסטו זאגין אז זייא וועלין האבין צער עס שטייט אין פסוק אז זייא וועלין בייטין אלע מאהל דעם כח וועלין לויפין אונ נישט זיין מיד :

הקב"ה איז עתיד צו מאכין איטליכין צדיק זיבין חופות אין גן עדן אונ איטליכער צדיק וועט מען איהם מאכין חופות נאך זיין כבוד. אונ נאך וואס וועט זיין ארויך אין דיא חופה. ווייל דער וואס זיינע אויגין זענען גיוועזין צרות העגנ אויף דיא תלמידי חכמים בעוה"ז ווערין זיינע אויגין פיל מיט רויך ווערין לעוה"ב אונ אפייער אין דער חופה פאר וואס ווייל איטליכער צדיק וועט ווערין אפגיברינט פון חברת חופה ער וועט זיך מקנא זיין ווייל דער חבר האט אשענערע חופה :

הקב"ה וועט לעתיד זיצין אין גן עדן אונ דרשינען אונ אלע צדיקים וועלין זיצין פאר איהם אונ דיא גאנצע פמליא של מעלה וועלין שטיין אויף זייערע פיס אונ דיא זון מיט דיא מזלות פון דיא רעכטע זייט פון הקב"ה אונ דיא לבנה מיט דיא שטערינס פון דיא לינקע זייט אונ הקב"ה וועט זיצין אונ דרשינען נייע תורות וואס ער וועט געבין ע"י משיח. אונ וויא ער וועט אויס לאזין דיא דרשה וועט זיך שטעלין זרובבל בן שאלתיאל אויף זיינע פיס אונ זאגין יתגדל ויתקדש אונ זיין קול וועט גיין פון עק וועלט ביז עק וועלט אונ דיא גאנצע וועלט וועט ענטפערין אמן. אונ אפילו דיא רשעי ישראל וואס זענען גיבליבין אין גיהנם וועלין אויך ענטפערין אמן פון גיהנם אונ דיא וועלט וועט שטורעמען ביז מיוועט הערין דאס קול פון זייער גישרייא פאר הקב"ה אונ הקב"ה וועט פרעגין וואס איז דאס קול פון

הרעש הגדול אשר שמעתי ומשיבים מלאכי השרת ואומרים לפניו רבש"ע אלו רשעי ישראל שנשתיירו בגיהנם שעונים אמן ומצדיקים עליהם את הדין. מיד מתגלגלים רחמיו של הקב"ה עליהם ביותר ואומר מה אעשה להם יותר על דין זה כבר יצר הרע גרם להם באותו שעה נוטל הקב"ה מפתח של גיהנם בידו ונותן להם למיכאל ולגבריאל בפני כל הצדיקים. ואומר להם לכו ופתחו שערי גיהנם והעלו אותם. מיד הולכים עם המפתחות ופותחים שמונה אלף שערי גיהנם וכל גיהנם וגהינם שלש מאות פרסה ארכו ושלש מאות פרסה רחבו ועוביו אלף פרסה ועמקו מאה פרסה. וכל רשע ורשע שנופל לתוכו שוב אינו יכול לעלות. מה עושין מיכאל וגבריאל באותו שעה תופסין ביד כל אחד ואחד מהם ומעלים אותם כאדם שהוא מקים את חבירו ומעלהו בחבל מתוך הבור וגו' ועומדים עליהם באותו שעה ורוחצין וסכין אותן ומרפאים אותן ממכות של גיהנם ומלבישים אותם בגדים נאים ומביאים אותם לפני הקב"ה ולפני כל הצדיקים כשהם מכוהנים ומכובדים שנאמר כהניך ילבשו צדק וחסידיך ירננו. כהניך אלו צדיקי אוה"ע שהם כהנים להקב"ה בעוה"ז וגו' וחסידיך אלו רשעי ישראל שנקראו חסידים וגו' וכשנכנסים לפתח גן עדן נכנסים מיכאל וגבריאל תחלה ונמלכים בהקב"ה. משיב הקב"ה ואומר להם הניחו להם ויכנסו שיראו את כבודי וכיון שנכנסו נופלים על פניהם ומשתחוים לפניו ומברכין ומשבחין שמו של הקב"ה. מיד צדיקים גמורים וישרים שהם יושבים לפני הקב"ה נותנים הודאות ורוממות להקב"ה וגו'. (ילקוט ישעיה תכ"ט):

**עתיד** הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וצדיק וגו'. לעושים רצונו ולמצפים לתפארתו (תלו סס):

כל

פון דעם רעש וואס איך האב גיהערט. ווערן די מלאכי השרת זאגין פאר איהם רבש"ע דאס זענען די רשעי ישראל וואס זענען גיבליבין אין גיהנם וואס זייא ענטפערין אמן אונ זענען מצדיק אויף זיך דעם דין. וועט באלד מתגלגל ווערין דאס רחמנות פון הקב"ה אויף זייא. אונ וועט זאגין וואס זאל איך זייא טוהן מיין וויא דעם דין דער יצר הרע האט זייא גורם גיוועזין. דיא שעה וועט הקב"ה נעמען דעם שליסיל פון גיהנם אין זיין האנד אונ גיט מיכאל מיט גבריאל פאר אלע צדיקים אונ זאגט צו זייא גייט אונ עפינט דיא טויערין פון גיהנם אונ נעמט זייא ארויס. ווערין זייא באלד גיין מיט דיא שליסלין אונ ווערין עפינען אכצין טויזינד טויערין פון גיהנם אונ איטליכער גיהנם איז דרייא הונדערט מייל דיא לענג אונ דרייא הונדערט מייל דיא ברייט אונ דיא גרעב טויזינד מייל אונ טיף הונדערט מייל אונ איטליכער רשע וואס פאלט אריין אין גיהנם קען שוין נישט ארויף גיין. וואס טוהן מיכאל אונ גבריאל דיא שעה ווערין זייא אן נעמען איטליכען ביא דיא האנד אונ ארויס נעמען זייא. אזוי וויא מען נעמט ארויס איינעם מיט שטריק פון א גרוב. אונ ווערין שטיין לעבין זייא דיא שעה אונ מיוועט זייא זאפ וואשין אונ אויס שמירין אונ היילין זייא פון דיא מכות פון גיהנם אונ מיוועט זייא אן קליידין שיינע מלבושים אונ מיוועט זייא ברענגין פאר הקב"ה אונ פאר אלע צדיקים אזוי וויא זייא ווערין זיין באשיינט אונ ארנטליך גיקלייד אונ אז זייא ווערין אריין גיין אין גן עדן וועט פריער מיכאל אונ גבריאל אריין גיין אונ האלטין אעצה ביא הקב"ה. אונ הקב"ה וועט זייא ענטפערין אונ זאגין פיהרט זייא אריין זאלין זייא אריין גיין כדי זייא זאלין זעהן מיין כבוד אונ וויא זייא ווערין אריין גיין ווערין זייא פאלין אויף זייער פנים אונ בוקין זיך פאר הקב"ה אונ לויבין. אונ בענשין דעם נאמען פון הקב"ה. ווערין באלד דיא צדיקים גמורים ישרים וואס זיצין פאר הקב"ה געבין לויבין אונ דער הויבונג צוא הקב"ה:

הקב"ה וועט זיין לעתיד אקרון אויף דעם קאפ פון איטליכין צדיק. דריבער וויל זייא טוהן זיין ווילן אונ האפין צו זיין שיינקייט:

איטליכער

כל תלמיד חכם שעוסק בתורה מתוך הדחק תפלתו נשמעת ומשביעין אותו מזיו השכינה ואין הפרגוד ננעל בפניו :

תני אורה שנבראת בששת ימי בראשית להאיר ביום אינה יכולה שהוא מכהה גלגל חמה ובלילה אינה יכולה מפני שלא נבראת להאיר אלא ביום והיכן היא אלא גנוזה ומתוקנת לצדיקים לעתיד לבא (שם) :

כשיחדש הקב"ה את עולמו עומד בעצמו ומסדר סדרן של חסידים סדרן של ענוים. סדרן של מלכים סדרן של נביאים סדרן של חזנים סדרן של פרנסי הדור סדר של כל דור ודור ומוריד חנוך בן ירד ששמו מטטרון ואת ארבע חיות מתחת גלגלי המרכבה ומעמיד את כסאו לצד אחד ומעלה את קרח וכל עדתו משאול ומתהום רבה ומביאים לפניו כל באי עולם והוא מסדר דינו של עצמו לפני הבריות. ואומר להם כלום ראיתם אל אחר מבלעדי בשמים ממעל ועל הארץ מתחת או בארבע רוחות העולם והעידו בי ותאמרו אמת. משיבים כולם שפה אחת בפני כל באי עולם לא ראינו כמוך בעולם אלוה בשמים ממעל או על הארץ מתחת אין מלך כמוך ואין צור בלהך (ילקוט תנב אותיות דר"ע אות ה') :

עתיד הקב"ה לישב בבהמ"ד הגדול שלו וצדיקים לפניו ואומרים על טהור טהור ועל טמא טמא ואח"כ מביאין את הרשעים ודנין אותם לפניהם יש נידונין שלשים יום ויש שלשה חדשים ויש ששה חדשים כללו של דבר שנו חכמים במשנה משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש ואח"כ באים הצדיקים ואומרים רבש"ע אותם בני אדם שהיו משכימין ומעריבין

איטליכער תלמיד חכם וואס איז עוסק בתורה פון ענגשאפט ווערט זיין תפלה געהארכט אונ מען זעט איהם אן פון זיו השכינה אונ דער פרגוד דיא מחיצה פון דיא שכינה ווערט נישט פאר שלאסין פאר איהם :

מיר האבין געלערינט דאס ליכטיקייט וואס איז באשאפין געווארין בששת ימי בראשית. ביא טאג קען דאס נישט לייכטין ווייל דאס מאכט טונקיל דעם גלגל חמה. ביא נאכט קען דאס נישט לייכטין ווייל עס איז נאר באשאפין געווארין עס זאל לייכטין ביא טאג. נאר וויא איז דאס ליכטיקייט עס איז באהאלטין אונ מתוקן פאר דיא צדיקים לעתיד לבא :

אז הקב"ה וועט באנייען זיין וועלט וועט ער אליין שטיין אונ מסדר זיין. דעם סדר פון חסידים. דעם סדר פון ענוים. דעם סדר פון מלכים. דעם סדר פון נביאים. דעם סדר פון חזנים. דעם סדר פון פרנסי הדור. דעם סדר פון איטליכין דור אונ וועט אראפ ברענגין חנוך בן ירד אונ ער הייסט מטטרון. מיט דיא פיר חיות המרכבה אונ וועט אנידער שטעלין זיין שטול פון איין זייט אונ וועט אויף ברענגין קרח מיט זיין עדה פון שאול אונ וועט זייא ברענגין פאר דיא גאנצע וועלט אונ וועט זאגין צוא זייא איהר האט געזעהן אנאנדערין גאט חוץ מיר אין הימעל אין דער הייך אונ אויף דער ערד פון אונטין אדער אין דיא פיר זייטין פון דיא וועלט אונ זאגט עדות אויף מיר אונ זאגט דעם אמת. וועלין אלע ענטפערין מיט איין לשון פאר דיא גאנצע וועלט מיר האבין נישט געזעהן אויף דיא גאנצע וועלט אזוי אגאט וויא דיא נישט אין הימעל אין דער הייך אונ נישט אויף דער ערד פון אונטין איז נישטא אזוי אמלך וויא דוא אונ נישט קיין באשעפער חוץ דיר :

הקב"ה וועט לעתיד זיצין אין זיין בהמ"ד דעם גרויסין אונ צדיקים וועלין זיצין פאר איהם אונ זאגין אויף טהור טהור אונ אויף טמא טמא. דער נאך וועט מען ברענגען דיא רשעים אונ משפטין זיי פאר זיי אנדערע וועלין ווערין גמשפט אויף דרייסיג טאג אנדערע דרייא חדשים. אנדערע זעקס חדשים. דער כלל איז פון דיא זאך זאגין דיא חכמים פיין וויא צוועליף חדשים איז גישטא. דער נאך וועלין קומען דיא צדיקים אונ זאגין רבש"ע דיא מענשין

ומעריבין בבתי כנסיות וקורין את שמע ומתפללים ועושים שאר מצות מיד אומר הקב"ה אם כן הוא לכו ורפאו אותם. מיד הולכים הצדיקים ועומדין על אפרם של רשעים ומבקשין עליהם רחמים והקב"ה מעמידן על רגליהם מאפרן מתחת כפות רגליהם של צדיקים ומביאן לחיי העוה"ב וכו' (ילקוט תקלב):

**לעתיד** לבא אומרים הקטני בני רשעי ישראל לפניו רבש"ע מאחר שאתה עתיד ליפרע מהם למה הקהית את שיניהם בם (ילקוט תקעח). כי מי בז ליום קטנות אלו קטני בני רשעי ישראל שמבזבזין דין אביהם לע"ל:

**ושבתי** אני ואראה את העשוקים אלו הקטנים הנגנזים בחייהם ולעתיד לבא עומדים בחבורה של צדיקים ואבותיהם עומדים בחבורה של רשעים ואומרים לפני הקב"ה כלום מתנו אלא בעון אבותינו. והקב"ה אומר להם אבותיכם חטאו מאחריכם. באותו שעה בא אליהו ז"ל ומלמד סנגוריא ואומר להם אמרו לפניו רבש"ע לפניך מדת פורעניות ומדת טובה מדת פורעניות מעוטה ומדת טובה מרובה ולא מתנו אלא בגלל אבותינו לא כ"ש שיבואו אבותינו אצלנו אמר להם הקב"ה חייכם יפה למדתם סניגוריא (קהלת):

**תינוק** של ישראל עתיד להושיט אצבעו לתוך גלגל עינו של צפעוני ומוציא מרה מתוך פיו. והגמול מחלב עתיד ליתן ידו לתוך פיו של חברבר ומוציא מרה מתוך פיו (ישעיה יא):

**בשעה** שהקב"ה מגלה שכינתו לעתיד על ישראל אינו נגלה עליהם בפעם אחת מפני שלא

מענטשן וואס זענען אויף געשטאנען פריא און געקומען נאהינט אין שוהל אריין און געלייענט קריאת שמע און מתפלל געוועזן און געטוהן אנדערע מצות. ווערט באלד דער רבש"ע זאגן אויב עס איז אזויא גייט היילט זייא וועלין באלד גיין דיא צדיקים און שטעלין זיך אויף זייער אש פון דיא רשעים און בעטין אויף זייא רחמים און הקב"ה וועט זייא שטעלין אויף זייערע פיס פון זייער אש וואס פון אונטער דיא פיס פון דיא צדיקים און וועט זייא ברענגין לחיי העוה"ב:

לעתיד לבא וועלין דיא קליינע קינדער פון דיא רשעי בני ישראל וועלין אפ ווארפין דעם דין ומשפט פון זייער פאטער זייא וועלין זאגין רבש"ע אז דוא ביסט געוועזין אן גיברייט גיצאהלט ווערין פון זייא פאר וואס האסטו זייערע ציין געמאכט היילינג דורך אונז וואס מיר זענען געשטארבין דורך זייערע עבירות:

ושבתי אני ואראה את העשוקים. דאס איז דיא קטני בני רשעי ישראל וואס שטארבין פאר זייער פאטערס לעבין לעתיד לבא וועלין זייא שטיין אין אחבורתה פון צדיקים און זייערע פאטערס וועלין שטיין אין אחבורתה פון רשעים און זייא וועלין זאגין פאר הקב"ה מיר זענען דאך געשטארבין נאר איבער דיא זינד פון אונזער פאטערס. זאגט הקב"ה אייערע פאטערס האבין אבער גיזינדיגט נאך אייך. אין דיא שעה וועט אליהו הנביא ז"ל מלמד זכות זיין אויף זייא און זאגט צו זייא זאגט פאר הקב"ה רבש"ע פאר דיר איז אמדה פון פרעניות און אמדה פון טובה מדת פרעניות איז קלענער און מדת טובה איז מיין מיר זענען נאר געשטארבין גאר איבער אונזערע פאטערס דארפין אונזערע פאטערס קומען צו אונז וועט באלד הקב"ה זאגין חייכם איר דאט שיין מלמד זכות גיוועזין:

לעתיד לבא וועט אקינד פון אישראל אויס ציעהן זיין פינגער אין דעם אויג פון אשלאנג און ארויס נעמען אגאל פון זיין מויל און אקינד וואס איז אנטווינט פון דיא מילך וועט אריין שטעקין זיין האנד אין מויל פון אחברבר און וועט איהם ארויס נעמען דיא גאל פון זיין מויל:

שלא יוכלו לעמוד באותו טובה ובפתע פתאום ימותו וגו' אלא מה הקב"ה עושה גגלה עליהם קימעא קימעא בתחלה משיש את אחרים שנאמר ישׂשׂום מדבר וציה ואח"כ ותגל הערבה ותפרח כחבצלת ואח"כ פרוח תפרח ואח"כ כבוד הלבנון ואח"כ המה יראו כבוד ה' (תמת סס ועיין תנחומא דברים) :

**כשנשתברו** הלוחות נגזרה גזרה על ישראל שילמדו תורה מתוך צער ומתוך הטלטול ומתוך הטרוף ומתוך הדוחק. ומתוך שאין להם מזונות. ובשביל אותו הצער שמצטערין עתיד הקב"ה לשלם להם שכרן לימות המשיח כפול ומכופל שנאמר הנה שכרו אתו (תמס יסעיה) :

**ביום** ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון דברים שהם מכוסים מכם בעוה"ז עתידים הם להיות צפויים לכם כבהדין בולים (מראה של זכוכית) (ילקוט תנג) :

**(שמע** אלי יעקב וישראל מקוראי. מזומני לפיכך כשתבא הגאולה והסעודה הוא שמח יגל יעקב ישמח ישראל וגו' לפי שיעקב מצטער בזמן שישראל מצטערין לפיכך כשתבא הגאולה לישראל הוא שמח אימתי יגל יעקב כשישמח ישראל) (תסו) :

**מה** שהיה הוא שיהיה כשם שנטל הקב"ה את ישראל ביציאתן ממצרים בענני הכבוד שנאמר ואשא אתכם על כנפי נשרים כך הוא עושה להם לעתיד (תקל) :

**שוש** אשיש בה'. משל למטרונא שהלך בעלה ובנה וחתנה למדינת הים אמרו לה באו בניך אמרה להם ישמחו כלותי הרי חתניך ישמחו בנותי כיון שאמרו לה הרי בעלך אמרה להם הא חדו שלמה כך הנביאים אומרים לה לירושלים בניך מרחוק יבואו והיא אומרת ישמח הר ציון. ובנותיך על צד תאמנה היא אומרת תגלנה בנות יהודה. וכיון שאמרו

**בשעת** הקב"ה וועט מגלה זיין די שכינה לעתיד אויף די ישראל וועט ער נישט אנפלעקין מיט איין מאהל ווייל זיא וועלין נישט קענין בייששטיין די טובה וועלין זיא פליצלונג שטארבין נאר הקב"ה וועט אנטפלעקין אויף זיא ביסליך ווייס פריער וועט ער מאכען אנדערע פרייען וויא עס שטייט דער נאך ישׂשׂום מדבר וציה. דער נאך ותגל הערבה ותפרח כחבצלת דער נאך פרוח תפרח. דער נאך כבוד הלבנון דער נאך המה יראו כבוד ה' :

**בשעת** די לוחות זענען צו בראכין געווארין איז נגזר׳ה גזרה אויף ישראל אז זיי זאלין לערנען תורה פון צער פון טלטול פון צו מיטונג פון דוחק. פון נישט האבין מזונות אונ איבער דעם צער וואס זיא זענען זיך מצער וועט הקב"ה באצאהלין זיא שכר לימות המשיח טאפיל :

**שמע** אלי יעקב. הער צו מיר יעקב. אונ ישראל וואס איך האב זייא מזמן געוועזין צו דער סעודה. אז עס וועט קומען די גאולה מיט די סעודה וועט זיך יעקב פרייען ווייל יעקב האט געהאט צער ווען די ישראל האבין צער דריבער אז די גאולה וועט קומען צוא די ישראל וועט זיך יעקב פרייען. יגל יעקב ישמח ישראל :

**מה** שהיה הוא שיהיה אזוי בשעת הקב"ה האט ארויס גענומען די ישראל פון מצרים האט ער זייא געטראגין אויף די ענני הכבוד אזוי וועט זיין לעתיד וועט ער זייא אויך טראגין אויף די ענני הכבוד :

**שוש** אשיש בה'. א משל צו א מטרונא ווס דער מאן מיט אירע זין מיט אירע איידעם זענען אוועק קיין מדינת הים. האט מען איר אן געזאגט א בשורה דיינע זין זענען גיקומען זאגט זיא לאזין זיך מיינע שנור פרייען זאגט מען איהר דייע איידימעס זענען גיקומען זאגט זיא לאזין זיך פרייען מיינע טעכטער וויא מען האט איהר געזאגט דיין מאן איז גיקומען זאגט זיא צו זייא האט דאס איז מיין שמחה אין גאנצין. אזוי די נביאים זאגין צו ירושלים. דיינע קינדער קומען פון ווייטין זאגט זיא זאל זיך פרייען דער הר ציון. זאגין זייא איהר דיינע טעכטער

וועט

שאמרו לה מלכך יבא לך היא אומרת הא חדו שלמה שוש אשיש בה' (תקב) :

**כל** הברכות והטובות והנחמות שראו הנביאים לא לחנם הרשם הקב"ה לפרסמן אלא כדי שיגעו ישראל בתורה ויקבלו שכר שמא תאמר כולו ראו ת"ל עין לא ראתה אלהים זולתך וא"א לומר שלא ראו אלא מקצת דכתיב כי לא יעשה אלהים דבר וגו' וכיצד ראו ר' ברכיה אמר כמין סרקא דחבית ורבי אמר סעודה ראו ומתן שכר לא ראו. ר' יוסי אומר לא סעודה ולא מתן שכר ראו :

**נקבה** תסובב גבר בעוה"ז דקב"ה מחזר לישראל שיעשו רצונו ויחזרו בתשובה אבל לע"ל ישראל מחזרים על הקב"ה שיעשו רצונו שנאמר נקבה תסובב גבר :

**בעולם** הזה אדם לוקט תאנים בשבת אין התאנה אומרת לו כלום אבל לע"ל היא צווחת ואומרת שבת הוא. בעוה"ז אדם הולך ומשמש עם אשתו נדה אין מי שיעכבנו אבל לע"ל האבן זועקת ואומרת נדה היא (ירמיס סמו) :

**מה** דרכו של חרס כיון שנשבר אין לו תקנה כך כשתפסיק הפורעניות מישראל אין עתידה לחזור להם (כלס) :

**ואת** רוחי אתן בקרבכם בעוה"ז היא נבזקת באחד מאיבריה אבל לע"ל היא נבזקת בכל הגוף בעוה"ז בנפיחה ויפח באפיו נשמת חיים ובעוה"ב לע"ל בנשימה דכתיב ואת רוחי אתן וגו' :

**אמר** הקב"ה לישראל בני יצר הרע מכשול גדול הוא אלא סתתוהו קימעא קימעא לסוף אני מעבירו מן העולם (תקלג) :

אמר

העט מען אויף ציעהן ביא דער זייט זאגט זיא זאלין זיך פרייען דיא טעכטער פון יהודה וויא מען האט איהר געזאגט דיין מלך קומט צוא דיר זאגט זיא דאס איז מיין פרייד אין גאנצין. שוש אשיש בה :

אלע ברכות אונ טובות אונ נחמות וואס דיא נביאים האבין געזעהן. נישט אום זיסט האט הקב"ה גיגעבין רשות מפרסם צו זיין נאר כדי דיא ישראל זאלין זיך מייגע זיין אין דיא תורה אונ מקבל זיין שכר. אפשר ווערטו זאגין אז זייא האבין אלעס גיזעהן שטייט אין פסוק אז קיין אויג האט נישט גיזעהן חוץ בביכול זייא האבין נאר גיזעהן אביסעל אזוי וויא פון אשפאלט פון אפאס אונ רבי זאגט זייא האבין נאר גיזעהן דיא סעודה אבער נישט דעם מתן שכר. ר' יוסי זאגט נישט דיא סעודה נישט דעם מתן שכר :

נקבה תסובב גבר. אויף דער וועלט איז הקב"ה מחזר נאך דיא ישראל זייא זאלין טוהן זיין רצון אונ חוזר בתשובה זיין אבער לעתיד לבא וועלין דיא ישראל מחזר זיין נאך הקב"ה זייא זאלין איהם טוהן זיין רצון :

בעולם הזה אז אמענש גייט קלויבין פייגין אום שבת זאגט דער פייגין בוים גאר נישט אבער לעתיד לבא וועט דער פייגין בוים שרייען אונ זאגין עס איז שבת בעוה"ז אז איינער איז משמש מיט זיין ווייב אנדה איז נישטא ווער עס זאל איהם פאר האלטין אבער לעתיד לבא וועט דער שטיין פון דיא וואנט שרייען זיא איז אנדה :

אזוי וויא אכלי פון אשארבין אז זיא ווערט צו בראכין איז נישטא קיין תקנה אזוי אז עס וועט אויף הערין דער פורעניות פון ישראל וועט שוין קיינמאל נישט קריג קומען צו זיי :

ואת רוחי אתן בקרבכם בעוה"ז ווערט דיא נשמה גיבליצט נאר דורך איין אבר דאס אויג אבער לעתיד לבא וועט דיא נשמה זיין גיבליצט אין גאנצין גוף. בעוה"ז איז דיא נשמה נאר אריין גיבלאזין וויא עס שטייט ויפח באפיו נשמת חיים אבער לעתיד וועט דיא נשמה ווערין אריין גיגעבין וויא עס שטייט ואת רוחי אתן בקרבכם :

הקב"ה זאגט צו דיא ישראל מיינע קינדער דער יצר הרע איז אגרויסער מכשול נאר האקט

איהם

**אמר** הקב"ה לישראל בני הוו זהירין במצות ואתם נוטלים שכר שלא תאמרו על חנם אנו יגיעים וכו' (תקלח) :

**אומרין** למלך המשיח היכן את מבקש לדור אומר אוף דא צריכא שאיל על ציון הר קדשי (תעו) :

**שנה** שמלך המשיח נגלה בה כל מלכי או"ה מתגרין זה בזה מלך פרס מתגרה במלך ערבי והולך מלך ערבי לארם ליטול עצה מהם וחוזר מלך פרס ומחריב את כל העולם וכלם מתרעשים ומתבהלים ונופלים על פניהם ויאחוז אותם צירים כצירי היולדה. וישראל מתרעשין ומתבהלים ואומרים להיכן נבוא ונלך להיכן נבוא ונלך ואומר להם בני אל התיראו כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם מפני מה אתם מתיראים הגיע זמן גאולתכם אל תיראו ולא כגאולה ראשונה גאולה אחרונה כי גאולה ראשונה היה לכם צער ושעבוד מלכיות אחריה אבל גאולה אחרונה אין לכם צער ושעבוד מלכיות אחריה (תלט) :

**למה** רחם ארחמנו שני פעמים. אלא רחם שרחם הקב"ה על מלך המשיח בשעה שהיה חבוש בבית האסורים שבכל יום ויום היו העובדי אלילים מחרקין שיניהם ומרמזין בעיניהם ומנענעין בראשיהם ומפטירין בשפתותיהם שנאמר כל רואי ילעיגו לי וגו' כל המזמור. ארחמנו בשעה שהוא יוצא מבית האסורים שלא מלכות אחד ולא שתי מלכיות באים עליו אלא מאה ועשרים מלכיות מקיפים אותו ואומר לו הקב"ה אפרים משיח צדקי אל תירא מהם כי כל אלו ברוח שפתיך ימותו. שנא' וברוח שפתיו ימית רשע (ילקוט ישעי') :

הגה

איהם ארוים ביסליך וויים צום סוף וועל איך איהם מעביר זיין פון דיא וועלט :
הקב"ה זאגט צו דיא ישראל מיינע קינדער זייט נזהר אין מיינע מצות אונ נעמט שכר איר זאלט נישט זאגין אז אומזיסט מאמערט איהר זיך :
מיוועט פרעגין דעם מלך המשיח וויא ווילסטו וואהנין וועט דער מלך המשיח זאגין וואס דארפין פרעגין אוודאי על ציון הר קדשי :
דאס יאהר וואס דער מלך המשיח וועט אנטפלעקט ווערין וועלין זיך אלע מלכים פון דיא עו"ג רייצין זיך איינער מיט דעם אנדערין דער מלך פרס מיט דעם מלך ערב אונ דער מלך ערב וועט גיין אעצה האלטין מיט דעם מלך ארם אונ דער מלך פרס וועט קריג גיין אונ חרב מאכין דיא גאנצע וועלט אונ אלע וועלין שטורעמין אונ וועלין דער שראקין ווערין אונ פאלין אויף זייער פנים אונ עס וועט זייא אן נעמען ווייען וויא א גיווינערין אונ דיא ישראל וועלין אויך שטורעמען אונ שרעקין זיך אונ וועלין זאגין וויא וועלין מיר קומען אונ גיין וועט הקב"ה צו זייא זאגין האט נישט קיין מורא אליץ וואס איך האב גיטוהן האב איך ני:ט גיטוהן נאר צו ליב אייך פאר וואס האט איהר מורא עס איז שוין גיקומען דיא צייט פון דיא גאולה האט נישט קיין מורא דיא גאולה וועט ני:ט זיין וויא דיא פריערדיגע גאולות וואס עס איז גיוועזין דער נאך ווייטער גלות שעבוד מלכיות מיט צער אבער דיא גאולה וועט שוין נישט זיין דער נאך קיין צער גלות שעבוד מלכיות :
רחם ארחמנו נאום ה'. פאר וואס שטייט צווייא מאל נאר רחם הקב"ה וועט זיך מרחם זיין אויף מלך המשיח בשעת ער איז גיזעסין אין תפיסה אונ איטליכין טאג האבין דיא עובדי אלילים גיקריצט מיט דיא ציין אונ גיווינקין מיט דיא אויגין אונ גישאקילט מיטין קאפ אונ גירעט מיט דיא לעפצין אונ גישפעט. ארחמנו בשעה ער גייט ארוים פון דיא תפיסה וואו ארום נישט איין מלכות אונ נישט צווייא מלכים נאר הונדערט אונ צוואנציג מלכיות וועלין איהם ארום רינגלין וועט הקב"ה זאגין צוא איהם אפרים משיח צדקי האב נישט מורא פאר זייא ווייל דיא אלע וועסטו מיט דעם אטעם פון דיין מויל זייא טייטין :

הגה

**הנה** ישכיל עבדי זה מלך המשיח ירום ונשא וגבה מאד. ירום מן אברהם וגו' ונשא ממשה שכתוב בו כי תאמר אלי שאהו בחיקך וגבה ממלאכי השרת שנאמר בהם וגביהם וגובה להם (תעו):

**א"ר** חייא בר אבא כשהיו הקרבנות קרבים היה סאה ארבלית עושה סאה סלת סאה קמח סאה קיבר סאה סובין סאה מורסן וכו' שכל מה שהיה קרב על המזבח היה מברך את מינו. שתי הלחם ולחם הפנים היו מברכין את הלחם. והביכורים היו מברכין את פירות האילן. מעשה בר' יונתן בן אלעזר שהיה יושב תחת תאנה אחת בקיץ והיתה תאנה מלאה תאנים יפות ירד עליהם טל והיו התאנות זובות דבש והיה הרוח מגבלו בעפר באה עז אחת והיתה מנטפת חלב וקרא לתלמידים ואמר בואו וראו מעין דוגמא של עולם הבא. מעשה בסופר אחד שהיה עולה לירושלים בכל שנה והכירו אותו שהיה אדם גדול בתורה אמרו לו טול לך חמשים זהובים בכל שנה ושב לך אצלנו אמר להם יש לי גפן אחת והיא יפה מכלם והוא עושה לי ג' צופריאות בכל שנה שש מאות חביות בכל שנה הראשונה עושה לי שלש מאות ושניה שני מאות ושלישית מאה אחת ואני מוכר אותם בדמים יקרים הרבה וכל השבח הזה בשביל נסוך היין ולעתיד לבא הקב"ה מחזיר את הברכות שנאמר ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו (תקסס חבקוק):

**עתיד** הקב"ה להביא סיני ותבור וכרמל והרמון ולבנות בהמ"ק עליהם א"ר הינא ודיגר עד כאן אלא בהמ"ק אומר שירה והן ההרים עונין אחריו (תקנב):

**מעין** היוצא מבית קדשי הקדשים בתחלה דומה לקרני חגבים כיון שהגיע לפתח האולם דומה

הנה ישכיל עבדי. דער מלך המשיח וועט מצליח זיין ער וועט זיין העכער ווי אברהם און גרעכער ווי משה רבינו און העכער ווי די מלאכי השרת:

ר' חייא בר אבא זאגט בשעת אז מיהאט מקריב געוועזן די קרבנות האט א סאה אויס גיגעבין. א סאה זעמעל מעהל א סאה גראב מעהל א סאה גימיין מעהל א סאה קלייען א סאה דינע קלייען. אין איטליכע זאך וואס מיהאט מקריב גיוועזן אויפן מזבח האט דאס מין גיבענשט גיווארין. די שתי הלחם און דער לחם הפנים האבין גיגעבין א ברכה אין ברוט. די ביכורים האבין גיגעבין א ברכה אין די פירות פון בוימער. א מעשה ביי ר' יונתן בן אלעזר איז גיזעסין אונטער א פייגין בוים אום זומער. און דער פייגין בוים איז געווען פול מיט פייגין שיינע איז אויף זייא גיגאנגען די ראסע האבין די פייגין גירונען האניק און דער ווינט האט אוים גיקניטין מיט די ערד. דער נאך איז צו גיקומען א ציג האט פון איהר גיטריפט מילך האט ער גירופין די תלמידים און גיזאגט צו זייא קומט און זעהט א דוגמא של עולם הבא. א מעשה ביי א סופר איז גיגאנגען קיין ירושלים אלע יאהר האט מען איהם דער קענט אז ער איז א גרויסער מא' אין די תורה האבין זייא גיזאגט צו איהם נעם פופציג גילדין אלע יאהר און וואהן ביי אונז. זאגט ער צו זייא איך האב איין ווין שטאק און ער איז בעסער ווי אלע ער מאכט מיר דריי וואר שלין אלע יאהר. און איך האב זעקס הונדערט פאס וויין אלע יאהר. דאס ערשטע מאהל דרייא הונדערט דאס אנדערע מאהל צוויא הונדערט דאס דריטע מאהל הונדערט און איך פאר קויף פאר טייער געלד. און דאס איז אלץ וויל מען האט מנסך גיוועזן וויין אויפן מזבח און לעתיד לבא וועט הקב"ה אונז אפ געבין די אלע ברכות. ווייא עס שטייט אין פסוק ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו:

הקב"ה וועט ברענגען די ם בארג סיני ותבור וכרמל והרמון און בויען אויף זייא א בית המקדש זאגט ר"ה גינוג ביז אהער נאר דער בהמ"ק וועט זאגין שירה און די בערג וועלין נאך ענטפערין:

דומה לחוט של שתי כיון שהגיע לפתח ההיכל דומה לחוט של ערב כיון שהגיע לפתח העזרה נעשה כפי פך קטן ותנא דבי ר' אליעזר בן יעקב מים מפכין עתידין לצאת מתחת מפתן הבית מכאן ואילך מתגבר ועולה כיון שמגיע לפתח בית דוד נעשה כנחל שוטף שכו רוחצין זבים וזבות נדות ויולדות וגו' ולאן הולכים לים הגדול ולימה של טבריה ולימה של סדום כדי לרפאות את מימן וגו' ניחא ימא רבא וימא דמילחא בשביל למתקן ימא דטבריה וימא דסבכי כדי להרבות דגהן (ספג יחזקאל) :

כל הנחלים הולכים אל הים. כל הממון אינו עולה אלא להאוצר והים איננו מלא והאוצר אינו מתמלא דכתיב ועיני האדם לא תשבענה. אל מקום שהנחלים הולכים וגו' שהם מחזירין אותו לעתיד לבא דכתיב והיה סחרה ואתננה קודש לה' (ילקוט קהלת) :

לעתיד לבא ישראל ועו"ג מתפחדים ישראל מתפחדים שנאמר ופחדו אל ה' ואל טובו ועו"ג מתפחדים שנאמר פחדו בציון חטאים (תלט וציין תנחומא לך לך) :

כל שטה ושטה שנטלו אוה"ע מירושלים עתיד הקב"ה להחזיר להם (ת"ן ר"ס כג) :

לעתיד לבא באים כל העו"ג ומתגיירים. ומי מקבלינן מינייהו וגו' אלא שנעשו גרים גרורים ומניחין תפילין בראשיהם ובזרועותיהם וציצית בבגדיהם ומזוזה בפתחיהן וכיון שהם רואין מלחמת גוג ומגוג אומרים להם על מה באתם אומרים להם על ה' ועל משיחו מיד כל אחד ואחד מנתק מצותיו והולך שנאמר ננתקה את מוסרותמו וגו' והקב"ה יושב

פון קדשי הקדשים וועט ארויס גיין אקוואל פריער וועט ער זיין אזוי דין וויא דיא הערנער פון אהיישריק וויא ער וועט קומען צו דיא טיהר פון אולם וועט ער שוין זיין גלייך וויא אפאדעם פון שתי וויא ער וועט קומען צו דיא טיהר פון היכל וועט ער שוין זיין וויא אפאדעם פון ערב וויא ער וועט קומען צו דיא טיהר פון דיא עזרה וועט ער ווערין וויא דאס מויל פון אקליין קריגיל. ר' אליעזר בן יעקב לערינט אז וואסער וויא אקריגיל וועט ארויס גיין פון אונטער דיא שוועל פון בהמ"ק אונ פון דארטין וועט ער זיך שטארקין אונ גיין ביז ער וועט גרייכין צו דיא טיהר פון בית דוד וועט ער ווערין וויא אפלייציטיגער טייך וואס אין איהם וועלין זיך וואשין זבים וזבות נדות ויולדות דער נאך וועט ער גיין צום ים הגדול אונ צום ים טבריה אין דעם ים פון סדום כדי צו היילין זיינע וואסער. אין דעם ים הגדול אונ דעם ים המלח צו פאר ריכטין זייער וואסער זאלין זיין זים אונ דעם ים סדום מיטין ים הסבכי צו מעהרין זייערע פיש :

דאס גאנצע געלט גייט אריין אין דיא אוצרות אונ דיא האוצר ווערין נישט פאר פילט וויא עס שטייט ועיני האדם לא תשבענה דיא אויגין פון מענש קענען זיך נישט אן זעטין. אל מקום שהנחלים אבער דאס גאנצע געלד וועלין זייא אוועק געבין לעתיד לבא :

לעתיד לבא וועלין זיך דיא אומות העולם מיט דיא ישראל שרעקין זיך. דיא ישראל וועלין זיך שרעקין צום הקב"ה גיטס וואס מען וועט זייא געבין אונ דיא עו"ג וועלין זיך שרעקין וויא עס שטייט ופחדו בציון חטאים :

איטליכער מעגען בוים וואס דיא אוה"ע האבין צו גינומען פון ירושלים וועט הקב"ה לעתיד קריג אפ געבין זייא :

לעתיד לבא וועלין קומען אלע עכ"ם אונ וועלין זיך מתגייר זיין. צו מיוועט דען צו נעמין גרים אין משיחס צייטין. נייז נאר זייא וועלין ווערין גרים פון זיך אליין אונ וועלין לייגין תפילין אופין קאפ אונ אופין ארעם אונ ציצית אין זייערע קליידער אונ א מזוזה אין זייערע טיהרען. וויא זייא וועלין דער זעהן דיא מלחמה פון גוג ומגוג וועלין זייא פרעגין צו זייא אויף וועמין זענט איהר גיקומען מלחמה האלטין וועלין זייא זאגין על ה' ועל משיחו וועלין זייא באלד אראפ ווארפין פון זיך דיא תפילין אונ דיא ציצית אונ דיא מזוזה וויא עס

ישב ומשחק עליהם. אר"י אין לו להקב"ה בעולמו אלא אותו היום בלבד (תק"ב):

**אר"** אבא בר כהנא חשך ואפלה שמשו בעוה"ז וגו' אבל תהו ובהו לא שמשו והכן עתידין לשמש בכרך גדול של רומי (ת"ק): יבא כל בשר. אפילו הגוים שלא עבדו בישראל מלך המשיח מקבלם (תק"ג):

**לעתיד** לבא באים כל שרי העכו"ם לפני הקב"ה ומקטרגים על ישראל ואומרים לפני הקב"ה רבש"ע אלו עו"א ואלו עו"א וכו' הללו יורדים לגיהנם והללו אין יורדים אמר להם א"כ הרד כל אומה ואומה עם אלהיה שנא' כי כל העמים ילכו איש וגו' (תק"ב):

**שלשה** פעמים גוג ומגוג ועכו"ם באים על ירושלים ובשלישית הם באים ועולים לירושלים והם הולכים ליהודה ומתייראין מהם שהם גבורים וכו' ומוסרים לכל אחד מהם שני גבורים למה כדי שלא יברח וכיון שנגברו בני יהודה עולים עמהם ומגיעים לירושלים ומהפללים בלבם ואומרים נפול בידם ולא הם בידינו ולמה הם מתפללים בלבם שמתייראים הם להשמיע קולם וגו' אומר להם הקב"ה בתמימות באתם חייכם שהתמימות עולה לכם שנאמר תומת ישרים תנחם:

**באותה** שעה הקב"ה נותן לבני יהודה גבורה והם שולפין כלי הזין שלהם ומכים לאותם האנשים שמימינם ומשמאלם והורגים אותם (תקע"ט זכרי'):

**עתיד** הקב"ה להשקות את ישראל ארבע כוסות של ישועה (ילקוט חדש משיח):

**אוי** להם להרשעים ועו"ג כשהקב"ה נוקם מהם בעצמו:

**בשלשה** שעות עתיד הקב"ה להפרע מעשו ואלופיו שנאמר עתה אקום עתה ארומם עתה אנשא (ילקוט סס"ס):

בתחלה

עס שטייט נִתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ. אונ הקב"ה וועט לאזן פון זייא. ר"י זאגט אז הקב"ה האט נישט קיין שמחה אויף דער וועלט נאר דעם טאג אליין:

**חשך** ואפלה האבין שוין בניצט אויף דער וועלט נאר תהו ובהו ואך נישט ווען וועט משמש זיין תהו ובהו אין דיא גרויסע שטאט רומי. יבא כל בשר. אפילו דיא אומות וואס האבין נישט גידינט מיט די ישראל וועט אויך דער מלך המשיח זייא מקבל זיין:

**לעתיד** לבא וועלין קומען דיא אלע שרי העו"ג אונ מקטרג זיין אויף דיא ישראל אונ וועלין זאגין פאר הקב"ה רבש"ע מיר האבין גידינט ע"ז אבער זייא אויך מיר האבין מג"ע זייא אויך מיר האבין שפך דמים גיוועזין אבער זייא אויך פאר וואס גיין מיר אין גיהנם אונ זייא נישט וועט הקב"ה זאגין זאהל איטליכע אומה גיין אין גיהנם מיט איהר גאט:

**דרייא** מאהל וועט קומען גוג ומגוג קיין ירושלים מלחמה האלטין אונ דאס דריטע מאהל וועלין זייא אריין קיין ירושלים אונ וועלין גיין קיין יהודה אונ זייא וועלין מורא האבין פאר זייא ווייל זייא זענען גיבורים. וועלין זיי א איבער ענטפערין צו איטליכין צוויי גיבורים כדי ער זאל נישט אנטלויפין וויא זייא וועלין זיך שטארקין גוג ומגוג. וועלין זייא מיט נעמען דיא בני יהודה אונ זייער חיל אריין אונ וועלין גרייכין קיין ירושלים וויא זייא וועלין קומען קיין ירושלים וועלין זייא מתפלל זיין אין הארץ אונ וועלין זאגין לאמיר פאלין בעסער אין זייערע הענט פון דיא בני ירושלים אונ נישט זייא אין אונזערע הענט פאר וואס וועלין זיי מתפלל זיין אין הארץ ווייל זייא וועלין מורא האבין פאר זייא צו מאכין הערין זייער קול וועט הקב"ה זאגין צו זייא איהר זענט גיקומען בתמימות חייכם אז דאס תמימות וועט אייך ביישטיין תומת ישרים תנחם:

**דיא** שעה וועט הקב"ה געבין דיא בני יהודה גבורה זייא וועלין ארויס נעמען זייער כלי זין אונ וועלין שלאגין דיא מענשין פון זייער רעכטע זייט אונ דיא לינקע זייט אונ וועלין זייא הרגנין:

**בתחלה** מעמיד כהמ"ק ואח"כ פורע מאומות (שם):

**לעתיד** לבא עתיד הקב"ה לעשות למלאך המות איספרטינים (שלוט ומגזין) לפי' ושאול בלה ונגפו לא בלה וכ"כ למה על שפשטו ידיהם בזבול (שם):

**הגליות** אינן מתכנסות אלא בזכות השתחויה וגו' ישראל לא נגאלו אלא בזכות ההשתחואה וגו' בית המקדש לא נבנה אלא בזכות ההשתחוואה וגו' המתים אינן חיים אלא בזכות ההשתחוואה (ילקוט פ):

**אין** הגליות מתכנסות אלא בזכות האמנה שנא' תשורי מראש אמנה (שס"ם תנחומא בשלח):

**תשורי** עתידין להביא את ישראל כתשורה זו (שם):

**שלחיך** מקום שהוא עכשיו משולח עתיד להיות לפרדס רימונים. המשפחות שהם עכשיו משולחות ומרוחקות יבא אליהו ז"ל שלוחו של הקב"ה ויקרבם כפרדס רימונים (שם):

**הצדיקים** לעתיד לבא אינם צריכין לא אפרסמון ולא כל מיני בשמים רוח צפונית מרבצת וזולחות לפניהם כל מיני בשמי גן עדן (שם ילקוט תתקפח):

**הרוחות** עתידים להכנים את הגליות והקב"ה נותן שלום ביניהם והם נכנסות לפתח אחד (שם):

(**מי** זאת הנשקפה כמו שחר זו גאולת המשיח כדרך שהשחר יוצא ואפלה בורחת מלפניו כן אפלה נופלת על הרשעים כשיבא משיח. ומה חמה ולבנה בפרהסיא אף כשיגלה מלכות משיח היא באה בפרהסיא (שם):

**משכבי** בגלות על מנת אחריך גרוצה לעתיד לבא והקב"ה אומר לה על כן משכתיך הסר

אין דרייא שעה וועט הקב"ה לעתיד גיצאהלט ווערין פון עשו מיט זיינע אלופים וויא עס שטייט דרייא מאהל עתה אין פסוק:

פריער וועט מען אויף שטעלין דעם בית המקדש דער נאך וועט מען באצאהלין די עו"ג:

לעתיד לבא וועט הקב"ה מאכין דעם מלאך המות פאר אשליט ומנהיג אויף די אומות דער שאול וועט פאר פילט ווערין אונ זייער גוף וועט נישט פאר פוילט ווערין ווייל זייא האבין אויס גיצויגין די האנט אופין בהמ"ק חרב צו מאכין:

דיא בני הגליות וועלין נישט ווערין צוא זאמען גינומען נאר אין זכות פון בוקין זיך. דיא ישראל וועלין נישט אויס גילייזט ווערין נאר אין זכות פון בוקין זיך. דער בית המקדש וועט נישט גיבויעט ווערין נאר אין זכות פון בוקין זיך:

דיא גליות וועלין נישט ווערין צו זאמען גינומען נאר אין זכות פון אמונה וואס זייא גלייבין אין השי"ת:

דיא אומות וועלין ברענגען דיא ישראל פאר אמתנה צו דעם מלך המשיח:

שלחיך דאס ארט וואס איז אצונד פאר לאזט וועט זיין לעתיד וויא אפרדס רימונים. דיא משפחות וואס זענען אצונד דער ווייטערט וועט קומען אליהו ז"ל הקב"ה שליח אונ וועט זייא מקרב זיין וויא אפרדס רימונים:

דיא רוחות וועלין צו זאמען נעמען דיא ישראל פון גליות אונ הקב"ה וועט מאכין שלום צווישין זייא אונ אלע וועלין אריין גיין אין איין טיהר:

דיא צדיקים לעתיד לבא וועלין נישט דארפין צו קיין אפרסמון אונ נישט צו קיין שום מיני בשמים נאר דער רוח צפונית וועט אויס שפריצין פאר זייא אלערליי בשמים פון גן עדן:

מי זאת הנשקפה כמו שחר. דיא גאולה פון משיח וועט זיין וויא דער מארגין שטערין גייט ארויס אונ עס אנטלויפט דאס פינצטערניש אזוי וועט פאלין אפינצטערניש אויף דיא רשעים אז משיח וועט קומען. אונ אזוי וויא דיא זון מיט דיא לבנה זענען בפרהסיא אזוי אז עס וועט נתגלה ווערין מלכות המשיח וועט קומען בפרהסיא:

משכבי

**חסד.** עד עכשיו הייתי מקצר ימי השעבוד שהיה גלוי לפני שאתם חוזרים לשעבוד אבל עכשיו משכתי אהבם מן הגאולה משהגאלו בפעם הזאת אין אתם חוזרים לשעבוד (שם):

**הביאני** המלך חדריו שעתיד הקב"ה להראות לישראל את גנזי המרום והחדרים שבשמים (שם):

**בכרמי** עין גדי מה כרמי עין גדי היו עושין ארבע וחמש פעמים בשנה. כך עתידים הצדיקים להעמיד תולדות ארבע וחמש פעמים בשנה וי"א על כל בעילה ובעילה:

**קול** דודי כיון שנשמע קול השופר. עשרים זוועות בא לעולם. עשרה מקומות נהרגים עשרה מקומות נשרפים מלמד שאין הפתח נפתח כולו כאחת אלא אליהו ז"ל בא לעיר אחת ונעלם מחברהה ומדבר עם האיש ונעלם מחבירו (שם):

**מיום** שחרב בהמ"ק וחרבה ירושלים כביכול אין שמחה לפני הקב"ה עד שיבנה את ירושלים ויחזיר את ישראל לתוכה. שנאמר וגלתי בירושלים וששתי בעמי ולא ישמע בה עוד קול בכי וקול זעקה:

**ותחת** ארבע לא תוכל שאת זו אומה רביעית כביכול אין הקב"ה יכול להניח את ישראל אלא מיד הוא גואלם (ילקוט משלי):

**נתפזרו** ישראל לארבע רוחות העולם לקבל ארבע גליות. אות חד בכל גליות. בבבל אות י' במדי אות ה' ביון אות ו' באדום ה' אחרונה שבשם:

**מסורת** קבלה יש בידינו כי באותו היום שיבא מלך המשיח עם קבוץ גליות לארץ ישראל

משכני דו צוהסט אונז אין גלות אויף דעם תנאי אז מיר זאלין לויפן נאך דיר לעתיד לבא. אונ הקב"ה זאגט דעריבער וועל איך דיר ציהען צו מיר מיט חסד. ביז אהער האב איך מקצר גיוועזין דעם שעבוד ווייל איך האב גוויסט אז איהר וועט ווייטער אריין גיין אין אשעבוד אבער אצונד וועל איך אייך ארויס ציהען פון גלות אונ אז איך וועל אייך אויס לייזען דאס מאהל וועט איהר שוין נישט מעהר קריג געהן צום שיעבוד:

הביאני המלך חדריו הקב"ה וועט לעתיד ווייזן די ישראל די אוצרות פון הימעל אונ די חדרים פון הימעל:

בכרמי עין גדי אזוי וויא די וויין גערטנער פון עין גדי וואקסין פיר פינף מאהל אין יאהר אזוי וועלין די צדיקים אויף שטעלין תולדות פיר פינף מאהל אין יאהר. טייל זאגין פון איטליכע בעילה וועט גיבורין ווערין אקינד:

קול דודי וויא מיוועט הערין דעם קול שופר. וועט זיין צוואנציג ציטערנישי אויף דער וועלט צעהן ערטער וועלין גיהרגית ווערין צעהן ערטער וועלין ווערין פאר ברענט. צווא לערנען. די טיהר וועט זיך נישט עפינען אויף אמאל נאר אליהו ז"ל וועט קומין אין איין שטאט אריין אונ וועט ווערין פאר הוילין פון די אנדערע שטאט ער וועט רעדין מיט אמענש אונ וועט נעלם ווערין פון חבר:

פון די צייט וואס דער בהמ"ק איז חרב גיווארין אונ ירושלים איז חרב גיווארין איז כביכול קיין שמחה נישט פאר הקב"ה ביז מיוועט בויען ירושלים אונ קריג ברענגען די ישראל קיין ירושלים וויא עס שטייט וגלתי בירושלים וששתי בעמי וגו':

ותחת ארבע לא תוכל שאת. די פירדע אומה כביכול וועט הקב"ה נישט לאזין די ישראל ביא זייא נאר ער וועט זייא באלד אויס לייזין:

די ישראל זענען צו שפרייט צו אלע פיר זייטין פון די וועלט קעגין די פיר גליות קעגין די פיר אותיות פון שם:

עס איז אקבלה ביא אונז אז אין דעם טאג וואס דער מלך המשיח וועט קומען מיט קיבוץ גליות קיין ארץ ישראל וועט ער גיפינען דארט אין א"י זיבין טויזנד ישראל אין דעם

טאג

שראל ימצא שם בא"י שבעת אלפים מבני ישראל ובאותו היום יחיו המתים שבא"י גם באותו היום יסתלקו החומות מירושלים ויבנה אותם באבנים טובות ומרגליות ויחזרו אז המתים שבא"י בעת חיותם אל בריה חדשה רוחניות וכן הז' אלפים אשר נמצאים חיים שמה בעת ההיא ג"כ יהיו בריה חדשה כולם גוף רוחניית כמו אדה"ר קודם שחטא והגוף של חנוך ומשה רע"ה ואליהו וישוטטו כולם באויר ויעופפו כנשרים וכל זה יהיה לעיני אנשי קיבוץ גליות וכאשר יראו אנשי קיבוץ גליות לאלו שבירושלים במעלה הזאת יתרעמו על מלך המשיח למה נשתנו מהם ומשיב להם שהוא מטעם שאלו לא חסו על כסף וזהב ולא על גופם וחמדו ועלו לירושלים (חסד לאברהם נהר כב) :

**ישראל** נמשלו כנקבה מה נקבה נוטלת עישור נכסים מבית אביה כך תפסו ישראל ארץ שבעה עמים שהוא עישור מן שבעים אומות ולפי שירשו כנקבה אמרו שירה כנקבה שנאמר אז ישיר וגו' את השירה הזאת וגו' אבל לעתיד שהם יורשים כזכר שנאמר מפאת קדים עד פאת ים לכך יאמרו שירה בלשון זכר שירו לה' שיר חדש (ילקוט תלים) :

**המקדש** לא נשרף וכל האבנים ויסודי ירושלים לא נשרף ולא נחרב ולא נאבד אחד מהם אלא נגנזו . רק שדים ושדתין הביאו גל של אבנים משרפות סיד להשביע עינו של רשע . וק"ו משש עגלות צב וגו' וכשישוב הקב"ה ויקים את ירושלים על מקומו אותן האבנים הראשונים ישובו למקומם וכל הבנין יעמוד כבראשונה כי לא היה אלא למראות עין . (עטרה מתמרות ובאלאכטי) :

**ר'** יוסי בן חלפתא שאל את רבי יצחק למה הגלות הזה ארוך יותר מגליות הראשונים א"ל גליות הראשונים נגאלו בזכות אברהם יצחק ויעקב אבל גלות זה יגאלו בזכות

משה

טאג וועט זיין אין א"י תחית המתים אין דעם טאג וועלין דיא טויערין פון ירושלים ווערין צוא גינומען אונ מיוועט זייא בויען מיט אבנים טובות ומרגליות אונ דיא מתים פון ארץ ישראל וואס זענען לעבידיג גיוואורין וועלין ווערין אנייע בריה רוחניות אונ אזוי דיא זיבין טויזינד וואס וועלין זיך גיפינען לעבידיגע דארט דיא צייט וועלין אויך אזוי ווערין אבריה חדשה אגוף רוחניות וויא אדם הראשון פארין חטא אונ וויא דער גוף פון חנוך אונ משה רבינו אונ אליהו אונ זייא וועלין שוועבין אין דער לופטין אונ פליעהן וויא אדלערס אונ דאס וועט זיין פאר דיא אויגין פון אנשי קיבוץ גליות וויא זייא וועלין אזוי זעהן וועלין זייא מתרעם זיין אויף מלך המשיח פאר וואס זאלין זייא זיין אנדערש וויא זייא וועט ער זייא ענטפערין ווייל דיא מענשין האבין נישט חס גיהאט אויף זייער געלט מיט זייער גוף אונ האבין גילופט צו גיין קיין ירושלים :

דיא ישראל זענען גיגליכין צו אנקבה וואס זיא נעמט אצעהנדלינג פון ירושה דריבער האבין דיא ישראל גינומען נאר זיבן אומות פריער אונ האבין גיזאגט שירה בלשון נקבה את השירה הזאת אבער לעתיד וועלין זייא זיין וויא אזכר וואס ירשית אין גאנצין וועלין זייא זאגין שיר בלשון זכר. שירו לה' שיר חדש :

דער בהמ"ק מיט דיא שטיינער מיט דיא יסודות זענען נישט פאר ברענט גיווארין אונ נישט חרב גיווארין נאר באהאלטין גיווארין אויף לעתיד נאר דיא שדים האבין גיברענגט אקופה פון פאר ברענטע שטיינער כדי דער רשע זאל זיך באכטין אזוי אונ אז הקב"ה וועט אויף שטעלין ירושלים אויף זיין ארט וועלין דיא אלע שטיינער קריג קומען אויף זייער ארט אונ דער גאנצער בנין וועט קריג זיין וויא פריער :

ר' יוסי בן חלפתא האט גיפרעגט רבי יצחק פאר וואס איז דער גלות לענגער מיין וויא אלע גלותן. זאגט ער ווייל דיא פריערדיגע גאולות איז גיוועזין אין זכות פון אברהם יצחק ויעקב. אבער דר גלות איז דורך בימוטל תורה אונ זיי וועלן אוס גילייזט ווערן אין זכות פון מרע"ה אז די ישראל

ווערלין

משה כי גלות זה הוא בשביל בטול תורה אמר הקב"ה וגו' כשישובו ויחזרו לעסק התורה
בזכות משה אני גואלם (זוהר חדש ד' י ע"ב) :

**אמר** הקב"ה בעולם הזה יחידים נתנבאו אבל לעוה"ב כל ישראל יהיו נביאים שנאמר
והיה אחרי כן אשפוך את רוחי על כל בשר וגו' (תנחומא בהעלתך) :

**עתידים** צדיקים שיחיו את המתים שנא' ואיש משענתו בידו (פסחים עח) :

**עתידים** צדיקים שיאמרו לפניהם קדוש כדרך שאומרין לפני הקב"ה (ב"ב עה) :

**עתידים** צדיקים שיקראו בשמו של הקב"ה (שם) :

**עתיד** הקב"ה לעשות מחול לצדיקים והוא יושב ביניהם בגן עדן וכל אחד ואחד מראה
באצבעו שנאמר ואמר ביום ההוא וגו' :

**עתיד** הקב"ה להיות ראש חולה לצדיקים לעתיד לבא הצדיקים חלים לפניו כעלמות
ומראים עליו באצבעו ואומרים כי זה אלהים וגו' (ויקרא רבה פ' יא) :

**עתיד** הקב"ה לעשות שבע חופות לצדיקים לע"ל לכל צדיק וצדיק (ב"ב עה) :

**לשבע** שמחות עתידים פני הצדיקים להקביל פני השכינה לעוה"ב. כצאת השמש.
יפה כלבנה. והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע. וכברקים ירוצצו. למנצח על שושנים
לבני קרח. ויהי כזית הודו, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (ספרי עקב) :

**עתיד** הקב"ה להמנות לו חברה של צדיקים משלו ומושיבן אצלו בישיבה גדולה שנאמר
וחפרה הלבנה ובושה החמה וגו' ונגד זקניו כבוד (מדרש קהלת א) :

**עתיד** הקב"ה לישב כבגורן וצדיקין יושבין לפניו (שם) :

(**עתיד** הקב"ה ליעשות ראש מחולה לצדיקים לע"ל והן חלין לפניו כעלמות ומראין
עליו באצבע) :

**בא** וראה האיך הצדיקים מתענגין. כשם שעובדים (כשם שעבדו את ה' בתענוג) ונהור
ומציעין

וועלין זיך קריג געמען צו דעם עסק התורה בזכות משה וועלין זייא ווערין אויס געלייזט :
בעוה"ז האבין יחידים געזאגט נביאות אבער לעוה"ב וועלין אלע ישראל זיין נביאים ווייא עס
שטייט אשפוך את רוחי על כל בשר :
דיא צדיקים וועלין לעתיד מחיה מתים זיין. ווייא עס שטייט ואיש משענתו בידו :
דיא צדיקים וועט מען זאגין פאר זייא קדוש אזוי וויא מען זאגט פאר הקב"ה :
**יראו** גוים ויבשו מכל גבורתם ישימו יד לפה אזניהם תחרשנה ילחכו עפר כנחש כזוחלי ארץ (ילקוט תקנט):

**אתי** מלבנון בתחלה מעמיד בהמ"ק ואח"כ פורע מן האומות ובשלשה שעות עתיד ליפרע מעשו ואלופיו (ילקוט שס"ט):

**עת** הזמיר הגיע. הגיע זמנן של רשעים שישברו וכו' הגיע זמן של מלכות שמים שתגלה. וקול התור נשמע. התייר הטוב זה המלך המשיח. התאנה חנטה פגיה. סימן לימות המשיח דבר גדול בא והרשעים כלין בו. והגפנים סמדר אלו הנשארים שנאמר והיה הנשאר וגו':

עד

דעם ים מי כמוך. ותיראי מאנוש ימות דוא האסט מורא פאר אמענש וואס ער שטארבט פאר וואס האסטו מורא דוא ווייסט נישט ווער דוא ביסט. דוא ביסט די טאכטער פון אברהם יצחק ויעקב די טאכטער פון די דרייא אייביגע בערג אונ דוא האסט מורא פאר אבריה פאר אמענש וואס היינט לעבט ער אונ מארגן שטארבט ער דוא ווייסט נישט וואס איך האב גיטאן צו די אלע וואס האבין זיך צו אייך מזדווג גיוועזין שלעכטס צוא טוהן. אמרפל צו אברהם פלשתים מיט אבימלך צו יצחק עשו צוא יעקב האב איך זייא גימאכט פאלין צו אייך אין די הענד אזוי ווער עס וועט קומען מזדווג זיין צו אייך וועט פאלין פאר אייך. ר"י ב"ש זאגט אמשל איינער האט גיזעהן אוואורים האט ער מורא גיהאט פאר איהם איהם האט זיך גידאכט בייא נאכט וויא אקול מען רופט זייא נאכט קול. זאגט מען צו איהם דער פאר האסטו מורא בייא נאכט זעהט אוים וויא אקול אברעגעדיגע אבער אין דער פריא העסטו זעהן אז עס איז נאר אוואורים אזוי איז אמענש גיגליכין וויא אוואורים. ובן אדם תולעה. זאגין זייא פאר הקב"ה רבש"ע דער שעבוד העכו"ם איז זייער שווער זאגט הקב"ה ווייל די וועלט איז נאכט גיוועלטיגין זייא לאז קומען דער פריה מארגין וועט איהר זעהן זייא אז זייא זענען נאר אוואורים:

דיא גוים וועלין זעהען אונ פאר שעמט ווערין פון זייער גבורה זייא וועלין צוא לייגין די האנד צום מויל. זייערע אויערין וועלין טויב ווערין. זייא וועלין לעקין די ערד וויא אשלאנג וואס זייא קריכין אויף דער ערד:

אתי מלבנון. פריער וועט מען אויף שטעלין דעם בהמ"ק דער נאך וועט מען גיצאלט ווערין פון דיא אומות אונ דרייא שעה וועט הקב"ה גיצאלט ווערין פון עשו מיט זיינע אלופים:

עת הזמיר הגיע עס איז גיקומען דיא צייט פון דיא רשעים זאלין צו בראכין ווערין. עס איז גיקומען דיא צייט פון מלכות שמים זאל נתגלה ווערין. וקול התור נשמע. עס איז גיהערט גיווארין דאס קול פון גרויסין דעם גוטין תייר דאס איז דער מלך המשיח. התאנה חנטה פגיה. דאס איז אסימן לימות המשיח עס וועט זיין אגרויסער דבר אונ דיא רשעים וועלין כלה ווערין. והגפנים סמדר דאס איז דיא נשארים וואס וועלין בלייבין:

עד

**עד** שיפוח היום אומר הקב"ה המתינו מעט עד שאכניס פיח בלילן של **העכו"ם . עד** שיופיע הקב"ה מלכות בעולם הזה ונסו הצללים **צללי מלכות עכו"ם . אלך לי אל** הר המור זה ירושלים שנאמר באתי לגני :

**ישראל** דאינון אילת נרדפים קדם רשיעא אריות . ויהער נפתלי דאיהו אילה **שלוחה** וכו׳ ויתער בימינא דאיהו אריה משיח בן דוד וכו׳ ישראל דהיו כיונה נרדפין קדם נשר מסטרא דעופין דאומין דעלמא וכו׳ (זוהר שמות קכ) :

**לעתיד** לבא באין האוה"ע ומקטרגין על ישראל ואומרים לפני הקב"ה רבש"ע וכי משא פנים יש לפניך אם אלו עובדי ע"ז אף אלו עובדי ע"ז אם אלו מג"ע אף אלו מגלי עריות אם אלו שופכי דמים אף אלו שופכי דמים מפני מה הללו יורדין לגיהנם והללו אין יורדין באותו שעה מיכאל סניגורין של ישראל משתתק וגו׳ וכיון שהוא משתתק אומר הקב"ה מיכאל נשתתקת ואין אתה מלמד סנגוריא על בני חייך שאני מלמד ומדבר עליהם בצדקה ומושיען שנאמר אני מדבר בצדקה רב להושיע ובאיזה צדקה וכו׳ בצדקה שעשיתם עמי שקבלתם את התורה שאלמלא כן היכן היתה מלכותי. וחרינא אמר בצדקה שעשיתם עם עצמכם שאלמלא כן הייתי מכלה אתכם מן העולם (ילקוט תקז) :

**כיון** שמת משה סניגורין של ישראל היה הקב"ה נזכר לו שלא נמצאו סניגור כמותו שנאמר ויזכור ימי עולם משה עבדו אמר הקב"ה בעוה"ז היה בשר ודם נעשה לכם סניגור ומושיע אתכם אבל לעתיד לבא אני בכבודי נעשה לכם סניגור בפני שרי האוה"ע ומושיע אתכם מהם שנאמר אני מדבר בצדקה רב להושיע (תתנב) :

עתיד

**עד שיפוח היום**. הקב"ה זאגט ווארט אביסעל ביז איך וועל אריין ברענגען אבלאזינג אין דיא נעכט פון דיא עכו"ם . ביז עס וועט שיינען דיא מלוכה אין הקב"ה בעולם הזה. ונסו הצללים דיא שאטינט פון דיא עכו"ם וועלין אנטלויפין . אלך לי אל המור איך וועל גיין קיין ירושלים וויא עס שטייט באתי לגני :

**ישראל** וואס זייא זענען אילת ווערין גיאגט פון דיא רשעים דיא לייבין. וועט זיך נפתלי דער וועקין וואס ער הייסט אילה שלוחה . אונ עס וועט זיך דער וועקין אין דיא רעכטע זייט משיח בן דוד וואס ער איז אריה. אונ ישראל וואס זענען וויא אטויב ווערין גיאגט פאר דעם אדלער פון דיא סטרא פון עופין :

**לעתיד לבא** וועלין קומען דיא אוה"ע אונ מקטרג זיין אויף דיא ישראל אונ וועלין זאגין פאר הקב"ה רבש"ע צו עס איז דא אמשא פנים פאר דיר אויב מיר האבין גידינט ע"ז זייא האבין אויך גידינט ע"ז אויב מיר האבין מגלי עריות גיוועזין זייא האבין אויך מג"ע גיוועזין אויב מיר האבין פאר גאסין בלוט זייא האבין אויך פאר גאסין בלוט פאר וואס זאלין מיר גיין אין גיהנם אונ זייא נישט אין דער צייט וועט מיכאל דער מליץ יושר פון דיא ישראל ווערין שטיל אונ נישט וויסין וואס צו ענטפערין וויא ער וועט ווערין שטיל וועט הקב"ה זאגין . מיכאל דוא ביסט שטיל גיווארין דוא ביסט נישט מלמד זכות אויף מיינע קינדער . איך שווער אז איך וועל אליין רעדין אונ מלמד זכות זיין אויף זייא מיט צדקה אונ וועל זייא העלפין וויא עס שטייט אני מדבר בצדקה רב להושיע מיט אוואסערע צדקה מיט דיא צדקה וואס איהר האט גיטוהן מיט מיר וואס איהר האט מקבל גיוועזין דיא תורה ווען נישט אזוי וויא וואלט גיוועזין מיין מלוכה . אנאנדער זאגט מיט דיא צדקה וואס איהר האט גיטאן מיט זיך אליין ווען נישט אזוי וואלט איך אייך מכלה גיוועזין פון דיא וועלט :

**ווייא משה** דער סניגור פון ישראל איז גישטארבין האט הקב"ה גידענקט אז ער האט נישט נאך אזוי אמליץ טוב אויף ישראל וויא ער . זאגט הקב"ה בעוה"ז איז א בשר ודם גיוועזין אייך אמליץ טוב אונ האט אייך גיהאלפין אבער לעתיד לבא וועל איך מיט מיין

כבוד

**עתיד** משה ליכנס בראש כל חבורה וחבורה בראש חבורה של בעלי מקרא. בראש חבורה של בעלי משנה. בראש הבורה של בעלי גמרא. וליטול עם כל אחד ואחד שכר (סנו):

**בשיחדש** הקב"ה את עולמו עומד בעצמו ומסדר סדרן של חסידים סדרן של ענוים סדרן של מלכים. סדרן של נביאים. סדרן של חזנים. סדרן של פרנסי הדור סדר של כל דור, ודור:

**אשרי** ישראל בכל מקומות מושבותיהם אעפ"י שהם מתיינזין בארבעה רוחות העולם מצפון לדרום ומדרום לצפון ממזרח למערב וממערב למזרח הרי הם באמצע שנאמר כי הנה אנכי מצוה והניעותי בכל הגוים את בית ישראל. כאשר ינוע בכברה ולא יפול צרור ארצה מה צרור הזה אדם מוליכו בכברה לכאן ולכאן הרי היא באמצע אף ישראל אני כפרתם בכל מקום מושבותם אע"פ שהם מתיינעין; לד' רוחות השמים הרי הן באמצע (תנד"א):

**אשריכם** ישראל מי מטהר אתכם ולפני מי אתם מטהרים לפני אביכם שבשמים שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם ואומר מקוה ישראל ה' מה מקוה מטהר הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל:

**אשריך** ישראל מי כמוך. ישראל אומרים מי כמוך באלים ה' ורוה"ק אומרת אשריך ישראל מי כמוך נתקבצו כל ישראל אצל משה אמרו לו משה רבינו מה טובה עתיד הקב"ה ליתן לנו לעוה"ב אמר להם איני יודע מה אומר לכם אשריכם מה מתוקן לכם. משל לאדם שמסר את בנו לפדגוג והיה מחזירו ומראה לו ואומר כל האילנות הללו

כבוד ווערין פאר איך אפליין ידשר פאר דיא שרי אוה"ע אונ וועל איך העלפין פון זייא. אני מדבר בצדקה:

משה וועט לעתיד קומען אונ גיין פאר איטליכע חברה. פאר חברה מקרא. פאר חברה משניות. פאר חברה ש"ס אונ נעמין שכר מיט איטליכע חברה:

אשרי ישראל. וואהל דיא ישראל אומעדים וויא זייא באזיצין תאצבי זייא ווערין גימאטערט אויף אלע פיר זייטין פון דיא וועלט פון צפון. קיין דרום אונ פון דרום. קיין צפון אונ פון מזרח. קיין מערב אונ פון מערב. קיין מזרח זענען זייא פארט אין מיטען וויא עס שטייט איך וועל גיביטין וועל איך אוים שאקלין אין אלע גוים דאס הויז געזינט פון ישראל אזויא וויא מען שאקילט אוים מיט איזיפ אונ עס וועט נ שט פאלין. קיין שפענדיל צו דיא ערד. אזוי וויא אשטיינדיל שאקעלט מען אין איזיפ אהער אונ אהער אונ דאס שטיינדיל איז אין מיטין אזוי דיא ישראל האטצי מען טרייבט זייא צו אלע פיר זייטין פון הימעל זענען זייא אונ מיטין:

אשריכם ישראל. וואהל איז דיא ישראל ווער איז איך מטהר אונ פאר וועמען ווענט איהר זיך מטהר אייער פאטער אין הימעל וויא עס שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם אונ עס שטייט מקוה ישראל ה' אזוי וויא אמקוה איז מטהר טמאים אזוי הקב"ה איז מטהר דיא ישראל:

אשריך ישראל מי כמוך דיא ישראל זאגין מי כמוך באלים ה' אונ דער רוה"ק זאגט אשריך ישראל מי כמוך. אלע ישראל זענען זיך צו זאמען גיקומען צו משה אונ זאגין צוא איהם. משה רבינו וואס פאר אגוטס וועט הקב"ה לעתיד אונז געבין לעולם הבא. זאגט משה איך ווייס נישט וואס איך זאל אייך זאגין. וואהל איז אייך וואס איז פון אייערט וועגין אן גיגרייט. אמשל צו איינעם האט איבער גיגעבין זיין זון צו אפדגוג (וואס ציעהט גאף תנוער) האט דער פדגוג איהם זייער ליב גיהאט האט ער דעם זון גיפיהרט אומעדים

הללו כל הנפנים הללו שלך הם כל הזיתים שלך כשינע להראותו אמר לו איני יודע מה אומר לך אשריך מה מתוקן לך כך אמר משה לישראל איני יודע מה אומר לכם אשריכם מה מתוקן לכם מה רב טובך אשר צפנת ליראיך (ספרי ברכה) :

כשם שעשה הקב"ה נסים בעולם הזה ביד מיכאל וגבריאל כן לעתיד לבא יעשה על ידיהם שנאמר ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו זה מיכאל וגבריאל וכו' אר"י למה מיכאל וסמאל דומים לסניגור וקטיגור עומדין בדין זה מדבר וזה מדבר גמר זה דבריו וזה דבריו ידע אותו סניגור שנצח התחיל משבח את הדיין שיוציא איפופסין ביקש אותו קטיגור להוסיף דבר א"ל הסניגור החרש ונשמע מן הדיין . כך מיכאל וסמאל עומדים לפני השכינה והשטן מקטרג ומיכאל מלמד זכותן של ישראל והשטן בא לדבר ומיכאל משתקו למה שנאמר אשמעה מה ידבר האל ה' כי ידבר שלום אל עמו (מדרש רבה שמות פ' יח) :

ר' יהושע אומר בין עושין תשובה ובין שאינן עושין תשובה כיון שהגיע הקץ מיד נגאלין שנאמר אני ה' בעתה אחישנה (תנחומא סדר בחקותי) :

וראיתם ושש לבכם מה יש לו ללב לראות ולשמוח רואין הטוב שמתוקן להם לצדיקים ושמחים וכו' רואין לרשעים נידונים בגיהנם ושמחים שאינם עמהם וכו' ורואין את המשיח נצמח משערי רומי והן שמחין וכו'. ולפי שבעוה"ז בעונותינו אין לנו לא נביא ולא רוח הקודש וגו' ולא עוד אלא אף השכינה שנא' כי אם עונותיכם היו מבדילים
אבל

אונ פֿיוויזן האָט דיא אַלֶע בּייטֶער זֶענֶען דַיין האָט דיא אַלֶע וויין שטאָקן אונ דיא אַלֶע ווייך טרויבּין זֶענֶען דַיין אַזוֹי עֶר האָט זיך שוין אָפּ גימַאטֶערט צוּ ווייזן אַלֶץ זאָגט עֶר צוּ אִיהם אִיךְ ווייס נִישט וואָס אִיךְ זאָל דִיר זאָגִין וואָהל אִיז דִיר וואָס פוּן דַיינֶעם וועגִין אִיז אַן גִיגְרֵייט. אַזוֹי זאָגט משֶׁה צוּא דיא יִשְׂרָאֵל אִיךְ ווייס נִישט וואָס אִיךְ זאָל אַייךְ זאָגִין נאָר וואָהל אִיז אַייךְ וואָס פוּן אַייעֶרט וועגִין אִיז אַן גִיגְרֵייט מַה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִירֵאֶיךָ :
כְּשֵׁם אַזוֹי וואָהל וויא הקב"ה האָט גיטאָן נִסִים אויף דער וועלט דוּרךְ מִיכָאֵל וְגַבְרִיאֵל אַזוֹי לֶעָתִיד לָבֹא וועט אויך הקב"ה טוּהְן נִסִים דוּרךְ זֵייא וויא עֶס שְׁטֵייט וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו דאָס אִיז מִיכָאֵל וְגַבְרִיאֵל ר' י זאָגט צוּ וואָס אִיז מִיכָאֵל וְגַבְרִיאֵל גְלַייךְ צוּ אַסְנֵיגוֹר מִיט אַקְטֵיגוֹר שְׁטֵייעֶן בַּיי דֶעם דִין דער רֶעט אונ יֶענֶער רֶעט דֶער עֶנְדִיגְט זַיינֶע רֵייד אונ דֶער זַיינֶע רֵייד ווייסט דֶער סַנֵיגוֹר אַז עֶר האָט מְנַצֵחַ גִיוועזִין הֵייבְּט עֶר אָן לוֹיבִּין דֶעם דַיין אַז עֶר זאָל אַרוֹיס גֶעבִּין אַפְּסַק דִין . ווִיל דֶער קָטֵיגוֹר ווייטֶער רֵיידִין זאָגְט דֶער סַנֵיגוֹר שְׁווייג מִיר וועלִין הֶערִין פוּן דַיין אַזוֹי אִיז מִיכָאֵל מִיט סַמָאֵל שְׁטֵייעֶן פאַר דִיא שְׁכִינָה אונ דֶער שָׂטָן אִיז מְקַטְרֵג אונ מִיכָאֵל אִיז מְלַמֵד זְכוּת אויף יִשְׂרָאֵל דֶער שָׂטָן ווִיל רֶעדִין ווייטֶער זאָגְט מִיכָאֵל שְׁווייג מִיר וועלִין הֶערִין פוּן הקב"ה וויא עֶס שְׁטֵייט אֶשְׁמְעָה מַה יְדַבֵּר הָאֵל ה' כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמוֹ :
ר' יְהוֹשֻׁעַ זאָגְט סַייא דִיא יִשְׂרָאֵל וועלִין תְּשׁוּבָה טוּהְן אונ סַייא זֵייא וועלִין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן אַז דֶער קֵץ וועט קוּמֶען וועלִין זֵייא ווערִין בַּאלְד אוֹיס גִילֵייזְט וויא עֶס שְׁטֵייט אֲנִי ה' בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה :
וּרְאִיתֶם וְשָׂשׂ לִבְּכֶם . אִיהר וועט זֶעהְן אונ אַייעֶר הַארְץ וועט זיךְ פְרֵייעֶן וואָס האָט דאָס הַארְץ צוּ זֶעהְן אונ צוּ פְרֵייעֶן זיךְ זֵייא וועלִין זֶעהְן דאָס גוּטְס וואָס אִיז אָן גִיגְרֵייט פאַר דִיא צַדִיקִים וועלִין זֵייא זיךְ פְרֵייעֶן זֵייא וועלִין זֶעהְן דִיא רְשָׁעִים ווערִין גִימְשְׁפַּט אִין גֵיהִנֹם וועלִין זֵייא זיךְ פְרֵייעֶן וואָס זֵייא זֶענֶען נִישְׁט מִיט זֵייא . זֵייא וועלִין זֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ שְׁפְּרָאצְט פוּן דִיא שְׁטָאט רוֹמִי וועלִין זֵייא זיךְ פְרֵייעֶן . ווייל בָּעוֹלָם הַזֶה בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים האָבִּין מִיר נִישְׁט קֵיין נָבִיא קֵיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ . אונ אויךְ דִיא שְׁכִינָה איז
עם

**אבל** לעתיד לבא נגלה להם שנאמר ונגלה כבוד ה׳ וכו׳ והן רואין ושמחים (הנ"ב פ׳ כב) :

**ד"א** וראיתם ושש לבכם לא היה צריך לומר אלא וישש לבבכם א"ר אחא לפי שלב אחד משתייר והקב"ה עוקר לב יצר הרע וכו׳ ומניח להם יצ"ה הטוב וכו׳ והוא שמח יצר טוב שאין לו אנטודיקוס (בר פלוגתיה) :

**ד"א** וראיתם ושש לבכם כיון שרואים את השכינה הן ששין ושמחין וגופן מתגדל ופרין ורבין שנאמר ועצמותיכם כדשא תפרחנה (סס פ׳ כג) :

**אשריכם** ישראל בזמן שהם עושין רצונם של הקב"ה הוא מעלה אותן כמלאכי השרת וכו׳ אמרו לו הדורות הללו רבון כל העולמים הרי הגיע סקוסים (הגבול יהקץ) לפיכך אמר דוד שיר למעלות וכו׳ עזרי מעם ה׳ (סס) :

**אמרו** לו ישראל רבות עשית אתה ה׳ למה. כל הנפלאות שאתה עושה בשבילנו כל המחשבות שאתה מחשב בשבילנו . אתה מוסר את הרשעים ומוסר את הצדיקים וכו׳ (פ׳ לט) :

**אמרו** ישראל בשביל שאנו עוסקים בתורה שנמשלה כמים וגו׳ לפיכך הברכות באות עלינו שנאמר שרשי פתוח אלי מים (סס מג) :

**ישלח** עזרך מקודש בשעה שהקב"ה יבא לגאול את ישראל אינו גואלן אלא מציון שנאמר מציון מכלל יופי אלהים הופיע אימתי ועמדו רגליו ביום ההוא וגו׳ וישראל אומרים אשא עיני וגו׳ (פ׳ יג) :

**שאו** מרום עיניכם . משל למי שאמר דופי על שולחני אמר השולחני כמה אני מחשב ולא טעיתי ובסלעך הייתי טועה כך אמר הקב"ה שאו מרום עיניכם וראו וגו׳ כמה כוכבים

עס שטייט אז אונזערע זינד האבין געמאכט אצווישין שייד אבער לעתיד לבא וועט דיא שכינה צו זייא אנטפלעקט ווערין וויא עס שטייט ונגלה כבוד ה׳ אונ זייא וועלין זעהען אונ פרייען זיך :

נאך אפשט פאר וואס שטייט נישט לבבכם נאר לבבכם זאגט ר׳ אחא ווייל עס וועט נאר בלייבין נאר איין הארץ אונ הקב"ה וועט אויס רייסין דאס הארץ פון יצר הרע אונ וועט זייא איבער לאזין נאר דאס הארץ פון יצר טוב וועט זיך דער יצר טוב פרייען ווייל ער האט נישט קיין ווידער צד :

נאך אפשט זייא וועלין זעהען דיא שכינה וועלין זייא זיך פרייען אונ זייער גוף וועט ווערין גיגרייסט אונ זייא וועלין פרה ורבה זיין . וויא עס שטייט ועצמותיכם כדשא תפרחנה :

וויא גליקליך זענען דיא ישראל אז זייא טוהן דעם רצון פון הקב"ה ער הייבט זייא אויף וויא דיא מלאכי השרת . דיא היינטיגע דורות זאגין רבון כל העולמים עס איז דאך שוין גיקומען דיא צייט פון קץ וויא דוד זאגט עזרי מעם ה׳ :

דיא ישראל זאגין צוא הקב"ה רבות עשית אתה ה׳ . פיל וואונדער האסטו גיטוהן . אלע וואונדער איז נאר פון אונזערט וועגין אלע מחשבות וואס דוא טראכסט איז נאר פון אונזערט וועגין דוא שטראפסט דיא רשעים דוא שטראפסט דיא צדיקים :

דיא ישראל זאגין ווייל אונזערע קינדער זענען עוסק בתורה וואס זיא איז גיגליכין צוא וואסער דריבער קומט אונז אלע ברכות :

ישלח עזרך מקודש בשעת הקב"ה וועט קומען אויס לייזין דיא ישראל וועט ער זייא נישט אויס לייזין נאר פון ציון פריער . וויא עס שטייט מציון מכלל יופי אלהים הופיע אונ דיא ישראל זאגין אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי שאו מרום עיניכם . א משל איינער האט גירעט אויף א וועקסלער אז ער האט גיהאט א טעות זאגט דער וועקסלער וויפיל רעכין איך אויס אונ האב נישט קיין טעות אונ ביא דיין טאלער האב איך גיהאט א טעות . אזוי

כוכבים שברקיע השמים שמא טעיתי שם של אחר מהם לכולם בשם יקרא. או שמא נטלה אורה של חמה או של לבנה איש לא נעדר וכל אלו נבראו למענך ולא עברתי עליהן את הדין ועליך שאת בכורי אני מעביר את הדין הוי למה תאמר יעקב (פ׳ סד) :

נמשלו ישראל לצורים שנאמר כי מראש צורים אראנו. ונמשלו כאבנים שנאמר משם רועה אבן ישראל וגו׳ ורשעים נמשלו כחרסים הה״ד ושברה כשבר נבל יוצרים. נפלה כופה על קידרא ווי לקידרא. נפלה קידרא על כופה ווי לקידרא. בין כך ובין כך ווי לקידרא כך כל מי שהוא בא ומזדווג להם הוא נוטל את שלו מתחת ידיהם (מדרש אסתר פ׳ ז) :

מה הקב״ה עושה לגוג ומגוג ממרום. עומדין על רגליהם ופורע מהן שנאמר המק בשרו והוא עומד על רגליו. אותן הרגלים שרצו לעמוד נגדו המק בשרו והוא עומד על רגליו. ואותן העינים שהן מסתכלין למעלה ועיניו תמקנה בחוריהן. ואותו הלשון שאמר על ה׳ ולשונם תמק בפיהם וכו׳ אמר הקב״ה וכו׳ כשם שאתם לא היו לכם שלום זה עם זה ועשיתם שלום לבא עלי אף אני קורא את העופות ואת החיות שלא היה להם שלום ואני עושה להם שלום זה עם זה לבא עליך ומפני שאמרת ולא יזכר שם ישראל עוד חייך שאתה מת והן קוברין אותך ונוטלין שם בעולם וגו׳ (שם פ׳ ג) :

אמרו ישראל לעכו״ם אומר אני לכם במה אנו מתנחמין ולמה אנו יכולים לעמוד בועפו מפני שמכה אותנו וחוזר מיד ובורא אותנו בריה חדשה וכן ישעיה אומר מי נתן למשסה

זאגט הקב״ה היבט אויף אייערע אויגן אונ זעהט וויפיל שטערין איז דא אין הימעל אפשר האב איך גיהאט א טעות ביי דעם נאמען פון איין שטערין וואס איך רופ זייא אלע ביי דעם נאמען. אדער אפשר איז בטל גיווארין דאס ליכטיגקייט פון דיא זון אדער פון דיא לבנה זעהסט דאך אז עס פעהלט גאר נישט אונ דאס אלין איז באשאפין גיווארין פון דיינעט וועגין אונ איך האב איבער זייא נישט מעביר גיוועזין דעם דין אונ אויף דיר וואס דוא ביסט מיין בכור וועל איך מעביר זיין דעם דין :

דיא ישראל זענען גיגליכין צו שטיינער צו פעלזין אונ דיא רשעים זענען גיגליכין צו טעפ אז דער שטיין פאלט אויף דעם טאפ איז ווייא צום טאפ אונ אז דער טאפ פאלט אויף דעם שטיין איז ווייא צום טאפ סייא וסייא איז אלין ווייא צום טאפ אזוי ווער עס איז זיך מזדווג צו דיא ישראל שלעכטם צוא טוהן נעמט ער זיין פסק :

וואס וועט הקב״ה טוהן צו גוג ומגוג. זייא וועלין שטיין אויף זייערע פיס אונ ער וועט זייא באצאהלין. דיא פיס וואס האבין זיך גישטעלט אקעגין השי״ת וועט ער שטיין אויף זיינע פיס אונ זיין פלייש וועט אויף איהם צו גיין. דיא אויגין וואס האבין גיקוקט ארויף וועלין זייא ווערין צו גאנגין אין זייערע לעכער. דיא צונג וואס האט גירעדט אויף גאט וועט ווערין צוא גאנגין אין מויל. הקב״ה זאגט אזוי ווי איהר האט נישט גיהאט קיין שלום צווישין זיך נאר צו ליב מיר האט איהר גימאכט שלום צו קומען אויף מיר וועל איך אויך מאכין שלום אונ וועל רופען אלע פייגיל אונ אלע חיות וואס האבין נישט גיהאט קיין שלום אונ וועלין מאכין שלום צו קומען אויף דיר. אונ דער פאר וואס דוא האסט גיזאגט אז עס זאל נישט גידאכט ווערין דער נאמען פון ישראל דריבער וועסטו שטארבין אונ זייא וועלין דיך באגראבין אונ דורך דעם וועלין זייא האבין א שם :

דיא ישראל זאגין צו דיא עכו״ם מיר וועלין אייך זאגין מיט וואס מיר ווערין גיטרייסט און פאר וואס מיר קענען אויס האלטין דעם צארין פון השי״ת ווייל ער שלאגט אונז און באשאפט אונז באלד אנייע באשעפעניש אזוי זאגט ישעיה :

**למשסה** יעקב וגו' הרי נפלו הרי נבוזו אלא חוזר מיד ובורא בריה חדשה וגו' לפיכך אמרו ישראל בדבר זה אנו רואין ומתנחמין שברא אותנו מיד (שם פ' ח) :

**לפי** שאמר מלאכי כי הנה היום בא בוער כתנור וגו' אמרו לו ישראל יום אחד לוהט בלבד? הרי כמה שנים שעברו אותנו. כמה שפטים כמה פורעניות ואת אומר ולהט אותם היום הבא. אמר להם ישעיה ואני עושה אותם יומם ולילה שנאמר יומם ולילה לא תכבה ולא עוד אלא לעולם יעלה עשנה (תנ"ב פ' כ) :

**ד"א** כי הנה היום בא בוער כתנור וגו' עו"ג אומרים גיהנם של ישראל וגן עדן שלהם וישראל אומרים הגיהנם של עו"ג והגן עדן שלנו. משל לשנים שהיו מוכרים אחד מהם מוכר פשתן ואחד מהם מוכר אמינטון (מין משי לבן שאינו נשרף באש) זה שהיה מוכר אומר אמינטון שלי וזה אומר אמינטון שלי הוא אמר להם בעל הסחורה את אומר אמינטון שלי ואת אומר אמינטון שלי הרי אש לפניכם לעיניכם אני בודק איזה פשתן ואיזה אמינטון. כך אמרו עו"ג גן עדן שלנו וגיהנם של ישראל וישראל אומרים לאו אמר הקב"ה הרי אש לפניכם לכו באור אשכם והאש בודק וכו' הפשתן נשרף וגו' והאמינטון לא נשרף שנאמר כי תלך כמו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך (שם) :

**לפי** שישראל משתעבדין באוה"ע הם אומרין רבון העולמים עד מתי משתעבדין בנו שנאמר עד אנה אשית עצות בנפשי והקב"ה אומר להם עד שיפוח היום יפוח יומא ואיתון עריקין שנאמר ונסו הצללים עו"ג וכו' באותו שעה ישראל יושבין בשלוה ואומרים לבך יהגה אימה זו מלכות בבל וגו' איה סופר איה הן הנמקין שלה (חכם הדיינין) איה

שוקל

**מי** נתן למשסה יעקב. דיא ישראל זענען דאך גיפאלין זייא זענען גירויבט וויא אזוי קענען זייא באשטיין נאר ער באשאפט זייא אבער באלד אבריה חדשה. דריבער זאגין דיא ישראל דער מיט ווערין מיר גיטרייסט :

**ווייל** מלאכי הנביא האט גיזאגט אז עס וועט קומען דער טאג וואס ער וועט ברענען וויא אאויבין אונ עס וועט פאר ברענען דיא רשעים זאגין דיא ישראל צו מלאכי נאר איין טאג וועט זייא ברענען מיין נישט. זייא האבין אזוי פיל יאהרין אונז משעבד גיוועזין. אזוי פיל שפטים וואס זייא האבין אונז גיטוהן אזוי פיל פורעניות אונ דוא זאגסט איין טאג וועט זייא ברענען. זאגט ישעיה איך וועל זייא מאכין אז זייא זאלין ברענען טאג אונ נאכט אונ נאך מיין איהר רויך וועט אויף גיין אייביג. נאך אפשט דער טאג וועט קומען אונ וועט ברענען וויא אאויבין דיא עובדי גלולים זאגין אז דער גיהנם איז פאר דיא ישראל אונ דער גן עדן פאר זייא אונ דיא ישראל זאגין אז דער גיהנם איז פאר דיא עו"ג אונ דער גן עדן אונזער אמשל צוויי כותרים האבין גיהאט צו פאר קויפין סחורה איינער האט גיהאט פלאקס איינער האט גיהאט אזוי אמין וואס קוקט אוים וויא פלאקס נאר עס איז אזוי מין זיידינס וואס ווערט גישפונען פון שטיינער אונ עס ווערט נישט פאר ברענט אין פייער דער זאגט דאס זיידינס איז מיין דער זאגט דאס זיידינס איז מיין. דער קונה זאגט אט איז דא פייער לאז מען פרובין. אזוי דיא עו"ג זאגין דער גן עדן איז אונזער אונ דער גיהנם איז דיא ישראל אונ דיא ישראל זאגין נישט אזוי זאגט הקב"ה אט איז דאס פייער פאר אייך גייט אריין אין פייער דאס פלאקס ווערט פאר ברענט אזוי דיא עו"ג אונ דיא ישראל שטייט אפילו דוא וועסט גיין אין פייער וועסטו נישט פאר ברענט ווערין :

**ווייל** דיא ישראל זענען משועבד צו דיא אוה"ע עכו"ם זאגין זייא רבון העולמים וויא לאנג וועלין זייא משעבד זיין אונז וויא עס שטייט עד אנה אשית עצות בנפשי אונ הקב"ה זאגט צו זייא ביז דער טאג וועט זיך דער היצי וועלין זייא אנטלויפין וויא עס שטייט ונסו הצללים אין די צייט וועלין דיא ישראל זיצין בשלוה אונ וועלין זאגין וואס מיר האבין

שוקל היכן הם הגלגלאות שהיו שוקלין להם המס והקב"ה אומר אל תתייראו את עם נועז לא תראה ונסו הצללים יחסרון שני דברים וחוזרין שני דברים שנאמר ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם וגו' הרי שנים ונסו יגון ואנחה הרי שנים (שם לו):

אמרו ישראל מאין יבא עזרי מן איזה מלכות את נראה ומן איזה מלכות את יוצא ומחזיר מלכותך וכו' אומר לו הקב"ה כבר הנביא קדמיך ואמר והיה באחרית הימים נכון יהיה והלכו עמים רבים וגו' (שם מז):

אמר ר' ברכיה קשה הוא שרה של אדום שכן זכריה רואה אותו והנה איש רוכב על סוס אדום וגו' (זכריה א) שהיה מבקש להדמות לאותן שנקראו כוכבים שנאמר הבט נא השמימה וגו' ואחריו סוסים אדומים שרוקים ולבנים אלו המלכים שעמדו מטנו שהן אוהבין את הזהב. שרוקים מסרקים גופן של ישראל ונוטלים ממונם. לבנים כדי להלבין עונותיהם של ישראל. חזר וראה אותן קרנות שנאמר והנה ארבע קרנות אלו ארבע מלכיות אמר לו כל זמן שהקרנות הללו נראים אין קרנם של ישראל מתרומם וכו' אימתי ישראל נושאין ראש כשאגדע קרנם שנאמר וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק אלו ישראל שנאמר ועמך כולם צדיקים וגו' (שם ט):

בא וראה כמה צדיקים וחסידים שפך עשו דמן ואף קבורה לא ניתן להם שנאמר שפכו דמם וגו' ואין קובר מה עשה הקב"ה היה נוטל מדם כל נפש ונפש וטבל על פורפירא שלו עד שצבעה דם וכשיגיע ליום הדין לובש אותה פורפירא ומראה לו גופו של כל צדיק וצדיק רשום עליה שנאמר ידין בגוים מלא גויות אמר לו הקב"ה אם לא

דם

ביז אהער מורא גיהאט פאר מלכות בבל וויא איז אצונד דער חכם פון דיא דיינין וויא איז אצונד דיא קאפ געלט וואס מען פלעגט געבין זייא. זאגט הקב"ה האט נישט קיין מורא פאר דעם שייטין פאלק. זייא וועלין אנטלויפין. צווייא זאכין וועט פעלין ונסו יגון ואנחה. זיפצין אונ טרויעריקייט. אונ צווייא זאכין וועט קריג קומען ששון מיט שמחה: דיא ישראל זאגין מאין יבא עזרי פון וועלכין מלכות וועסטו ווערין גיזעהן. פון וועלכין מלכות וועסטו ארויס גיין אונ קריג נעמען דיין מלוכה. זאגט הקב"ה דער נביא האט שוין גיזאגט והיה באחרית הימים נכון יהיה וגו':

ר' ברכיה זאגט דער שר של אדום איז זייער שווער והא ראיה זכריה הנביא האט איהם גיזעהן וויא אמענש רייט אויף ארויט פערד ער וויל זיך גלייכין צו דיא דאזיגע וואס ווערין גירופין שטערינם וויא עס שטייט. הבט נא השמימה וספור הכוכבים. דער נאך איז גיוועזין רויטע פערד אונ שרוקים אונ ווייסע דאס איז דיא מלכים וואס זייא קומען ארויס פון איהם וואס זייא האבין ליב גאלד. שרוקים זייא צוא רייסין דעם גוף פון דיא ישראל אונ נעמען צו זייער געלד. צו מאכין ווייס דיא עונות פון דיא ישראל. דער נאך האט ער גיזעהן וויא זייא זענען הערנער פיר הערנער דאס איז פיר מלכיות זאגט ער כל זמן די הערנער וועלין ווערין גיזעהן וועט דער הארין פון דיא ישראל נישט ווערין גיהויבין נאר ווען וועלין דיא ישראל אויף הייבין זייערע קאפ אז איך וועל פאר שניידין דעם הארין פון דיא רשעים וויא עס שטייט וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק:

בא וראה קום אונ זעה וויפיל צדיקים אונ חסידים עשו האט פאר גאסין זייער בלוט אונ האט זייא אפילו נישט באגראבין. וואס האט הקב"ה גיטוהן ער האט גינומען בלוט פון איטליכין נפש וואס זייא האבין פאר גאסין אונ איין גיטונקט זיין מלבוש וואס הייסט פורפרא אונ עס ווערט אויף דעם מלבוש אפ גיפאטאגראפירט דיא צורה פון איטליכין ישראל וואס דער עכו"ם האט איהם גיהרגית אונ אז עס וועט קומען ליום הדין וועט הקב"ה אן טוהן דאס מלבוש אונ וועט ווייזין דעם גוף פון איטליכין צדיק אפ גיפאטאגראפירט

אויף

דם שנאת ודם ירדפך וכו׳ אמר הקב״ה אין לי חרב כי רותה בשמים חרבי על אדום תרד ועל עם חרמי למשפט וכו׳ וכשם שעשה הקב״ה נקיה ממואב וממדין כן עתיד לעשות נקמה בעובדי אלילים שנאמר כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה (ילקוט מסות) :

**משיח** בן דוד שעתיד להתגלות במהרה בימינו אמר לו הקב״ה שאל ממני דבר ואתן לך שנאמר שאל ממני ואתנה גוים וכו׳ אומר לפניו איני מבקש ממך אלא חיים אומר לו חיים עד שלא אמרת כבר נתנבא עליך דוד אביך שנאמר חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד (סוכה נב) :

**בשכר** שלשה ראשון זכו לשלשה ראשון להכרית זרעו של עשו ולבנין בהמ״ק ולשמו של משיח (פסחים ה) :

**בשעה** שיבא הקב״ה לגאול את ישראל שלשה ימים לפני ביאת המשיח יבא אליהו ויעמוד על הרי ישראל ובוכה ומספיד על שהם חרבים ואומר עד מתי וכו׳ וקולו הולך מסוף העולם ועד סופו ואח״כ אומר בא שלום בא שלום. יום ב׳ אומר באה טובה לעולם באה טובה לעולם. יום ג׳ אומר באה ישועה לעולם (ילקוט חדש) :

**משיח** בן דוד מתפלל על עדת קרח שיעלו. וירבעם וחביריו יעמדו לימות המשיח כי כבר סבלו דינם (שם) :

**אין** מקבלין גרים לימות המשיח שאין מקבלין גרים אלא בעת כשישראל בשפלות צא ולמד

אויף איהר וויא עס שטייט ידין בגוים מלא גויות זאגט הקב״ה מיין שווערד ווערט ווערען אן געזעט אין הימעל זיא וועט נידעריגען אויף אדום אונ אזוי וויא הקב״ה האט זיך נוקם געוועזען פון מואב ומדין אזוי וועט ער זיך נוקם זיין אין דיא עובדי אלילים וויא עס שטייט כי יום נקם בלבי שנת גאולי באה :

משיח בן דוד וואס ער וועט נתגלה ווערין לעתיד במהרה בימינו וועט הקב״ה זאגין צו איהם בעט פון מיר אזאך אונ איך וועל דיר געבין וועט משיח זאגין פאר הקב״ה איך בעט נישט פון דיר קיין שום זאך נאר לעבין וועט הקב״ה זאגין צו איהם לעבין איידער דוא האסט נאך געזאגט דאט שוין לאנג דיין פאטער דוד געזאגט חיים שאל ממך לעבין האט ער פאר לאנגט פון דיר נתתה לו אורך ימים עולם ועד האסטו איהם געגעבין לאנגע יאהרין אויף אייביג :

אונ דעם שכר פון דרייא ראשון וואס דיא ישראל ווענען מקיים זענען דיא ישראל זוכה צו דרייא ראשון . צו פאר טיליגען זרע של עשו ועמלק אונ צו בנין בית המקדש אונ צו דעם נאמען פון משיח :

בשעה אז הקב״ה וועט קומען אויס לייזין דיא ישראל פון גלות דרייא טאג פאר ביאת המשיח וועט קומען אליהו הנביא אונ וועט זיך שטעלין אויף דיא בערג פון ישראל אונ וועט וויינען אונ מספיד זיין פאר וואס זיי זענען חרב אונ וועט זאגין ווי לאנג וועלין זיי זיין אזוי חרב אונ זיין קול וועט גיין פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט דער נאך וועט ער זאגין עס איז גיקומען שלום אויף דער וועלט . דעם אנדערין טאג וועט ער זאגין עס איז גיקומען גוטס אויף דער וועלט . דעם דריטין טאג וועט ער זאגין עס איז גיקומען אַ ישועה אויף דער וועלט :

משיח בן דוד וועט מתפלל זיין אויף דיא עדה פון קרח אז זייא זאלין ארויס פון גיהנם אונ ירבעם בן נבט מיט זיינע חבירים וועלין אויך אויף שטיין לתחיית המתים ווארום זייא האבין שוין לאנג גילימין זייער דין :

אז משיח וועט קומען וועט מען נישט מקבל זיין קיין שום גר אז ער וועט זיך וועלין מגייר זיין ווייל מען איז נישט מקבל קיין גרים נאר אז דיא ישראל זענען בשפלות

ובזמן

ולמד מרות שלא רבקה בנעמי אלא בעניותה ושדי המר לי ואז ורות דבקה בה. וכן שלמה מאלף נשים שהיה לו וגיירן לא נתקבלו מכולן להעמיד ממלכת ישראל אלא נעמה העמונית שנשאת לו כשהיה בדלי דלות ולא חזר למלכותו אלא בזכותה והכי איתא באגדה, שאותה הטבעת שהיה חקוק עליו שם המפורש נתפתה שלמה ונתנה לאשמדאי השליכה לים הגדול סוף דבר זימן הקב"ה דג אחד ובלע את הטבעת ושלש שנים נטרד שלמה על שעבר שלשה לאוין לא ירבה לו סוסים ונשים וכסף וזהב ונטרפה דעתו באבדן הטבעת עד שריחם עליו הקב"ה ונזדמן לפני מלך בני עמון ונעשה מלצר שלו ראתה אותו נעמה וחשקה בו ואביה הגלה את שניהם למדבר שמם שם ימותו מ'תת עצמם וידיו אל תהי בהם וזימנם הקב"ה לשפת הים ואותו הדג עלה בגורלם וקרעה נעמה את הדג ונטלה הטבעת ונתנה לשלמה ותחי רוחו ומנדעה עליה יתוב וודאי שלא החמיץ שלמה המצוה מיד שנתישבה דעתה שם גייר אותה מיד ועדיין היו עניים מרודים ע"ב נתקבלה

(ילקוט גריס סימן מז) :

**עתיד** הקב"ה לחזור לישראל המן והבאר והענן (סס משיח כח) :

**הצדיקים** יקדימו להחית המתים לשאר העולם וכמה יקדימו ר"י בשם רבי אומר עשרה שנים. ר' יצחק אומר רי"ד שנה (סס) :

משיח

(ובזמן הזה איז פאר באטין מנימוס המלכות צו נעמען גרים) גייא זעה אראיה פון רות דאס זיך נישט מדבק גיוועזין צוא נעמי נאר ווען זיא איז גיוועזין ארעם. שדי המר לי דענסמאהל ורות דבקה בה. אזוי שלמה המלך פון דיא טויזינד ווייבער וואס ער האט גיהאט אונ האט זייא אלע מגייר גיוועזין איז נישט נתקבל גיווארין זאל ארוס קומען פון זיי זרע מלוכה נאר פון נעמה העמונית דאס איז רחבעם. ווייל זיא האט מיט איהם חתונה גיהאט ווען ער איז גיוועזין בדלי דלות אונ איז נישט קריג גיקומען צו דיין מלוכה נאר אין איהר זכות. אזוי שטייט אין מדרש אגדה אז דאס פינגעריל וואס איז גיוועזין אויף גיקריצט דער שם המפורש איז שלמה איבער גירעט גיווארין פון דעם אשמדאי אונ ער האט דאס פינגעריל אריין גיווארפין אין ים הגדול סוף דבר האט הקב"ה מזמן גיוועזין אז א פיש האט איין גישלונגין דאס פינגעריל. אונ דרייא יאהר איז שלמה המלך גיווען מטורד פון זיין מלוכה אונ האט ארום גיוואנדירט אויף דער וועלט אונ וואו ער האט גיזאגט אז ער איז שלמה המלך האט מען פון איהם גילאכט אונ מיהאט איהם גיגעבין אשיקעל ארבעס. דער פאר ווס ער הט עובר גיוועזין אויף דרייא לאוין לא ירבה לו כסף וזהב. ולא ירבה לו נשים. ולא ירבה לו סוסים. אונ ער איז גיוועזין צימישט זיין דעה וויא ער האט פאר לוירין, דאס פינגעריל ביז הקב"ה האט זיך אויף איהם מרחם גיוועזין אונ ער האט זיך מזדמן גיוועזין פאר דעם מלך בני עמון אונ ער איז גיווארין בייא איהם אקעכערש אונ זיין טאכטער דיא נעמה האט איהם דער זעהן איז ער איהר גיפעלין אונ האט זיך אין איהם פאר ליבט אונ דער פאטער האט זייא ארויס גיטריבין ביידע אין אוויסטע מדבר אריין כדי זייא זאלין ביידע שטארבין אונ זיינע הענד זאלין נישט זיין דער בייא אונ הקב"ה האט זייא מזמן גיוועזען ביידע צים ברעג פון ים אונ זייא האבין באקומען דעם פיש אונ דיא נעמה האט גיעפינט דעם פיש האט זיא גיפונען דאס פינגעריל האט זיא אוועק גיגעבין שלמה איז ער גיווארין דער קוויקט אונ דער רוח הקודש איז איהם קריג גיקומען אונ האט באקומען דעם שכל האט ער איהר באלד מגייר גיוועזין אונ זייא זענען גיוועזען גרויסע ארעמע לייט דריבער איז זיא נתקבל גיווארין :

הקב"ה וועט קריג געבין דיא ישראל דעם ענן מיט דעם באר מיט דעם מן :
דיא צדיקים וועלין אויף שטיין לתחית המתים מיט צעהן יאהר פריער וויא דיא גאנצע וועלט.

# אחרית הימים

**משיח** יהגלה תחלה בגליל כי שם התחיל הגלות :

**כשיגיע** זמן הגאולה יבא הקב"ה אל אברהם ויאמר קום כי בא זמן הגאולה ואני רוצה ליתן להם שכר טוב על מה שסבלו בגלות והנה אברהם שהיה מסכים במכירת בניו לגלות וכו' עושה עצמו כאלו אינו מסכים בגאולה ואומר כל מה שסבלו היה בחטאם ועדיין לא נבו חטאם א"ל הקב"ה יודע אני שאין אתה אומר אלא לפנים אף אני אומר כן אלא לפנים לפיים לך על בניך לכן אל תמנע מאתם הטובה (סס גאולס) :

**על** הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הר גבוה העברים שהשכינה תעלה לשם ותבשר לעולם על הגאולה (סס) :

**עמי** הארצות עתיד הקב"ה להחיותם בטללי שנה פי' כשלומדים התלמידים וישנים על הספר ריר היוצא מפיהם הקב"ה משמרו ועושהו טל ומחיה מתים של עמי הארץ (סס מסים כס) :

**בעמי** הארצות לא יתחדש להם שום טובה לימות המשיח ולגבייהו לא יהיה התחדשות רק שעבוד מלכיות אבל לגבי תלמידי חכמים יהיה התחדשות הרבה וטובות רבות (סס):

**דודי** ירד לגנו בכל יום הקב"ה נגלה על הצדיקים בגן עדן ונמלך בהם אם הוא זמן טל מוריד טל לעולם ואם הוא זמן גשם מוריד גשם לעולם (סס ג"ע כה) :

**החלל** של גיהנם שנברא קודם העולם עתיד להתקדש בקדושת הגן ושם יהיה מחול לצדיקים והקב"ה ראש חולה (סס) :

**לשעבר** היה אדם עושה מצוה והנביאים כותבין אותה עכשיו שאין לנו נביאים אליהו ומלך המשיח כותבין והקב"ה חותם על ידיהן דכתיב אז נדברו יראי ה' :

שם

ר"י זאגט מיט צוויא הונדערט פערצין יאהר :

משיח וועט פריער נתגלה ווערין אין גליל ווייל דארט האט זיך אן גיהויבין פריער דער גלות :

אז עס וועט קומען דיא צייט פון דיא גאולה וועט הקב"ה קומען צו אברהם אונ וועט זאגין שטייא אויף עס איז גיקומען דיא צייט פון דיא גאולה איך וויל זייא געבין אגוטין שכר פאר וואס זייא האבין גיליטין אין גלות אברהם האט זיך מסכים גיוועזין צום גלות וועט ער זאגין דאס וואס זייא האבין גיליטין איז דאך גיוועזין איבער זייערע חטאים אונ זייא האבין נאך נישט אפגינומען פאר זייערע חטאים זאגט הקב"ה צו אברהם איך וייס אז דוא זאגסט נאר לפנים איך זאג אויך נאר לפנים כדי מפיים צו זיין דיך אויף דיינע קינדער. דריבער פאר מייד נישט פון זייא דיא טובה :

דיא שכינה וועט ארויף גיין אויף אהויכין בארג אונ וועט מבשר זיין אויף דיא גאולה :

דיא עמי הארצים וועט הקב"ה מחיה מתים זיין מיט דעם טל פון שלאף בשעת דיא תלמידים לערנען אונ ווערין אנשלאפין אופן ספר אונ דאס שפייעכטס רינט זייא פון מויל דאס היט אפ הקב"ה מחיה זיין דיא מתים פון עמי הארצות ·

דיא עמי הארצים וועלין נישט האבין קיין-שום נאייעס לימות המשיח מיין נישט זייא וועלין נישט האבין קיין שעבוד מלכיות. נאר דיא תלמידי חכמים צוא זייא וועט זיין פיל נאייעס אונ פיל גוטס :

הקב"ה קומט אלע טאג אין גן עדן צו דיא צדיקים פרעגין צו ער זאל געבין טל אויף דער וועלט צו גשם :

דיא טענץ וואס דיא צדיקים וועלין טאנצין וועט זיין אין דעם חלל פון גיהנם וואס איז באשאפין גיווארין פאר דיא וועלט אונ ער וועט נתקדש ווערין בקדושת גן עדן :

פריער אז איינער האט גיטוהן אמצוה האבין דיא נביאים גישריבין אצונד שרייבט אליהו ומלך המשיח אונ הקב"ה חתמית :

הקב"ה

**שם** טוב עתיד הקב"ה ליתן להם לצדיקים לעוה"ב ומהו ש"ט שהקב"ה מגלה להם לצדיקים שם המפו"ש שנבראים בו שמים חדשים וארץ החדשה כדי שיהיו כולם יכולין לבראות עולם חדש וכשם ששמים חדשים וארץ חדשה קיימים לעולמי עולמים כך עתיד שמו של צדיקים ושם זרעם וזרע זרעם שיעמדו לעולם שם עולם אתן לו מלמד שלש מאות וארבעים עולמים עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק לעוה"ב (תוספות דר"ע) :

**אמר** הקב"ה לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא בירושלים של מטה (תענית ס) :

**אם** שלש ירושלים הן כל אחת ואחת יש בה שלשים מדורין למעלה . אם שלשים ירושלים כל אחת ואחת יש בה שלשים מדורין למעלה (ב"ב ע"ה) :

**אין** ירושלים נפדית אלא בצדקה (שבת קלט) :

**אין** לך כל אילן סרק שבא"י שאינו מוציא משא שתי אתונות (כתובות קיא) :

**אין** לך כל גפן וגפן שבא"י שאין צריך עיר אחת לבצור (שם) :

**אין** לך קץ מגולה מזה שנאמר ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו (סנהדרין לח) :

**בברכותיה** של א"י בית סאה עושה חמשת רבוא כורין (כתובות קיב) :

**לא** כהעוה"ז העוה"ב אין בו לא אכילה ולא שתיה ולא פריה ורביה ולא משא ומתן ולא קנאה ולא שנאה ולא תחרות אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה (ברכות יז) :

לא

הקב"ה איז עתיד צו געבין דיא צדיקים אשם טוב וואס איז דער שם טוב הקב"ה וועט מגלה זיין דיא צדיקים דעם שם המפורש וואס דער מיט איז באשאפין גיווארין דיא נאייע הימלען מיט דיא נאייע ערד כדי זייא זאלין אלע קאנען באשאפין אנאייע וועלט אונ אזוי וויא דיא נאייע הימלען מיט דיא נאייע ערד וועלין האבין אקיום אויף אייביג אזוי וועלין דיא צדיקים זייער נאמען מיט דעם נאמען פון זייערע קינדער אונ קינדס קינדער וועלין האבין אקיום אויף אייביג :

דרייא הונדערט אונ פערציג וועלטין וואס הקב"ה לעתיד מאכין ירשענען צו איטליכין צדיק לעולם הבא :

הקב"ה זאגט איך וועל נישט אריין קומען אין ירושלים של מעלה ביז איך וועל אריין קומען אין ירושלים של מטה :

אויב עס וועט זיין דרייא ירושלים וועט זיין אין איטליכין ירושלים דרייסיג באוואהנונג אין דער הייך אויב עס וועט זיין דרייסיג ירושלים וועט זיין אין איטליכין ירושלים דרייא באוואהנונג אין דער הייך :

ירושלים וועט נישט ווערין אויס גילייזט נאר מיט צדקה :

עס וועט נישט זיין קיין ליידיג בוים אין ארץ ישראל וואס מיוועט נישט אראפ נעמען פון איהם פירות אמשא פון צוויי אייזלין :

עס וועט נישט זיין קיין גפן אין ארץ ישראל וואס מיוועט נישט דארפין אשטיל אייזל אם צו שניידין דיא וויין טרויבין :

עס איז נישטא קיין בעסערין סימן אויף דעם קץ המשיח אז דיא בערג פון ארץ ישראל וועלין ארויס וואקסין צווייגין :

בשעת ארץ ישראל איז גיוועזין גיבענשט האט גיוואקסין פינף מילאן קערין אויף איין בית סאה :

עוה"ב וועט נישט זיין גלייך צו עולם הזה . עוה"ב וועט מען נישט עסען נישט טרינקין נישט האבין קינדער נישט משא ומתן נישט קיין קנאה נישט קיין שנאה נישט קיין מחלוקת נאר דיא צדיקים וועלין זיצין מיט דיא קרוינען אויפן קאפ אונ וועלין האבין הנאה פון דעם זיו השכינה :

עוה"ב

**לא** כהעוה"ז עוה"ב עוה"ז על בשורות רעות אומר דיין האמת ועל בשורות טובות אומר הטוב והמטיב ובעוה"ב כלו הטוב והמטיב (פסחים נ) :

**לעתיד** לבא מביא הקב"ה ליצר הרע ושוחטו בפני הצדיקים ובפני הרשעים הצדיקים נדמה להם כהר גבוה והרשעים נדמה להם כחוט השערה הללו בוכין והללו בוכין וכו' (סוכה נב) :

**לעתיד** לבא באים עכו"ם ומתגיירין וכו' ומניחין תפילין בראשיהן תפילין בזרועותיהם ציצית בבגדיהם מזוזה בפתחיהם כיון שרואין מלחמת גוג ומגוג אומרים להן על מה באתם אומרים לו על ה' ועל משיחו וכו' וכל אחד מנתק מצותו והולך וכו' והקב"ה יושב ומשחק ואין לו להקב"ה שחוק אלא אותו היום בלבד (ע"ז ג) :

**מה** שאוה"ע עכשיו בוזים את ישראל וישראל הם מסגלים לה' שנאמר והיה סחרה ואתננה קודש לה' (תנחומא) :

**עתידים** אילנות שבא"י שיטענו פירות בכל יום שנאמר ונשא ענף ועשה פרי מה ענף בכל יום אף פרי בכל יום (שבת ל) :

**עתידה** אשה שתתעבר ותלד בכל יום שנאמר הרה ויולדת יחדיו (שם) :

**בשעה** שהקב"ה עתיד להחיות את המתים הוא מנער קווצותיו והטל יורד והעפר מתגבל דכתיב וצמחו מבין חציר (ילקוט שס"ט) :

**מה** אעידך מה אדמה לך. ר"י דכפר חנין אומר לכשאשוה לך אנחמך לכשיגיע אותו היום שכתוב בו ונשגב ה' לבדו באותו שעה אנחמך (שם"ט) :

**אמר** הקב"ה בועז מנחם ואני איני מנחם שנאמר ויען בועז וגו' כי נחמתני כשיבא הקב"ה לנחם

עוה"ב וועט נישט זיין וויא עוה"ז בעוה"ז אויף א שלעכטע בשורה זאגט מען ברוך דיין האמת און אויף א גוטע בשורה זאגט מען הטוב והמטיב אבער בעוה"ב וועט נאר זיין גוטע בשורות און מיוועט זאגן הטוב והמטיב :

לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגען דעם יצר הרע און מיוועט איהם שעכטן פאר די צדיקים און פאר די רשעים די צדיקים וועט זיך דאכטן אז ער איז אזוי גרויס וויא א באַרג א הויכער די רשעים וועט זיך דאכטן אז ער איז אזוי וויא א האר און די צדיקים וועלן וויינען און די רשעים וועלן וויינען :

לעתיד לבא וועלן קומען די עכו"ם און וועלן זיך מגייר זיין און וועלן לייגן תפלין אויפן קאפ און אויפן אָרעם און וועלן זיך אָן טוהן ציצית בייא זייערע קליידער און אָן שלאָגן א מזוזה בייא זייערע טירען וויא זייא וועלן דער זעהן די מלחמות גוג ומגוג וועלן זייא פרעגן אויף וועמען זענט איהר גיקומען וועלן זייא ענטפערן על ה' ועל משיחו וועט איטליכער פון זייא גיין באלד און אראפ ווארפן די תפילין מיט די ציצית מיט די מזוזות און הקב"ה וועט לאכן פון זייא דעם טאג :

װאס די אוה"ע ברויבן די ישראל און די ישראל זאמלין פון גאטס ניסן :

די ביימער פון ארץ ישראל וועלן טראגן פירות אלע טאג. די ווייבער וועלן מעוברת ווערן און געווינען אלע טאג א קינד :

בשעת אז הקב"ה וועט וועלן מחיה מתים זיין וועט ער אויס שאקלין זיינע האר וועט גיין אראפ דער טל און די ערד וועט ווערן אויס גיקנעטין. און זייא וועלן ארויס וואקסין וויא גראז :

הקב"ה זאגט אז איך וועל זיין גלייך מיט דיר וועל איך דיך טרייסטין אז עס וועט קומען דער טאג פון ונשגב ה' לבדו וועל איך דיך טרייסטין :

הקב"ה זאגט מהדאך. בועז טרייסט רות וויא עס שטייט כי נחמתני אז הקב"ה וועט קומען טרייסטין

לנחם את ישראל על אחת כמה וכמה (תנא ילקוט) :

**לעתיד** לבא כשיבא הקב"ה לדון את עשו מה עשו עושה מתעטף בטליתו ובא ויושב אצל יעקב אומר לו יעקב אין כאן מקומך כי גזרת עלי שמד לעבור על וכו' ומיד יורד לשאול (ילקוט משיח תנחומא ט) :

**בא** מיכאל שר הגדול אפוטרופוס של ישראל ואמר רבש"ע אימתי יפקון ישראל מגלותא דאדום שהרי כתבת כאשר יסבלו צרות רבות ינאלו מן הגלות. אמר הקב"ה יבוא סמאל אפוטרופוס של אדום ויטעון עמך. אתא סמאל ואמר רבש"ע אתה אמרת שיהיו ישראל בגלות אדום עד שיעשו תשובה ועתה הם רשעים, אותו שעה גער הקב"ה בסמאל שדבר לשון הרע על ישראל וברח סמאל שלשה אלפים מילין אמר לו הקב"ה למיכאל היה לך לראות תחלת הפסוק ושבת עד ה' אלהיך ואחר כך כי אל רחום וגו' אמר מיכאל מרי דעלמא וכי בחנם נקראת אל רחום שהרחם אע"פ שאינם ראויים א"ל הקב"ה כבר נשבעתי שלא אפדם עד שישובו לפני אפי' כחודה של מחט אני אפתח להם פתח גדול (ילקוט חדש גלות):

**עתיד** הקב"ה להחיות המלכים שצרו על ירושלים כגון לופינוס וסנחרב ונבוכדנצר וכיוצא בהם ויתן להם ממשלה כמו מתחלה ויתאספו עליהם הרבה אומות וישלח עליהם הקב"ה פורעניות בגלוי סביב ירושלים וכן כתיב וזאת המגפה אשר יגוף ה' את כל הגוים אשר צבאו על ירושלים יצבאו לא כתיב אלא אשר צבאו שצבאו כבר (שם) :

**ישראל** דאינון אילת בההיא זימנא יתער נשר ויתפרש גדפהא על ערבובי דאומין עו"ג דאינון עמלקים וערבוביא בושט דישראל יטריף לון דלא ישתאר חד מינייהו (זוהר):

עתידים

פרייסטין די ישראל איז א כל שכן :

**לעתיד** לבא אז הקב"ה וועט קומען משפטן עשו וואס וועט עשו טוהן וועט ער זיך איין הילין אין אטלית און וועט זיך זעצין לעבין יעקב וועט יעקב זאגין צו עשו עס איז נישט דא דיין אָרט דו האסט אויף מיר גוזר געוועזן צו דינין עבודה זרה וועט ער באלד גיין אין שאול אריין :

**מיכאל** כהן גדול דער שר ואפוטרופוס של ישראל וועט קומען און זאגין רבש"ע ווען וועלין ישראל ארויס גיין פון גלות אדום דוא האסט געשריבין אז זייא וועלין ליידין פיל צרות וועלין זייא אויס געלייזט ווערין פון גלות. זאגט הקב"ה זאל קומען סמאל דער אפוטרופס פון עשו און טענען מיט דיר. וועט קומען סמאל זאגט ער רבש"ע דוא האסט געזאגט אז די ישראל זאלין זיין אין גלות אדום ביז זייא וועלין טוהן תשובה און אצונד זענען זייא רשעים. די צייט וועט הקב"ה אן שרייען אויף סמאל פאר וואס ער רעט לשון הרע אויף די ישראל און ער אנטלויפט דרייא טויזנד תחום שבת זאגט הקב"ה צוא מיכאל האסט גידארפט זעהן דעם אן הייב פון פסוק ושבת עד ה' אלהיך דער נאך כי אל רחום וגו' זאגט מיכאל מרי דעלמא צוא אום זיסט ווערסטו גירופין אל רחום זאלסט דיך אויף זייא מרחם זיין האצבי זייא זענען נישט ווערט זאגט הקב"ה איך האב לאנג געשווארין איך וועל זייא נישט אויס לייזן נאר אז זייא וועלין תשובה טוהן האצבי וויא אשפיץ פון אנאדיל וועל איך זייא עפינען אגרויסע טיהר :

הקב"ה וועט לעתיד מחיה זיין די מלכים וואס האבין באלעגירט ירושלים דהיינו לופינוס סנחרב נבוכדנצר און וועט זיי געבין אזא ממשלה ווי פריער און עס וועלין זיך איין זאמלין צו זיי פיל אומות און הקב"ה וועט אויף זיי שיקין פורעניות בגלוי ארום אין ירושלים :

די ישראל הייסין אילת די צייט וועט דער וועקין דער אדלער און וועט פר שפרייטין איהרע פליגיל אויף דעם אוים מישונג פון די געצין דינער וואס זייא זענען עמלקים און דאס ערב רב פון ישראל און טיוועט זיי פאר צוקין אז עס וועט נישט בלייבין איינער פון זיי :

עתידים

**עתידים** כל האומות לבנוד במלכות גוג ומגוג ויברחו עד בית גוברין וימצאו שם משיח ויסכימו שם להמליכו והשר שלהם יברח לבצרה ונגלה עליו הקב"ה להרגו א"ל רבש"ע כתיב וגם אל אחת הערים האלה וחי והקב"ה משיבו לא קראת מה כתיב בצדו גואל הדם ימית את הרוצח וכתיב בני בכורי ישראל. ועוד כי ערי מקלט אינו קולט אלא אדם ואתה מלאך. ועוד כי בצרה אינו עיר מקלט רק בצר בערי הגלעד לראובני. ועוד ערי מקלט אינו קולט רק אם הורגים בשוגג ואתה הרגת במזיד מיד הקב"ה תופסו בציצית ראשו ואליהו שוחטו ודמו ניתז על בגדו (שם). וכשיבא הקב"ה לישראל ישאלו להקב"ה מדוע אדום ללבושך ויאמר הקב"ה פורה דרכתי לבדי וכו' ויז נצחם על בגדי וכל מלבושי אגאלתי (שם):

**לעתיד** לבוא יעשה גבריאל קניגיא עם הלויתן ויבאו הלויתן והשור הבר. השור נותן את לויתן בין קרניו ונוחרו והלויתן נותן את השור בין סנפיריו וקורעו והצדיקים מתמיהים כי שחיטה כזו כשרה ולא כן תנינן בכל שוחטין חוץ ממגל וכו' מפני שהן חונקין אמר להם הקב"ה תורה חדשה מאתי תצא חידוש תורה מאתי תצא (ילקוט הדש מט"ח):

**מי** שלא אכל נבלות וטרפות בעוה"ז זוכה לאכול מהסעודה שיעשה הקב"ה לצדיקים לעתיד לבא ומי שאכל לא יזכה (שם):

**יונה** בן אמתי הוא נדר שיעלה ללויתן מן הים ויזכה אותו לצדיקים. וכן יעשה שנאמר את אשר נדרתי אשלמה:

ענין

**עתידים** זענען אן גיברייט אלע אומות מורד זיין אין מלכות גוג ומגוג אונ אוועק טרייבין פון זייער אומה אונ זיי וועלין אנטלויפין ביז בית גוברין אונ דארט וועלין זייא גיפינין משיח אונ וועלין מסכים זיין איהם צו מאכין פאר אמלך אונ דער שר זייערער וועט אנטלויפין קיין בצרה אונ הקב"ה וועט ווערין אויף איהם אנטפלעקט צו הרגנען איהם אונ ער וועט זאגין רבש"ע עס שטייט אז מען אנטלויפט אין דיא ערי מקלט בלייבט מען לעבין וועט הקב"ה איהם ענטפערין דוא האסט ניט גילערינט וואס עס שטייט דער לעבין גואל הדם דער גואל הדם זאל טייטין דעם רוצח אונ דיא ישראל זענען בני בכורי בין איך זייער גואל הדם. אונ נאך עס שטייט אז דיא ערי מקלט איז נאר קולט אז אמענש אנטלויפט דארט אבער נישט קיין מלאך אונ דוא ביסט אמלאך. אונ ווידער בצרה איז נישט קיין עיר מקלט נאר בצר אין דיא ערי הגלעד אונ ווידער ערי מקלט איז נאר קולט אז מיהרגית בשוגג אבער דוא האסט גיהרגת במזיד וועט איהם הקב"ה נעמען בייא זיינע האר פון קאפ אונ אליהו וועט איהם שעכטין אונ זיין בלוט וועט שפריצין אויף זיינע קליידער אונ אז הקב"ה וועט קומען צו דיא ישראל וועלין זייא איהם פרעגין פאר וואס זענען דיינע קליידער רויט וועט הקב"ה זאגין איך האב גיהרגת דעם שר של עכו"ם אליין האט גישפריצט זיין בלוט אויף מיינע קליידער האב איך מיך דריבער איין גערייכט:

**לעתיד** לבא וועט גבריאל מאכין אמלחמה מיט דעם לויתן אונ וועט ברענגען דעם לויתן מיט דעם שור הבר. דער שור הבר וועט נעמען דעם לויתן צווישין זיינע הערנער אונ וועט איהם שעכטין אונ דער לויתן וועט נעמען דעם שור הבר צווישין דיא פלים פעדערין אונ וועט איהם צו רייסין אונ דיא צדיקים וועלין זיך וואונדערין צו אזוי אשחיטה איז כשר מיר האבין גילערינט אז מיטאר אזוי נישט שעכטין וועט הקב"ה זאגין פון מיר גייט ארויס אנייע תורה אונ עס וועט באנייט ווערין נייעה תורות פון מיר:

**ווער** עס האט נישט גיגעסין קיין נבלות וטרפות בעוה"ז דער וועט זוכה זיין צו עסען פון דיא סעודה וואס הקב"ה וועט מאכין צו דיא צדיקים לעתיד לבא אונ ווער עס האט יוא גיגעסין וועט נישט זוכה זיין צו עסען:

**ענין** אכילת לויתן ושתיית יין המשומר. כי הנה עתידין ישראל לילך מחיל אל חיל ר"ל מהעוה"ז לעולם הבא ואי אפשר לילך מדבר להיפוכו בלי אמצעי כי העוה"ז והעוה"ב הם שני הפכים עוה"ז כולו אכילה ושתיה ועוה"ב אין בו אכילה ושתיה כלל. והאכילת לויתן ושתיית יין המשומר זה יספיק לנו להביאנו לעוה"ב שאין בו אכילה ושתיה (סס)

**לעתיד** יבואו כל השבטים ויאמרו לעשו למה רדפת את אחיך יעקב. יאמר להם ואתם למה רדפתם את אחיכם יוסף כשיבא אל יוסף יאמר לו יוסף למה רדפת אחיך יעקב ואינו יכול להשיב כלום כי תימא שעשה לך רעה אף אחי עשו לי רעה ואני שלמתי להם טובה מיד הוא שותק ונופל בידו (סס):

**מראש** פרעות אויב כשהמקום מביא פורעניות על הרשעים אין מביא עליהם שלהם בלבד אלא שלהם ושל אבותיהם מאברהם ואילך (ילקוט האזינו):

**כי** דם עבדיו יקום ונקם וגו' שתי נקמות על הדם ועל החמס (סס):

**ומנין** אתה אומר שכל חמס שחמסו העו"ג את ישראל מעלה עליהם כאלו דם שפכו שנאמר וקבצתי את כל הגוים וגו' באותו שעה ויהודה לעולם תשב ונקיתי דמם לא נקיתי (סס):

**וכפר** אדמתו עמו ומנין אתה אומר שהריגתן של ישראל ביד הרשעים כפרה היא להם לעולם הבא שנאמר נתנו את נבלת וגו' שפכו דמים כמים וגו' (סס):

**מנין** אתה אומר שירידתם של הרשעים בגיהנם כפרה היא להם לישראל לעוה"ב שנא' ואתן אדם תחתך (סס):

דעם ענין פון דיא סעודה פון לויתן אונ טרינקין דעם יין המשומר איז דעריבער ווייל דיא ישראל דארפין גיין מחיל אל חיל. פון דיא וועלט צו יענער וועלט אונ יענע וועלט פון דיא וועלט איז גאר דער ווידער קען מען נישט ארויס גיין פון דיא וועלט צוא יענע וועלט נאר דורך אמיטיל. ווארום דיא וועלט איז נאר עסען אונ טרינקין אונ עוה"ב איז אן עסען אונ טרינקין. אונ דיא סעודה פון לויתן מיט דעם יין המשומר וועט מספיק זיין צוא ברענגין צו עוה"ב וואס אן עסין אונ טרינקין:

לעתיד וועלין קומען אלע שבטים אונ זאגין צו עשו פאר וואס האסטו גיאגט דיין ברודער יעקב. וועט ער זאגין פאר וואס האט איהר גיאגט אייער ברודער יוסף. אז ער וועט קומען צו יוסף אונ יוסף וועט איהם פרעגין פאר וואס האסטו גיאגט דיין ברודער יעקב וועט ער גאר נישט קענען ענטפערין. איי דוא וועסט זאגין ווייל ער האט דיר גיטוהן א רעה מיינע ברידער האבין מיר אויך גיטוהן א רעה אונ איך האב זייא אב גיצאלט א טובה. וועט ער באלד שווייגין אונ וועט פאלין אין זיין האנד:

מראש פרעות אויב אז הקב"ה וועט ברענגין א פורעניות אויף דיא רשעים ברענגט ער נישט אויף זייא נאר פאר זייערע חטאים אליין נאר ער שטראפט זייא פאר זייערע חטאים מיט זייערע עלטערינס חטאים ביז אברהם אבינו:

כי דם עבדיו יקום. צוויי נקמות וועט זיך השי"ת נוקם זיין פאר דעם בלוט אונ פאר דעם רויב: אונ פון וואנען זאגסטו אז איטליכין רויב וואס דיא רשעים האבין גירויבט דיא ישראל איז גלייך וויא זייא וואלטין בלוט פאר גאסין. עס שטייט אין פסוק ונקיתי דמם לא נקיתי:

וכפר אדמתו עמו אונ פון וואנען זאגסטו אז אישראל ווערט גיהרגת דורך דיא רשעים איז פאר זייא אכפרה לעולם הבא וויא עס שטייט אין פסוק שפכו דמם כמים וגו':

פון וואנען זאגסטו אז דיא רשעים וואס גייען אין גיהנם איז פאר דיא ישראל אכפרה לעולם הבא וויא עס שטייט ואתן אדם תחתיך:

# אחרית הימים

**אמר** הקב"ה בעוה"ז עשיתי לכם פלאים ונאלתי אתכם משעבוד מצרים כך אני עתיד לגאול אתכם לעתיד לבא משעבוד אדום ולעשות לכם נפלאות שנאמר כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות (תנחומא) :

**והקמותי** עליהם שבעה רועים ושמונה נסיכי אדם. שבעה הרועים מאן נינהו. דוד באמצע אדם שת מתושלח בימינו אברהם יעקב ומשה בשמאלו :

**שמונה** נסיכי אדם מאן נינהו. ישי שאול שמואל עמוס צפניה צדקיהו משיח אליהו (סוכה נב) :

**עתיד** הקב"ה לעשות עטרה בראש כל צדיק וצדיק (מגלה טו) :

**עתידים** צדיקים שיעמדו לתחית המתים בלבושיהן (כתובות קיא) :

**עתידים** צדיקים שמכבצין ועולין בירושלים (שם) :

**גדולים** צדיקים יותר ממלאכי השרת :

**כל** צדיק וצדיק עושה לו הקב"ה חזיז בפני עצמו (תענית) :

**כל** צדיק וצדיק עושה לו הקב"ה ערן בפני עצמו שנאמר ונחל עדניך תשקם (ילקוט תשכו) :

**כל** צדיק וצדיק נותנין לו מדור לפי כבודו (שבת קנב) :

**א"ר** יהושע בן לוי בעוה"ז היו הצדיקים מטורפין שנאמר טרף נתן ליראיו אבל לעוה"ב יזכור לעולם בריתו (תנחומא תולדות) •

**אין** אליהו בא לא לטמא ולא לטהר לא לרחק ולא לקרב אלא לעשות שלום בעולם :

**אין** ישראל רואים סימן גאולה לעולם עד שיחזרו ויבקשו שלשתם מלכות שמים ומלכות בית דוד ובנין בהמ"ק שנא' אחר ישובו בני ישראל ובקשו את ה' אלהיהם זו מלכות שמים ואת דוד מלכם זו מלכות בית דוד ופחדו אל ה' ואל טובו זו בנין ביהמ"ק (ילקוט) :

**אין** בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי שנאמר ועמך כולם צדיקים או בדור שכולו חייב שנאמר וירא כי אין איש וישתומם כי אין מפגיע וגו' למעני למעני אעשה (פסחים נג) :

אין

הקב"ה זאגט אויף דער וועלט האב איך אייך געטאהן וואנדער אונ אוים געלייזט אייך פון שעבוד מצרים אזוי וועל איך אייך אוים לייזן לעתיד לבא פון שעבוד אדום אונ וועל אייך טוהן ווייטער וואנדער :

אונ איך וועל אויף שטעלין אויף אייך זיבין פאסטוכער. דוד אין מיטין אונ אדם שת מתושלח אין דיא רעכטע האנט אונ אברהם יעקב אונ משה אין דיא לינקע האנט. אונ אכט פערשטין פון מענטשין ישי שאול שמואל עמוס צפניה צדקיהו משיח אליהו :

הקב"ה איז עתיד צו מאכין אקרוין צו איטליכין צדיק אויף זיין קאפ :

דיא צדיקים וועלען אן גיבערייט אויף שטיין צו תחית המתים מיט זייערע קליידער :

דיא צדיקים וועלען אן גיבערייט ארוים צו שפאצירין אונ ארוים גיין פון די קברים אין ירושלים :

דיא צדיקים זענען גרעסער פון דיא מלאכי השרת :

איטליכין צדיק וועט הקב"ה מאכין אבאזונדערין וואלקין :

איטליכין צדיק וועט הקב"ה מאכין אגן עדן באזונדער :

איטליכין צדיק וועט הקב"ה געבין אבאוואונג נאך זיין כבוד :

יהושע בן לוי זאגט אויף דער וועלט זענען דיא צדיקים גיוועזין צו מישט וועגין פרנסה אבער לעולם הבא וועט הקב"ה גידענקין זיין ברית :

אליהו וועט נישט קומען נישט מטמא צו זיין נישט מטהר זיין נישט צו דער ווייטערין נישט צו דער נעהנטין נאר צו מאכין שלום אויף דער וועלט :

דיא ישראל וועלין נישט זעהן קיין סימן גאולה אייביג נאר צייטין אז זייא וועלין קריג בעטין דרייא זאכין. מלכות שמים אונ מלכות בית דוד אונ בנין בית המקדש :

משיח בן דוד וועט אנדערש נישט קומען נאר אין אדור וואס איז נאר צדיקים אדער חוץ אלע רשעים :

אין בן דוד בא עד שיכלו גסי הרוח מישראל (סנהדרין לח) :
אין בן דוד בא עד שיכלו כל שופטים ושוטרים מישראל (שם) :
אין בן דוד בא עד שיכלו שני בתי אבות מישראל ואלו הן ראש גולה שבבבל ונשיא שבא"י (שם לח) :
אין בן דוד בא עד שירבו המסורות. ד"א עד שיתמעטו התלמידים. ד"א עד שתכלה הפרוטה מן הכים ד"א עד שיתייאשו מן הגאולה (שם) :
אין בן דוד בא עד שיבקש דג לחולה ולא ימצא (שם) :
אין בן דוד בא עד שתכלה מלכות הזלה מישראל (שם) :
אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף (יבמות סב) :
אין בן דוד בא עד שתתפשט מלכות ארם בכל העולם כולו תשעה חדשים (יומא י) :
אין אליהו בא לא בערבי שבתות ולא בערבי ימים טובים מפני הטורח (סנהדרין) :
דור שבן דוד בא תלמידי חכמים מתמעטים והשאר עיניהם כלות ביגון ואנחה וצרות רבות וגזרות קשות מתחדשות עד שהראשונה פקודה השניה ממהרת לבוא (שם) :
דור שבן דוד בא בו בית הוועד יהיה לזנות והגליל יחרב והגבלן ישום ואנשי גבול יסובבו מעיר

מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען צַייטִין אַז עֶס וֶועט פַאר לֶענְט וֶוערִין דִיא גַסֵי הָרוּחַ פוּן יִשְׂרָאֵל :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועט פַאר לֶענְד וֶוערִין שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים פוּן יִשְׂרָאֵל :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועט פַאר לֶענְד וֶוערִין צְווייא בָּתֵּי אָבוֹת פוּן יִשְׂרָאֵל. דֶער רֹאשׁ גוֹלָה פוּן בָּבֶל אוּנ דֶער נָשִׂיא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועט וֶוערִין פִיל מוֹסְרִים. אָדֶער עֶס וֶועט וֶוערִין וֵוינְצִיג דִיא תַּלְמִידִים אָדֶער עֶס וֶועט אוֹיס גֵיין אַפְּרוּטָה פוּן בַּייטִיל. אָדֶער מֶען וֶועט זִיךְ מְיַאֵשׁ זַיין פוּן דִיא גְאוּלָה :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז מֶ'וֶועט זוּכִין אַפִישׁ פַאר אַשְׁלַאפִין אוּנ מֶען וֶועט נִישְׁט גִיפִינֶען :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועט פַאר לֶענְד וֶוערִין דָאס וָואלְוֶועלְכֶע מַלְכוּת פוּן יִשְׂרָאֵל :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס אִיז אִין אָרְט וָואס הֵייסְט גוּף וֶועלִין אוֹיס גֵיין :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען בִּיז מַלְכוּת אֲרָם וֶועט זִיךְ מִתְפַּשֵׁט זַיין נַיין חֳדָשִׁים אוֹיף דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט :
מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען נָאר בִּיז אַלֶע מֶערְק וֶועלִין זַיין גְלַייךְ :
אֵלִיָהוּ וֶועט נִישְׁט קוּמֶען אִין עֶרֶב שַׁבָּת אוּנ נִישְׁט אִין עֶרֶב יוֹם טוֹב וַוייל אַיבֶּער דִיא טִרְחָא פוּן שבת ויום טוב :
דֶער דוֹר וָואס מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט קוּמֶען וֶועלִין דִ"א תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זַיין וֵוינְצִיג אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע וֶועלִין זֵייעֶרֶע אוֹיגִין וֶוערִין פַאר לֶענְט מִיט יָגוֹן וַאֲנָחָה אוּנ פִיל צָרוֹת אוּנ שְׁוֶוערֶע גְזֵרוֹת וֶועט וֶוערִין בַּאנַייעֶט בִּיז דִיא עֶרְשְׁטֶע וֶועט נָאךְ זַיין וֶועט דִיא אַנְדֶערֶע אֵיילִין צוּ קוּמֶען :
דֶער דוֹר וָואס מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט קוּמֶען דָאס אָרְט וְוִיא דִיא חֲכָמִים פְלֶעגִין זִיךְ צוּ זַאמֶען קוּמֶען וֶועט זַיין אַבֵּית הַזוֹנוֹת אוּנ דֶער גָלִיל וֶועט וֶוערִין חָרֵב. אוּנ דֶער גַבְלָן וֶועט וֶוערִין אַ וִויסְט אוּנ דִיא אַנְשֵׁי גְבוּל וֶועלִין זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן פוּן שְׁטָאט צוּא שְׁטָאט אוּנ מען

מעיד לעיר ולא יחוננו וחכמת סופרים תסרח ויראי חטא ימאסו ופני הדור כפני הכלב והאמת תהי נעדרת, וסר מרע משתולל (סס) :

דור שבן דוד בא בו העזות תרבה והיוקר יעות והגפן יתן פריו והיין ביוקר :

דור שבן דוד בא בו קטיגוריא בין תלמידי חכמים וכו' צירוף אחר צירוף. תני רב יוסף בזוזי ובזוזי דבזוזי (כתובות קיב) :

אין בן דוד בא עד שיהיו כל השערים שקולין (סנהדרין לח) :

אין הקב"ה מחדש את עולמו אלא לאחר שבעה אלפים שנה (סס) :

אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר חכה לו שנאמר וייראו ממערב את שם וגו' רוח ה' נוססה בו וגו' ובא לציון גואל וגו' (כ"ב ע) :

אם ראית דור שמתמעט והולך חכה לו שנאמר ואת עם עני תושיע (סנהדרין לח) :

גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה :

גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה. שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה :

גדול יום קבוץ גליות כיום שנבראו בו שמים וארץ (פסחים פח) :

שבוע שבן דוד בא בו שנה ראשונה מתקיים מקרא זה והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר. שניה חיצי רעב משתלחות. שלישית רעב גדול ומתים אנשים ונשים וטף חסידים ואנשי מעשה ותורה משתכחת מלומדיה. ברביעית שובע ואינו שובע. בחמשית שובע גדול ואוכלין ושותין ושמחין והתורה מחזרת ללומדיה. בששית קולות. בשביעית מלחמות. במוצאי שביעית בן דוד בא (סנהדרין סט) :

בעקבותא

מען וועט זייא נישט לייט זעלינן און דיא חכמה פון דיא סופרים וועט זיין פאר שטונקין און דיא ערליכע יודין דיא יראי חטא וועלין זיין פאר מיאוסת דער פני הדור וועט זיין אזוי ווי דאס פנים פון א כלב און דער אמת וועט זיין פאר מיכין און דר ווס וועט אפ קערין פון שלעכטס וועט מען האלטין פאר א משוגע :

דער דור וואס משיח בן דוד וועט קומען וועט זיין פיל עזות. און עס וועט זיין א יקרות און דער ווייין שטאק וועט וואקסין פירות און דער וויין וועט זיין טייער :

דער דור וואס משיח בן דוד וועט קומען וועט זיין א מחלוקת צווישין דיא תלמידי חכמים און מען וועט לייטירין און לייטירין און רויבין און ווייטער רויבין :

הקב"ה וועט נישט באנייען דיא וועלט נאר נאך זיבין טויזנד יאהר :

אויב דוא וועסט זעהן א דור וואס קומט אויף איהם פיל צרות וויא א טייך האף צו מלך המשיח :

אויב דוא וועסט זעהן א דור וואס ווערט וויניגער אלע מאל האף צו מלך המשיח :

תשובה איז זעהר גרויס עס איז מקרב דיא גאולה :

צדקה איז זעהר גרויס עס איז מקרב דיא גאולה :

דער טאג וואס הקב"ה וועט צו זאמען נעמען דאס גליות וועט זיין אזוי גרויס וויא דער טאג וואס איז באשאפין געווארין הימל און ערד :

דיא לעצטע זיבין יאהר וואס משיח בן דוד דארף קומען. דאס ערשטע יאהר וועט רעגינען אויף איין שטאט און אויף איין שטאט וועט נישט רעגינען. דאס אנדערע יאהר וועט פיילין פון הונגער ווערין גישיקט. דאס דריטע יאהר וועט זיין א גרויסער הונגר און עס וועלין אויס שטארבין מאנען מיט ווייבער מיט קינדער מיט חסידים ואנשי מעשה און דיא תורה וועט פאר געסין ווערין פון דיא לומדים. דאס פירדע יאהר וועט זיין זאט און נישט זאט. דאס פינפטע יאהר א גרויסע זאט און מיוועט עסין און טרינקין און פרייען זיך און דיא תורה וועט קריג קומען צו איהרע לערנער. דאס זעקסטע יאהר וועט זיין קולות. דאס זיבטע יאהר מלחמות און מוצאי שביעית וועט קומען משיח בן דוד :

און

**בעקבותא** דמשיחא חוצפא יסגי והיוקר יאמיר וגו׳ נערים פני זקנים ילבינו זקנים יעמדו מפני קטנים בן מנאל אב בת קמה באמה כלה בחמותה אויבי איש אנשי ביתו הבן אינו מתבייש מאביו (סוטס מט) :

**כד** יפקון ישראל מגלותא זמינא האי קשת לאתקשטא כגונא דכלה דא דמתקשטא לבעלה וכו׳ לא תצפי לרגלוי דמשיחא עד דיתחזא האי קשת בעלמא מתקשטא בגוונוי נהירין ויתנהיר לעלמא וכדין צפי ליה למשיחא (זוהר בראשית כב) :

**כד** ככבא דבסטר מזרח יבלע שבע כוכבא מסטר צפון ושלהובא דאשא אוכמא תהא תליא ברקיעא שיתין יומין וקרבין יתערון בעלמא לסטר צפון ותרין מלכין יפלון באינון קרבין ויזדווגו כולהו עממיא על ברתיה דיעקב לאדחייא לה מעלמא ועל ההוא זימנא כתיב ועת צ״ה היא ליעקב וממנה יושע וכדין יסתיימין נפשא מגופא ובעיין לאתחדשא וכו׳ וכל מלכי עממיא יתכנשון לגו קרתא רבתי דרומי וקב״ה יתער עלייהו אשא וברדא ואבני אלגביש ויתאבדון מעלמא בר אינון מלכין דלא ימטון לתמן ויהדרון לאגחא קרבין אחרנין ומההוא זימנא מלכא משיחא יתער בכל עלמא ויתכנשון עמיה כמה עממין וכמה חיילין מכל סיפי עלמא וכל בני ישראל יתכנשון בכל אינון אתרי עד דאשתלימו אינון שנין וכו׳ וכדין והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה׳ . ובני ישמעאל זמינין בההוא זימנא לאתערא עליהון עם כל עמין דעלמא למיתי על ירושלים דכתיב ואספתי את כל הגוים על ירושלים למלחמה וגו׳ וכתיב יושב בשמים ישחק וכו׳ ישמח ה׳ במעשיו לנתתא לון

**אין** סוף יאהרין פון משיחס צייטין . וועט זיין פיל חוצפא און אשטארקער יקרות. יונגע לייט וועלין מבייש זיין אלטע לייט און אלטע וועלין זיך אויף שטעלין פאר יונגע און וועט פאר מיאוסין דעם פאטער אטאכטער וועט זיך שטעלין קעגין דיא מוטער אשנור קעגין דיא שוויגיר . זיינע מענשין פון זיין שטוב וועלין זיין זיינע שונאים און וועט זיך נישט שעמען פאר זיין פאטער :

אז דיא ישראל וועלין ארויס גיין פון גלות וועט דער רעגין בויגין זיך אויס צירין מיט שיינע גישטאלטין אזוי וויא א כלה ציהרט זיך אויס פאר איהר מאן . דוא זאלסט נישט האפין צו דיא פיס פון משיח ביז דוא וועסט זעהן דעם קשת אויף דער וועלט אויס גיציהרט מיט ליכטיגע גישטאלטין און ער וועט לייכטין אויף דיא וועלט דענמאל זאהלסטו האפין צו משיח : אז דער שטערין פון מזרח זייט וועט איין שלינגען זיבין שטערין פון צפון זייט און א פייערדיגער פלאהם פון שווארץ פייער וועט הענגען אין הימעל זעקס טאג און מלחמות וועט זיך דער וועקין אין צפון זייט און צוויא מלכים וועלין פאלין אין דיא מלחמה און אלע אומות וועלין זיך מתחבר זיין אויף יעקב׳ס טאכטער מען זאהל איהר פאר שטויסין פון דער וועלט און אויף דיא צייט שטייט אין פסוק ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע דענסטאהל וועט זיך שיידין דיא נשמה פון גוף און וועלין ווערין באנייט און אלע מלכים פון דיא אומות וועלין זיך צו זאמין קומען קיין רומי דיא גרויסע שטאט און הקב״ה וועט זיך אויף זייא דער וועקין מיט פייער און האגיל און שליידיר שטיינער און זייא וועלין פאר לוירין ווערין פון דיא וועלט חוץ דיא מלכים וואס וועלין נישט קומען אהין און וועלין גיין קריג מלחמה האלטין אויף א אנדער ארט און פון דיא צייט וועט ווערין דער וועקט דער מלך המשיח אויף דיא גאנצע וועלט און מיט איהם וועלין זיך איין זאמלין פיל פעלקער און וויפיל חיילות פון עק וועלט און אלע ישראל וועלין זיך צו זאמען קומען פון אלע ערטער ביז עס וועט זיך ענדיגין דיא יאהרין און דענסטאהל וועט מען ברענגין דיא ישראל א מתנה צו גאט פון אלע גוים. און דיא בני ישמעאל וועלין דיא צייט זיך דער וועקין אויף דיא ישראל מיט אלע אומות צו קומען אויף ירושלים און כביכול וועט דענסטאהל לאכין און פרייען זיך מיט

לון לעלמא ולמיהוי כלהון בריין חדתין לחברא עלמא כלהו כחד. זכאין אינון כל אינון דישתארו בעלמא בסייפי אלף שתיתאה למיעל בשבתא דהא כדין איהו יומא חד לקב"ה בלחודיה וכו'. ולמלקט נישמתין חדתין למיהוי בעלמא עם אינון דאשתארו בקדמיתא דכתיב והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדש יאמר לו כל הכתוב לחיים בירושלים (סס ד' קיט):

**ארבע** רוחות העולם מנשבין ועתיד הקב"ה להתעורר רוח אחד לקיים הגוף שיהא כלול מד' רוחות וכו' ואין בין העוה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד ואין בין עוה"ז לתחית המתים אלא נקיות והשגת ידיעה. רב נחמן אמר ואריכות ימים וכו' בית המקדש קודם לקיבוץ גליות. וקיבוץ גליות קודם לתחית המתים ותחית המתים היא אחרון שבכלם וכו' ארבעים שנה קודם הקבוץ גליות להחית המתים וכו' ומקיבוץ גליות עד תחית המתים כמה צרות וכמה מלחמות יתעוררו על ישראל ואשרי הנמלט מהם וכו' ובאותן הימים יהיו ימים אשר יאמר אין לי בהם חפץ ומשעה שיעברו הצרות עד תחית המתים ארבעים שנה וכו' ולסוף ארבעים שנה שהצרות יעברו והרשעים יכלו יחיו המתים שוכני עפר מ"ט משום דכתיב לא תקום פעמים צרה ודי להם במה שעברו ומזמן תחית המתים יתישב עלמא בישובו וכו'. וכמה שנים יקדמו הצדיקים לעמוד בתחית המתים ר' יהודה אמר רד"ו שנה ר' יצחק אמר רי"ד שנה נקדמים הצדיקים לשאר כל אדם. ר' נחמן אמר לפי השיעור שגבל העפר (סס קלט):

**ר'** שמעון זקף ידוי ובכה ואמר ווי מאן דיזדמן בההוא זימנא וזכאה חולקא מאן דיזדמן וישתכח בההוא זימנא. ווי מאן דיזדמן בההוא זימנא בגין דכד ייתי קב"ה לפקדא לאיילתא

דיינע מעשים אונ ווערט אראפ נידעריין אויף דיא וועלט אונ אלע זאלין זיין נאייע באשעפניש אונ באהעפטין דיא גאנצע וועלט זאלין זיין איינס. וויא גליקליך וועלין זיין דיא אלע וואס וועלין בלייבין אויף דיא וועלט צום סוף אלף הששי אריין גיין צום שבת ווארום דאס איז איין טאג צוא גאט אליין אונ וועט אויף קליבין נאייע נשמות זאלין זיין אויף דיא וועלט מיט דיא וואס וועלין בלייבין פון פריער וויא עס שטייט אז דער וואס וועט בלייבין אין ציון אין ירושלים וועט ער ווערין גירופען קדוש. פיר ווינטין בלאזין אויף דער וועלט אונ הקב"ה וועט דער וועקין איין ווינט צוא קיום הגוף וואס ער וועט זיין אכולל פון אלע פיר ווינטין אונ עס איז נישט קיין חילוק פון עוה"ז צו ימות המשיח נאר עס וועט נישט זיין קיין שעבוד מלכיות אונ פון עוה"ז צו תחית המתים איז דער חילוק ריינקייט אונ השגת ידיעה. אונ אריכות ימים. דער בית המקדש וועט גיבויעט ווערין פאר קיבוץ גליות. אונ קיבוץ גליות פאר תחית המתים אונ פון קיבוץ גליות ביז תחית המתים איז פערציג יאהר אונ עס וועט ווערין דער וועקט פיל צרות אונ מלחמות אויף דיא ישראל אונ וואהל איז דעם וואס וועט נמלט ווערין. דיא צייטין וועט קיין מענש נישט האבין אין זייא קיין באגער אונ נאך פערציג יאהר וועלין דיא צרות אריבער גיין אונ דיא רשעים וועלין פאר לענד ווערין וועט זיין תחית המתים צו די שוכני עפר אונ פון תחית המתים וועט די וועלט ווערין באזעצט ווי מען דארף אונ דיא צדיקים וועלין אויף שטיין צו תחית המתים פריער פאר אלע מיט צווייהונדערט אונ צעהן יאר. ר' יצחק זאגט צוויא הונדערט פערצין יאהר פריער. ר' נחמן זאגט וויא דער שיעור וואס זענען גיוועזין גיקנעטין אין דיא ערד:

ר' שמעון האט אויף גיהויבין זיינע הענד אונ גיוויינט אונ זאגט וויא וועה עס וועט זיין אין די צייט פון משיח ווארום אז הקב"ה וועט קומען אויס לייזין דיא ישראל וועט ער זעהן ווער זענען דיא שטייערס וואס וועלין שטיין מיט איהר אונ וועלין זיך גיפינין מיט איהר אונ אימליבינס מעשים אונ ער וועט נישט גיפינען קיין זכאי אונ וויפיל צרות איבער צרות וועט

לאיילתא יסהכל מאן אינון דקיימין בהדה בכל אינון דמשתכחין עמה בכל עובדוי דכל חד וחד ולא ישתכח זכאי דכתיב ואביט ואין עוזר. וכמה עקתין על עקתין לישראל. זכאה מאן דיזדמן וישתכח בההוא זימנא בגין דההוא דיתקיים בההיא זימנא במהימנותא יזכה לההוא נהירו דחדוה דמלכא ועל ההוא זימנא כתיב וצרפתים כצרוף את הכסף ובחנתים כבחון את הזהב. לבתר דאינון עקתין סתערין על ישראל וכל עמין ומלכיהון יתייעטין כחדא עלייהו ומתערי כמה גזירין בישין כלהו סלקי בעיטא חדא עלייהו וייתון עקתין על עקתין בתרייהא משכחן קמייתא כדין יתחזי חד עמודא דאשא קאים מעילא לתתא ארבעין יומין וכל עמין דעלמא חמאן ליה בההוא זימנא יתער מלכא משיחא לנפקא מגו גינתא דעדן מההוא אתר דאתקרי קן צפור ויתער בארעא דגליל וההוא יומא דיפוק לתמן יתרגז כ: עלמא וכל בני עלמא מתחבאין גו מערתא וטנרי דלא יחשבון לאשתזבא ועל ההיא זימנא כתיב ובאו במערות צורים ובמחילות עפר מפני פחד ה׳ ומהדר גאונו בקומו לערוץ הארץ. מפני פחד ה׳ דא ההוא רוגזא דכל עלמא ומהדר גאונו דא משיח, בקומו לערוץ הארץ כד יקום ויתגלי בארעא דגליל בגין דאיהו הוא אתר דחריב בקדמאה בארעא קדישא ובג"כ יתגלי תמן קדמאה לכל אתר ומתמן יתער קרבין לכל עלמא, לבתר ארבעים יומין דעמודא יקום מארעא לשמיא לעיניהון דכל עלמא ומשיח יתגלי יקום מסטר מזרח חד כוכבא מלהטא בכל גוונין ושבעה כוכבים אחרנין דסחרן לההוא כוכבא ויגיחון בו קרבא בכל סטרין הלת זימני ביומא עד שבעין יומין וכל בני עלמא חמאן והאי כוכבא יגיח בהו קרבא בטיסין דנורא מלהטין מנצצין לכל עבר ובטש בהו עד דבלע לון בכל רמשא וביומא אפיק לון ויגיחון קרבא לעיניהון דכל עלמא וכן בכל יומא

עד

זיין צו דיא ישראל. גליקליך איז דער וואס וועט זיך געפינען אין דער צייט ווייל דער וואס וועט זיין אין די צייט אונ האבין אמונה וועט ער זוכה זיין צו דעם ליכטיקייט פון דיא פרייד פון מלך אונ אויף דער צייט שטייט איך וועל זייא לייטערין וויא מען לייטערט זילבער אונ וויא מען פריוט גאלד. דער נאך פון דיא צרות וואס וועט זיך דער וועקין אויף דיא ישראל אונ אלע אומות ומלכים וועלין זיך האלטין עצות באזאמען אויף דיא ישראל אונ עס וועט זיך דער וועקין פיל גזרות קשות אונ אלע וועלין זיין מיט איין עצה אויף דיא ישראל אונ עס וועט זיין צרות על צרות דיא אינטערשטע וועלין פאר געסען דיא ערשטע דערנאך וועט מען זעהן אפייערדיגע זייל וועט שטיין פון אויבין ביז אונטין פערציג טאג אונ דיא גאנצע וועלט וועלין זעהן. דיא צייט וועט דער וועקט ווערין מלך המשיח ער וועט ארויס גיין פון גן עדן פון ארט וואס הייסט קן צפור אונ ער וועט קומען קיין גליל אונ דעם טאג וואס ער וועט ארויס גיין דארט וועט דיא גאנצע וועלט ציטערין אונ וועלין זיך באהאלטין אין דיא היילין אונ דיא לעבער פון דיא שטיינער זייא וועלין זיך גאר נישט רעכנין ניצול צו ווערין מחמת דעם פחד פון השי"ת וואס דיא וועלט וועט ציטערין אונ פון זיין שוינקייט פון זיין גרויסקייט דאס איז משיח ווען ער וועט אויף שטיין צו ברעכין די וועלט אז ער וועט ווערין אנטפלעקט אין לאנד גליל ווייל דאס ארט איז פריער חרב געווארין אין ארץ ישראל דריבער וועט דארט משיח נתגלה ווערין פריער וויא אומעדים אונ פון דארט וועט דער וועקט ווערין מלחמות אויף דיא גאנצע וועלט. נאך פערציג טאג וויא דיא זייל וועט ...יין פון דער ערד ביז אין הימעל פאר דיא גאנצע וועלט אונ משיח וועט נתגלה ווערין וועט פון מזרח וייט אויף שטיין א שטערין וואס ער וועט פלאמען מיט אלע געשטאלטין אונ זיבין שטערינס אנדערע וועלין ארום רינגלין דעם שטערין אונ וועלין מיט איהם מלחמה האלטין אין אלע זייטין דרייא מאהל אין טאג אזוי ביז זיבציג טאג אונ דיא גאנצע וועלט וועלין זעהן אונ דער שטערין וועט מלחמה האלטין מיט פונקין פייער אונ עס וועט ברענען

איי

עד שבעין יומין. לבתר שבעין יומין יתגניז ההוא כוכבא ויתגניז משיח עד תריסר ירחין ויתהדר ההוא עמודא דאשא כמלקדמין ובי׳ יתגניז משיח וההוא עמודא לא יתחזי. לבתר תריסר ירחין יסלקין ליה למשיח בההוא עמודא לגו רקיעא ותמן יקבל תוקפא ועטרא דמלכותא. וכד נחית יתחזי ההוא עמודא דאשא כמלקדמין לעיניהון דכל עלמא ויתגלי לבתר משיח ויתכנשון לגבי׳ עמין סגיאין ויתער קרבין בכל עלמין ובההיא זימנא יתער קב"ה גבורתיה לכל עמין דעלמא ומלכא משיחא יתיידע בכל עלמא וכל מלכין דעלמא יתערין לאתחברא לאגחא קרבא בי׳ וכמה מפריצי יהודאין יתהפכו לאהדרא. לגבייהו ויתון עמהון לאגחא קרבא על מלכא משיחא כדין יתחשך כל עלמא חמש עשרה יומין וסגיאין מעמא דישראל יהון מתין בההיא חשוכא ועל דא כתיב כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים. אמר ר׳ שמעון לר׳ אלעזר ברי׳ אלעזר בזימנא דיתער מלכא משיחא כמה אתין ונסין אחרנין יתערון בעלמא. תא חזי בגנתא דעדן דלתתא אית אתר חד גניז וטמיר דלא אתידע ואיהו מרקמא בכמה גוונין ובי׳ גניזין אלף היכלין דכסיפין ולית מאן דעייל בהו בר משיח דאיהו קאים תדיר בגנתא דעדן וכל גינתא מסחרא ברתיכין סגיאין דצדיקייא ומשיח קאים עלייהו ועל כמה חילין ומשיריין דנשמתין דצדיקיא תמן ובראשי ירחי ובזמני ובשבתי משיח עאל בההוא אתר לאשתעשעא בכל אינון היכלין לגו לגו מכל אינון היכלין אית אתר אחרא טמיר וגניז דלא אתידע כלל ואיקרי עדן ולית מאן דיכיל למינדע בי׳ ומשיח אגניז לבר סחרניה דההוא אתר עד דאתגלי לי׳ חד אתר

דאיקרי

און פינקלין צו אלע זייטין און וועט קלאפין אין זייא ביז ער וועט זייא איין שלינגען אלע נאכט און בייא טאג וועט ער זייא ארויס לאזין און וועט מלחמה האלטין פאר דיא גאנצע וועלט אזוי אלע טאג ביז זיבציג טאג. נאך זיבציג טאג וועט דער שטערין ווערין באהאלטין און משיח וועט ווערין באהאלטין ביז צוועליף חדשים און דער נאך וועט דער פייערדיגער זייל ווייטער קריג קומען וויא פריער און דערנאהלט וועט משיח באהאלטין ווערין אין דעם זייל פייער און דעם זייל וועט מען שוין נישט זעהן. נאך צוועליף חדשים וועט משיח נסתלק ווערין מיט דעם זייל פייער אין הימעל אריין און דארטין וועט ער מקבל זיין זיין שטארקייט מיט דיא קרוין פון דיא מלוכה. און אז ער וועט אראפ קומען וועט מען ווייטער זעהן דעם זייל פייער וויא פריער פאר דיא גאנצע וועלט דער נאך וועט משיח נתגלה ווערין און עס וועלין איין זאמלין צו איהם פיל פעלקער און וועלין מאכין מלחמות אין דיא גאנצע וועלט און דיא צייט וועט הקב"ה דער וועקין זיין גבורה צו דיא אלע אומות פון דיא וועלט און מלך המשיח וועט ווערין דער ווייסט צו דיא גאנצע וועלט און אלע מלכים וועלין זיך דער וועקין מלחמה צו האלטין מיט איהם און פיהל פון פאר שייטע יהודים וועלין ווערין איבער געקערט און צו שטיין צו זייא און וועלין מיט קומען מיט זייא מלחמה האלטין אויף דעם מלך המשיח דענסטאהל וועט ווערין פינצטער דיא גאנצע וועלט פופצין טאג און פיהל פון דיא ישראל וועלין אויס שטארבין אין דיא פינצטערע טעג וויא עס שטייט כי הנה החשך יכסה ארץ אז דאס פינצטערניש וועט פאר דעקין דיא וועלט. זאגט ר׳ שמעון צוא זיין זוהן ר׳ אלעזר ווען דער מלך המשיח וועט ווערין דער וועקט וועט פיל צייכין מיט נסים וועט ווערין דער וועקט אויף דער וועלט. קום און זעה אין גן עדן פון אינטין איז פאר האנדין א באהאלטין ארט וואס מען ווייסט נישט און ער איז אויס געוועבט מיט פיל געשטאלטין און איהם איז באהאלטין טויזנד היכלין גלוסטיגע און קיינער גייט נישט אריין אין זייא נאר דער מלך המשיח ער שטייט שטענדיג אין גן עדן און אימליכער גן איז ארום גערינגעלט מיט פיל צדיקים און משיח שטייט אויף זייא און אויף פיל חיל און מדרגות פון נשמות פון צדיקים דארט און אלע ראש חדש און יום טוב און שבת גייט אריין משיח אין דעם ארט צו פרייען

דאיקרי קן צפור ואיהו אתר דכריז עלייהו ההוא צפור דאהער בגינתא דעדן בכל יומא ובההיא אתר מרקמין דיוקנין דכל שאר עמין דאיתכנשו עלייהו דישראל לאבאשא לון. עאל בההוא אתר זקיף עינוי וחזו אבהן דעאלין בחרבן בית אלהא עד דחמי לרחל דדמעהא באנפהא וקב"ה מנחם לה ולא צביאת לאתקבלא תנחומין כמה דאת אמר מאנה להנחם על בניה. כדין משיח ארים קליה ובכי ואזדעזעא כל גנתא דעדן וכל אינון צדיקיא דתמן געו ובכו עמיה. געי יבכי זימנא תניינא ואזדעזע ההוא רקיע דעל גבי גינתא אלף וחמש מאה רבוא משיריין עלאין עד דמטי לגו כרסייא עלאה. כדין קב"ה רמיז לההוא צפרא ועאל לההוא קן דילה ויתבא לגבי משיח וקרי מה דקרי ואתער מה דאתער. עד דמגו כורסייא קדישא אתקרי תלת זמנין ההיא קן צפור ומשיח וכלא סלקין לעילא ואומי לון קב"ה לעברא מלכו חייבא מן עלמא על ידא דמשיח ולנקמא נקמא דישראל, וכל אינון טבוון דזמין קב"ה למעביד לעמיה ותב ההוא קן צפור ומשיח לדוכתיה ותב משיח ואתגניז גו ההוא אתר כמלקדמין ובזימנא דיתער קב"ה לאתקנא עלמין וכו' כדין יתער חד כוכבא דחילא באמצע רקיעא כגון ארגוונא להיט ונציץ ביממא לעיניהון דכל עלמא ויקום חד שלהובא דאשא מסטרא דצפון גו רקיעא ויקום דא לקבל דא ארבעין יומין ויתבהלין כל עלמא. לסוף ארבעין יומין יגיחון קרבא כוכבא ושלהובא לעיניהון דכלא ויתפשט ההוא שלהובא ביקידו דאשא מסטרא דצפון גו רקיעא ויחשוב למבלע ההיא כוכבא וכמה

שלישין

זיך מיט די צדיקים פון די היכלין אינווייניג. און די היכלין איז דא אנאנדער ארט אבאהאלטין וואס מען ווייסט נישט און ער ווערט גירופין עדן און קיינער קען נישט וויסין פון איהם און משיח איז באהאלטין דארט ארום דעם ארט ביז עס ווערט אנטפלעקט איין ארט וואס עס ווערט גירופין קן צפור און דאס איז איין ארט וואס דער צפור רופט אויף זיי אויס וואס ער ווערט דער וועקט אין גן עדן אלע טאג אין דעם ארט איז אויס גיוועבט דאס גישטאלט פון אלע אומות וואס זייא האבין זיך איין גיזאמילט אויף די ישראל שלעכטס צו טוהן. משיח גייט אריין אין דעם ארט און הייבט אויף די אויגן און זעהט די אבות וואס גייען אריין אין חרבן בית המקדש ביז ער זעהט רחל וואס די טרערין איז אין איהר פנים און הקב"ה טרייסט איהר און זיא וויל נישט מקבל זיין תנחומין ווי עס שטייט מאנה להנחם על בניה. דענסטמאהל הייבט אויף משיח זיין קול און וויינט און עס ציטערט דער גאנצער גן עדן און אלע צדיקים פון דארט שרייען און וויינען מיט איהם. און שרייט און וויינט דאס אנדערע מאהל און עס ציטערט דער הימעל איבער דעם גן עדן פופצין הונדערט מיליאן מחנות מלאכים ביז עס גרייכט צום כסא הכבוד פון אויבין. דענסטמאהל טוט הקב"ה א ווינק צו דעם צפור און גייט אריין אין איהר נעסט און זעצט זיך לעבין משיח און לערנט וואס ער לערנט און עס ווערט דער וועקט וואס עס ווערט דער וועקט ביז פון דעם כסא הכבוד ווערט גירופין דריי מאהל דער קן צפור און משיח מיט אלע גייען ארויף אין דער הייך און הקב"ה באשווערט זייא אז זייא זאלין מעביר זיין די מלכות הרשעה פון דער וועלט דורך מלך המשיח און נוקם זיין די נקמה פון ישראל און דאס גוטס וואס הקב"ה איז אן גיגרייט צו טוהן זיין פאלק און דער קן צפור מיט משיח קומען קריג צו זייער ארט און משיח ווערט בא אלטין ווייטער אויף דעם ארט ווי פריער און ווען הקב"ה וועט דער וועקין מתקן צו זיין די וועלט וועט ווערין דער וועקט א שטערין אין מיטין הימעל מיט א גישטאלט פון ארגמן און וועט פלאמען און פינקלין בייא טאג פאר די גאנצע וועלט און עס וועט אויף שטיין א פייערדיגער פלאהם פון צפון זייט אין הימעל און וועלין שטיין איינער אקעגין אנדערין פערציג טאג און די גאנצע וועלט וועלין זיך שרעקין. נאך פערציג טאג וועט דער שטערין מיט דעם פלאם מלחמה האלטין פאר אלע

און

שלטין ומלכין ואומיא ועממיא יתבהלון מהאי. כדין יסתלק ההוא כוכבא לסטר דרום ושליט על ההוא שלהובא וההוא שלהובא יתבלע זעיר זעיר ברקיעא מקמי ההוא כוכבא עד דלא יתחזי כלל כדין ההוא כוכבא יעביד אורחין ברקיע בתריסר תחומין וקיימין אינון נהירין ברקיעא תריסר יומין אחרנין. לבתר תריסר יומין אחרנין יזדעזעון כל בני עלמא ויתחשך שמשא בפלגות יומא כמה דאיתחשך יומא דאיתחריב בי מקדשא עד דלא יתחזון שמיא וארעא. יתער חד קלא ברעם וזיקין ואתחלחלא ארעא מההוא קלא וכמה חילין ומשירין ימותון מיניה וההוא יתער בקרתא דרומי רבתא חד שלהובא דאשא בההיא קלא דיתער בכל עלמא ויוקיד כמה מגדלין וכמה היכלין וכמה מגדלין יפלון וכמה פרדשכי ורברבי יפלון בההוא יומא וכלהו יתכנשון עלה לביש. וכל בני עלמא לא יכלין לאישתזבא. מההוא יומא עד תריסר ירחין יתייעטין כל מלכיא ויגזרון כמה גזרות וכמה שמדות על ישראל ויצלחון ביה כמה דאיתמר זכאה הוא מאן דיערע תמן וזכאה הוא מאן דלא יערע תמן וכל עלמא יהא בערבוביא סגיא לסוף תריסר ירחי יקום שבט מישראל דא מלכא משיחא דיתער גו גנתא דעדן. וכל אינון צדיקיא יעטרון לי' תמן ויתגרון לי' מאני זיינא באתוון רשימין דמאני דשמא קדישא. וקלא יתפוצץ בענפי אילנא דגנתא. קרא בחיל ואמר אתערו קדישין עליונין קומו מקמי משיחא הא עדנא לאתחברא איתתא בבעלה ובעלה בעי לנקמא לה נוקמין דעלמא ולאקמא לה ולאנערא לה מעפרא כדין יקומון כלהו ויתגרון

און דער פלאם וועט זיך פאר שפרייטן מיט ברענבינדיג פייער פון צפון זייט אין הימעל און וועט וועלין איין שלינגין דעם שטערין און פיל משלים ומלכים און אומות וועלין ווערין דער שראקן פאר דעם. דענסטמאהל וועט דער שטערין אוועק גיין צו דרום זייט און וועט גיוועלטיגין אויף דעם פלאם און דער פלאם וועט ווערין פאר דארבין ביסליך וויים אין הימל פאר דעם שטערין ביז מען וועט איהם גאר נישט זעהן דענסטמאהל וועט דער שטערין מאכין וועגין אין הימעל און צוועליף תחומין און דיא ליכטיקייט וועט שטיין אין הימעל צוועליף טאג אנדערע. נאך צוועליף טאג אנדערע וועלין ציטערין דיא גאנצע וועלט און דיא זון וועט פינצטער ווערין אין האלבין טאג וויא עס איז גיוועזין פינצטער דער טאג וויא עס איז חרב גיווארין דער בית המקדש ביז מען וועט נישט זעהן דיא הימעל מיט דיא ערד. און עס וועט דער וועקט ווערין אקול מיט שטארעם מיט פונקין און דיא וועלט וועט דער ציטערט ווערין פון דעם קול און וויפיל חיל ומחנות וועלין שטארבין פון דעם און דעם טאג וועט ווערין דער וועקט אין שטאט רומי אפלאם פייער מיט דעם קול וואס וועט דער וועקט ווערין אויף דער וועלט און עס וועט פאר ברענט ווערין פיל טורעמים און פיל היכלים און פיל טורעמים וועט איין פאלין און פיל גרויסע לייט וועלין פאלין דעם טאג און וועלין זיך איין זאמלין אויף איהר צו שלעכטים און דיא גאנצע וועלט וועט נישט קאנען ניצול ווערין פון דעם טאג ביז צוועליף חדשים וועלין זיך אעצה האלטין אלע מלכים און וועלין גוזר זיין פיל גזרות און פיל שמדות אויף ישראל און וועלין מצליח זיין וויא מיר האבין גילערינט גליקליך איז דער וואס וועט זיין דארט און גליקליך איז דער וואס נישט זיין דארט און דיא גאנצע וועלט וועט זיין אוים גימישט פיל. צום סוף צוועליף חדשים וועט אויף שטיין אשבט פון ישראל דאס איז דער מלך המשיח וואס ער ווערט דער וועקט אין גן עדן און אלע צדיקים וועלין איהם קריינען דארט און אן גירייטין איהם זיין כלי זיין מיט גיצייכינטע אותיות פון שם הקודש. און אקול וועט ווערין צוא שפרייט אויף צווייגין פון גן עדן און וועט שרייען מיט אקול און זאגין. דער וועקט זיך קדושים עליונים פאר דעם מלך המשיח איז אצונד דיא צייט אז דיא אשה זאל זיך באהעפטין מיט איהר מאן און דער מאן וויל זיך נוקם זיין נקמות אויף דער וועלט און אויף שטעלין איהר און

אפ

ויחגרון לי׳ כמלקדמין מאני זייני׳ אברהם מימינו יצחק משמאלי׳ יעקב קמי׳ משה רעי׳ מהימנא על כל אינון צדיקיא אזיל ורקיד גו גנתא דעדן. כיון דאתקין משיח על ידא דצדיקיא בגנתא דעדן יעול בההוא דוכתא דאקרי קן צפור כמלקדמין נחתו תמן ההוא דיוקנא דחרבן בית מקדשא וכלהו צדיקייא דאיתקטלו בי׳. כדין נטיל מתמן עשר לבושין. ואינון עשר לבושי קנאה ויתגניז תמן ארבעין יומין דלא איתגליא כלל ולסוף ארבעין יומין קלא חד יתער ויתקרי מגו כרסייא עילאה ההוא קן צפור במלכא משיחא דאיתגניז בי׳. וכדין סלקין לי׳ לעילא וקב״ה חמי לי׳ למלכא משיחא מתלבש בלבושי נוקמא וחגיר מאני זייני׳ נטיל ליה ונשיק ליה על רישי׳ וכדין מזדעזעין ג׳ מאה ותשעים רקיעין וארמיז קב״ה לחד רקיעא מאינון דהוה גנוז משתת ימי בראשית ואפיק מחד היכלא דבההיא רקיעא חד כתרא גלופא מחקקא בשמהן קדישין. בההוא עטרא אתעטר קב״ה כד עברו ישראל ית ימא למיטל נוקמין מכל רתיכי פרעה ופרשוי ואעטר ליה למלכא משיחא. כיון דאתעטר ואתתקן בכל הני תיקונין נטיל ליה קב״ה ונשיק ליה כמלקדמין. מאן חמי רתיכין קדישין ומשריין עילאין דסחרין לי׳ ויהבין ליה מתנן ונבזבזין סגיאין ויתעטר מכלהו עאל תמן בחד היכלא וחמי כל אינון מלאכי עילאין דאקרון אבלי ציון אינון דבכי על חרבן בי מקדשא ובכאן הדיר ואינון יהבין לי׳ חד פורפרא סומקא למעבד נוקמין. כדין קב״ה גניז ליה בההוא קן צפור ואתכפי תמן תלתין יומין מההיא קן צפור יחות מעוטר בכל אינון תיקונין מעילא ומתתא כמה משריין קדישין סחרני׳ ויחמון כל

עלמא

אָם שָׁאקְלִין אוּנ פוּן אַש דֶענְסְמָאהל וֶועלִין אַלֶע אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ וֶועלִין אִיהם אָן גוּרְטְין זַיין כְּלֵי זַיין ווִי פְרִיעֶר. אַבְרָהָם פוּן דִיא רֶעכְטֶע זַייט יִצְחָק פוּן דִיא לִינְקֶע זַייט יַעֲקב פָאר אִיהם מ״ה רַעְיָה מְהֵימְנָא אִיבֶּער דִיא אַלֶע צַדִיקִים וֶועט גֵיין אוּנ טַאנְצִין אִין גַן עֵדֶן. וִויא מָשִׁיחַ וֶועט וֶוערִין פַארְטִיג דוּרְךְ דִיא צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן וֶועט עֶר אַרַיין גֵיין אִין דֶעם אָרְט וָואס הֵייסְט קַן צִפּוֹר וִויא פְרִיעֶר אוּנ וֶועט זֶעהְן דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גִידַהַרְגֶת גִיוָוארִין אִין אִיהם. וֶועט עֶר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָארְט צֶעהְן מַלְבּוּשִׁים אוּנ דִיא צֶעהְן מַלְבּוּשִׁים זֶענֶען פוּן קִנְאָה אוּנ וֶועט זַיין בַּאהַאלְטִין דָארְט פֶערְצִיג טָאג אוּנ וֶועט נִישְׁט נִתְגַלֶה וֶוערִין. נָאךְ פֶערְצִיג טָאג וֶועט אֵיין קוֹל דֶער וֶועקְט וֶוערִין אוּנ וֶועט רוּפִין פוּן כִּסֵא עֶלְיוֹן דֶער קַן צִפּוֹר מִיט דֶעם מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ וָואס אִיז בַּאהַאלְטִין אִין אִיהם וֶועט מֶען אִיהם דֶענְסְמָאהל אַרוֹיף נֶעמֶען אִין דֶער הֵייךְ אוּנ הקב״ה וֶועט זֶעהְן דֶער מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ אִיז אָן גִיקְלֵיידְט מִיט דִיא מַלְבּוּשֵׁי נְקָמָה אוּנ אָן גִיטוּהְן דִיא כְּלֵי זַיין וֶועט עֶר אִיהם נֶעמֶען אוּנ קוּשִׁין אוֹיף זַיין קָאפּ דֶענְסְמָאהל וֶועלִין צִיטֶערִין דְרַיי הוּנְדֶערְט אוּנ נַיינְצִיג הִימְלֶען אוּנ הקב״ה וֶועט גֶעבִּין אַוִוינְק צוּ אֵיין הִימֶעל פוּן דִיא וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטִין פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אוּנ וֶועט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אַהֵיכָל פוּן דֶעם הִימֶעל אַקְרוֹין אוֹיס גִיקְרִיצְט מִיט שֵׁמוֹת קְדוֹשִׁים. מִיט דִיא קְרוֹין אִיז הקב״ה גִיקְרֵיינְט גִיוָוארִין וֶוען דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַרִיבֶּער גִיגַאנְגִין דֶעם יַם. צוּ נֶעמֶען נְקָמוֹת פוּן דִי רַייט וֶועגִינֶער פוּן פַּרְעֹה מִיט זַיינֶע רַייטֶערְס אוּנ מִיזֶועט קְרֵיינֶען דֶעם מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ. וִויא עֶר וֶועט וֶוערִין גִיקְרֵיינְט אוּנ פַאר פַארְטִיגְט מִיט אַלֶע תִּיקוּנִין וֶועט הקב״ה אִיהם נֶעמֶען אוּנ קוּשִׁין וִויא פְרִיעֶר. וֶוער וֶועט זֶעהְן וִויפִיל הֵיילִיגֶע מֶרְכָּבוֹת וּמַחֲנוֹת קְדוֹשִׁים עֶלְיוֹנִים וֶועלִין אִיהם אַרוּם רִינְגְלִין אוּנ גֶעבִּין אִיהם מַתָּנוֹת אוּנ גִישְׁמוּקִין פִיל אוּנ וֶועט גִיקְרֵיינְט וֶוערִין פוּן אַלֶע אוּנ וֶועט אַרַיין גֵיין דָארְט אִין אַהֵיכָל אוּנ וֶועט זֶעהְן אַלֶע מַלְאָכִים עֶלְיוֹנִים וָואס וֶוערִין גִירוּפִין אֲבֵלֵי צִיוֹן וָואס הָאבִּין גִיוֵויינְט אוֹיף חוּרְבָּן בהמ״ק אוּנ וֵויינֶען שְׁטֶענְדִיג אוּנ זַייא וֶועלִין גֶעבִּין אִיהם אַרוֹיס מַלְבּוּשׁ צוּא טוּהְן נְקָמוֹת. דֶענְסְמָאהל וֶועט הקב״ה בַּאהַאלְטִין אִיהם אִין קַן צִפּוֹר אוּנ וֶועט זַיין פַאר דֶעקְט דְרַייסִיג טָאג פוּן דֶעם קַן צִפּוֹר וֶועט

אַר

**עלמא** כד יהירו תלי מרקיעא לארעא ויקום שבעה יומין וכל בני עלמא יתמהן ויתבהלון ולא ידעין כלל בר אינון חכימין דידעין ברזין אלין זכאה חולקהון וכל אינון שבעה יומין יתעטר בארעא בההוא 'קן צפור באן אתר בדרך דא קבורת רחל דאיהי קיימא בפרשת אורחין ויבשר לה וינחם לה וכדין תקבל תנחומין ותקום ותנשק ליה לבתר יקום ההוא נהירו מההוא אתר ושרי ביריחו קרתא דאילנא וכו'. בההוא יומא מלכא משיחא שארי ויכנוש גלותא מסייפי עלמא עד סייפי עלמא וכו' מההוא יומא כל אתין ונסין וגבוראן דעבד קב"ה במצרים יעביד לון לישראל כד"א כימי צאתך מאר"מ אראנו נפלאות (שמות ז) :

**זמינין** בני ישמעאל למשלט בארעא קדישא כד איהי ריקניא מכלא זמני סגיא כמה דגזירו דילהון בריקניא בלא שלימו. ואינון יעכבין להון לבני ישראל לאתבא לדוכתייהו עד דישתלים ההוא זכותא דבני ישמעאל וזמינין בני ישמעאל לאתערא קרבין תקיפין בעלמא ולאתכנשא בני אדום עלייהו ויתערון קרבא בהו חד על ימא וחד על יבשתא וחד סמוך לירושלים ושלטין אלין באלין וארעא קדישא לא יתמסר לבני אדום. בההוא זימנא יתער עמא חד מסייפי עלמא על רומי חייבא ויגח בה קרבא תלתא ירחין ויתכנשון תמן עממיא ויפלון בידייהו עד דיתכנשון כל בני אדום עלה מכל סייפי עלמא. וכדין יתער קב"ה עלייהו דה"ד כי זבח לה' בבצרה וגו' ולבתר דא מה כתיב לאחוז בכנפות הארץ וגו'. וישתצי בני ישמעאל מינה ויתבר כל חילין דלעילא ולא ישתאר חילא

**ער אראפ** קומען גיקריינט מיט אלע תיקונים פון אויבן און אונטן און וויפיל מחנות קדושים ארום איהם און דיא גאנצע וועלט וועט זעהן איין ליכטיקייט פון הימעל ביז דיא ערד און ער וועט שטיין זיבן טאג און דיא גאנצע וועלט וועלן זיך וואונדערן און שרעקן זיך און וועלן גאר נישט וויסן, חוץ דיא חכמים וואס ווייסן דיא סודות גליקליך איז זייער חלק און דיא גאנצע זיבן טאג וועט ער ווערין גיקריינט אויף דער ערד מיט דעם קן צפור אין וועלכן ארט בדרך אין וועג וויא קבורת רחל וואס זיא שטייט אין וועג און וועט איהר אן זאגין אבשורה און וועט איהר טרייסטין און זיא וועט מקבל זיין תנחומין און וועט אויף שטיין און קושין איהם דער נאך וועט דאס ליכטיקייט אויף שטיין פון דעם ארט און וועט רוהען אין יריחו דיא שטאט פון ביימער. דעם טאג וועט דער מלך המשיח אן הייבן צו זאמען נעמען דיא בני הגלות פון עק וועלט ביז עק וועלט פון דעם טאג אלע אותות ונסים וגבורות וואס הקב"ה האט גיטאן אין מצרים וועט הקב"ה טוהן צוא דיא ישראל לעתיד בבי"א :

דיא בני ישמעאל זענען אן גיבגרייט צו גיוועלטיגען אין ארץ ישראל ווען זיא וועט זיין ליידיג פון אלעם פיל צייטין אזוי וויא זייער מילה איז ליידיג נישט מיט פריעה. און זייא וועלין פאר האלטין דיא ישראל זאלין נישט קומען צו זייער ארט ביז עס וועט זיך ענדיגין דער זכות פון בני ישמעאל און דיא בני ישמעאל וועלין דער וועקין מלחמות שטארקע אויף דער וועלט און דיא בני אדום וועלין זיך צו זאמען נעמען אויף זייא און דער וועקין מלחמות מיט זייא איין מלחמה אופן ים און איינע אויף דיא יבשה און איין מלחמה לעבין ירושלים און וועלין גיוועלטיגין איינער אין אנדערין. און ארץ ישראל וועט נישט ווערין איבער גיענטפערט צוא דיא בני אדום דיא צייט וועט דער וועקט ווערין אאומה פון סוף וועלט אויף רומי רשעה און וועט מלחמה האלטין מיט איהר דריי חדשים און אלע אומות וועלין זיך אויף איהר איין זאמלין און וועלין פאלין אין זייערע הענד ביז עס וועט זיך צוא זאמען נעמען אלע בני אדום פון אלע עקין וועלט און דענסטמאהל וועט הקב"ה אויף זייא זיך דער וועקין וויא עס שטייט כי זבח לה' בבצרה. דער נאך וועלין דיא בני ישמעאל פאר לענד ווערין פון

חילא לעילא על עמא דעלמא אלא חילא דישראל בלחודוי (זוהר שמות ד לב):

**בגלותא** בתראה לית מיתה אלא עוני דעני חשוב כמת לקיים בהון והשארתי בך עם עני ודל וחסו בשם ה׳ לאתקיימא בהון ואת עם עני תושיע ואלין עתידים דישתארון בהון יתקיים בהון נרפים אתם נרפים. נרפים הם באורייתא. נרפים הם למיעבד טיבוי עם מארי תורה ואנשי חיל הסובבים מעיר לעיר ולא יחוננו. ונרפים הם בכובד המס. דאי תימא כבדין אינון בכובד המס ולא עבדין טובא בגין דא תכבד העבודה על האנשים ויעשו בה דכובד המס עלידהו. ואל ישעו בדברי שקר דאינון משקרין ואמרין דכובד המס עלייהו ובגין דא לא יעבדון טיבוי אינון משקרין במילולייהו ואמרין דמהכובד דתכבד עלייהו התבן אין ניתן וכו׳ ואלין דאית לון טמיר וגניז טמונא מלגאו דאיהו תוכן כגון תוך האוצר ותיבה וכו׳ ע״ש דף קנג (במדבר):

**תנן** זמין קב״ה למבני ירושלים ולאחזאה חד ככבא קביעא מנצצא בע׳ רהטין ובע׳ זיקין נהרין מגיה באמצעות רקיע וישתאלון בי׳ ע׳ כוכבין אחרנין ויהא נהיר ולהיט ע׳ יומין וביומא שתיתאה יתחזו בכ״ה יומין לירחא שתיתאה ויתכניש ביומא שביעאה לסוף ע׳ יומין. יומא קדמאה יתחזי בקרתא דרומי וההוא יומא יפלון ג׳ שורין עלאין מההוא קרתא דרומי והיכלא רברבא יפול ושליטא דההוא קרתא ימות כדין יתפשט ההוא ככבא לאתחזאה בעלמא ובההוא זמנא יתערון קרבין תקיפין בעלמא לכל ד׳ סטרין ומהימניתא לא ישתכח בינייהו ובאמצעות עלמא כד יתנהיר ההוא ככבא באמצעות רקיעא יקום מלכא חד רב ושליט בעלמא ויתגאה רוחי׳ על כל מלכין ויתער קרבין בתרין סטרין ויתגבר עלייהו

**אי** אונ אלע חיילות פון אויבין װעלין צו בראכין װערין אונ עס װעט נישט בלייבין קיין שום חיל אייבין נאר ישראל אליין:

**אין** דעם אינטערשטין גלות װעט זיין גרויס ארימקייט עני חשוב כמת. אונ עס װעט מקוים װערין װיא עס שטייט אין פסוק אז איך װעל איבער לאזין ביי דיר איין ארום פאלק אונ צימין זייא װעלין זיך באשיצין מיט גאטס נאמען אונ עס װעט מקוים װערין דאס ארומע פאלק װעט גאט העלפין. אונ דיא עשירים װאס עס װעלין בלייבין בייא זייא װעט מקוים װערין ביי זיי איז זענט אפ גילאזט פון דיא תורה. זייא װעלין זיין אפ גיראזט פון צו טוהן גוטס מיט דיא בני תורה אונ דיא אנשי חיל דיא תלמידי חכמים װאס דרייען זיך פון שטאט צו שטאט װעלין זייא נישט לייד װעלינין. אונ זיי װעלין זיין אפ גילאזט מיט דעם שװערקייט פון צינז. דוא װעסט אפשר זאגין װייל זייא זענען באשװערט מיט צינז דריבער טוהן זייא נישט קיין גוטס. זאגט דער פסוק ואל ישעו בדברי שקר זייא זאלין זי נישט פאר ענטפערין מיט פאלשע תירוצים װייל דיא שװערע צינז דריבער גיבין זייא נישט קיין צדקה זייא לייקענין מיט זייערע רייד אבער אין אמת ותוכן לבנים דיא װאס האבין נייסע זילבער גילדין איז באהאלטין בייא זייא אינװייניג אין אוצר אין קאסטין:

**מיר** האבין גילערינט אז הקב״ה איז אי גיבערייט צוא בויען ירושלים אונ צו װייזין איין שטערין אביין גיזעצט אונ פינקעלט מיט זיבציג רהטין אונ מיט זיבציג פונקין לייכטין פון איהם אין מיטין הימעל אונ עס איז איין גיפלאנצט אין איהם זיבציג אנדערע שטערין אונ ער װעט לייכטין זיבציג טאג אין זעקסטין טאג װעט ער װערין גיזעהן פינף און צװאנציג טאג אין זעקסטין חודש אין זיבטין טאג צום סוף זיבציג טאג װעט ער װערין איין גיטוהן דעם ערשטין טאג װעט מען איהם זעהן אין רומי דעם טאג װעט איין פאלין דרייא גרויסע מויערין פון שטאט רומי אונ דער גרויסער פאלאץ װעט איין פאלין אונ דער מושל פון דער שטאט װעט שטארבין דענסמאהל װעט דער שטערין צו שפרייטין זיך אונ ער זאל זיך װייזין אויף דער װעלט דיא צייט װעט זיך דער װעקין שטארקע מלחמות

**עליהו** וביומא דיתכסי כוכבא יזדעזע ארעא קדישא מ"ה מילין סחרני' אתר דהוה בית מקדשא ומערתא חדא סן תחות ארעי' יתגלי ומההוא מערתא יפוק אשא תקיפא לאוקדא עלמא. ומההוא מערתא יסגי חד עופא רברבא עילאה דישלוט בכל עלמא ולי' איתיהיב מלכותא וקדישי עליונין יתכנשון גבי' וכדין יתגלי' מלכא משיחא בכל עלמא ולי' אתיהיב מלכותא ובני עלמא בשעתא דיתגלי יהון משתכחין בעקתא בתר עקתא ושנאיהון דישראל יתגברון כדין יתער רוחא דמשיחא עלייהו וכו' כדין כתיב וישראל עושה חיל וכו' ובההוא זמנא יקים קב"ה למתייא דעמיה ויתנשי מינהון מיתה הה"ד ימין ה' עושה חיל לא אמות כי אחיה וכתיב ועלו מושיעים וגו' (סס ד רי"ב):

**ווי** למאן דיזדמן כדיתבע ארי' רברבא לאתחברא לנוקבא כל שכן בשעתא דיזדווגון כחדא. על ההיא שעתא כתיב ארי' שאג מי לא יירא (סס רע):

**במצרים** פרע ע"י מלאך באשור ע"י מלאך במדי ע"י מרדכי ואסתר ביון ע"י מתתיה ובניו אבל לימות המשיח אינו פורע ממנה אלא אני בעצמי (ילקוט עובדיס):

**אם** ראית דור שמחרף ומגדף צפה לרגלו של משיח מה טעם אשר חרפו אויביך ד' אשר חרפו עקבות משיחך וכתיב בתרי' ברוך ה' לעולם אמן ואמן (סס):

**לעתיד** לבא יבא משיח עם בני משה וילכו להר שעיר לשפוט את עשו כמה דכתיב ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו וגו' (סס):

לעתיד

אויף דער וועלט אין אלע פיער זייטין אונ עס וועט נישט זיין קיין נאמנות ביי זייא. אין דער מיט פון דער וועלט אז דער שטערין וועט לייכטין אין מיטין הימעל וועט אויף שטיין איין מלך אגרויסער געוועלטיגער אויף דער וועלט אונ וועט זיך האלטין גרעסער איבער אלע מלכים אונ וועט דער וועקין מלחמות פון צווייא זייטין אונ וועט זיך אויף זייא מתגבר זיין אין דעם טאג וואס דער שטערין וועט ווערין פאר דעקט וועט ארץ ישראל ציטערין פינף אונ פערציג תחום שבת ארום דיזים ארט פון בית המקדש אונ עס וועט נתגלה ווערין איין היול פון אונטער דיא ערד אונ פון דיא היול וועט ארויס גיין אשטארק פייער צו פאר ברענען דיא וועלט אונ פון דיא מערה וועט זיך גרייסין אגרויסער פויגיל וואס ער וועט געוועלטיגען אויף דיא גאנצע וועלט אונ צו איהם וועט גיגעבין ווערין דיא מלוכה אונ קדושים עליונים וועלין זיך איין זאמלין צו איהם אונ דענסמאהל וועט אנטפלעקט ווערין דער מלך המשיח אויף דער וועלט אונ צו איהם וועט ווערין גיגעבין דיא מלוכה אונ דיא גאנצע וועלט אין דיא צייט וואס ער וועט אנטפלעקט ווערין וועט זיין גרויסע צרות איבער צרות אונ דיא שונאי ישראל וועלין זיך מתגבר זיין דענסמאהל וועט זיך דער וועקין דער רוח פון משיח אויף זייא דענסמאהל וועלין דיא ישראל בווייזין גרויסע גבורות אין דער צייט וועט הקב"ה אויף שטעלין דיא מתים פון זיין פאלק אונ זייא וועלין ווערין לעבידיג אונ עס וועט פאר געסין ווערין פון זייא דער טויט וויא עס שטייט ימין ה' עושה חיל לא אמות כי אחיה וכו':

**ווייא** גישריגין ווער עס וועט זיין דענסמאהל אז דער גרויסער לייב וועט מאנען אונ וועלין זיך בעהעפטין צוא זיין נקבה כל שכן בשעה זייא וועלין זיין צו זאמען. אויף דיא צייט שטייט אריה שאג מי לא יירא:

**אין** מצרים איז ער גיצאהלט גיווארין דורך אמלאך אונ אשור דורך אמלאך אונ מדי דורך מרדכי ואסתר אונ יון דורך מתתיה מיט זיינע קינדער אבער לימות המשיח וועט ער נישט ווערין גיצאהלט נאר דורך כביכול אליין:

**אז** דוא וועסט זעהן אדור וואס איז מחרף ומגדף האפף צו דיא פיס פון משיח:

**לעתיד** לבא וועט קומען משיח מיט דיא בני משה אונ וועלין גיין צום הר שעיר לשפוט את הר עשו:

לעתיד

**לעתיד** לבא כשהקב"ה דן את עשו הרשע מה עשו עושה מתעטף בטליתו ובא ויושב אצל יעקב וכו׳ ויעקב אומר אחי לא תהא כיוצא בי וכו׳ גזרות שאתה גוזר עלי לעבוד אלילים אלו הייתי עושה נתחייבתי מיתה בידי שמים ואם לא אעבוד אתה הורג אותי . כיון שירד עשו לשאול נשתייר יעקב לעצמו (שם תנחומא לו) :

**הקב"ה** נוטל כל עונותיהם של ישראל ונותנם על עשו הרשע אמר עשו כמה יש לי כח לסובלם באותו שעה נוטל הקב"ה כל עונותם ונותנם על בגדיו ונעשו אדומים ושוב מכבסם ונעשו כשלג (ילקוט ראובני) :

**סדום** ועמורה מתרפאין לעתיד (שם נסיח) :

**עתידין** לצאת לישראל שנים עשר מבועין כנגד י"ב שבטים (שם) :

**עתידה** ירושלים להיות כארץ ישראל וארץ ישראל ככל העולם (שם) :

**אין** מלך המשיח בא אלא ליתן לעכו"ם ב׳ מצות כגון סוכה ולולב (שם) :

**עתידים** גלות יהודה ובנימין לילך אצל עשרת השבטים שגלו לפנים מנהרי סמבטיון כדי שיזכו עמהם לימות המשיח ולחיי העוה"ב (שם) :

**דוד** שהוליד ראשון הוא מביא ראשון לעתיד (שם) :

**גוג** ומגוג עתיד לעלות שלשה פעמים על ירושלים (שם) :

**הקב"ה** מרפא לעתיד את העורים ראשונה מפני שצערן גדול :

**שור** וחמור דאינון ממונא דעשו וישמעאל ייהון רכיבין עלייהו תרין משיחין ושלטין עלייהו (שם) :

בשעתא

לעתיד לבא אז הקב"ה וועט משפטן עשו הרשע וואס וועט עשו טוהן וועט ער זיך איין וויקלין אין אטלית אונ וועט קומען זעצין זיך לעבין יעקב אונ יעקב וועט איהם זאגין אזוינס וועט נישט זיין דוא האסט גוזר געווען אויף מיר גזרות צו דינען ע"ז ווען איך זאל דינען וואלט איך חייב געווען מיתה בידי שמים אונ אז איך זאל נישט דינען האסטו מיך גיהרגית . ווייא עשו וועט גיין אין שאול אריין וועט בלייבין יעקב אליין :

הקב"ה נעמט אלע עבירות פון ישראל אונ לייגט אריף אויף עשו הרשע זאגט עשו איך האב רען כח צו טראגין אויף מיר . דיא צייט נעמט הקב"ה דיא עונות אונ לייגט אויף זיינע קליידער אונ זייא ווערין רויט דער נאך וואשט ער זייא אוים ווערין זייא ווייס וויא שנייא :

סדום ועמורה וועלין אויך ווערין גיהיילט לעתיד :

לעתיד וועט ארוים גיין צו ישראל צוועליף קוואלין קעגין דיא צוועליף שבטים :

לעתיד וועט ירושלים זיין אזוי גרוים וויא ארץ ישראל אונ ארץ ישראל וועט זיין אזוי גרוים וויא דיא גאנצע וועלט :

דער מלך המשיח וועט נישט קומען נאר צו געבין דיא עכו"ם צוויי מצות דהיינו סוכה ולולב :

גלות יהודה ובנימין זענען אן גיברייט צו גיין צו דיא עשרת השבטים וואס זענען פאר טריבין גיווארין נאך דעם טייך סמבטיון כדי זייא זאלין זוכה זיין מיט זייא באזאמען צו ימות המשיח ולעוה"ב :

דער דוד וואס ער איז גיבוירין גיווארין פריער וועט קומען לעתיד פריער קיין ארץ ישראל :

גוג ומגוג וועט דרייא מאהל אויף גיין מלחמה האלטין אויף ירושלים :

הקב"ה וועט לעתיד פריער היילין דיא בלינדע ווייל זייער צער איז גרוים :

ביידע משיחים משיח בן דוד ומשיח בן יוסף וועלין קומען צו רייטין דער אויף איין שור דער אויף א חמור וואס זיי זענען דיא ממונים פון עשו וישמעאל אונ וועלין גיוועלטיגין אויף זייא :

**בשעתא** דייתי משיחא יתחזי חקשת בגווני נהירין ויתנהר עלמא וכדין וראיתיה לזכור ברית עולם (סס) :

**בארבע** סטרין אתבדרו בני ראובן בגלותא לקבלהון דכל ישראל דאגלי ה' זמנין בד' סטרין דעלמא ולזימנא דייתי משיחא זמינין אינון לאגחא קרבא בד' סיטרי עלמא וינצחון עכו"ם סגיאין (סס) :

**אינון** אבני ברד דנחתו אתעבדו ע"י רמשה ולבתר עבדין נוקמין בימי יהושע ולזמנא דאתא משיחא זמינין לאחתא אינון דאשתארו על אדום ובנותיה (סס) :

**לעתיד** לא ידברו כי אם בלשון הקדש (סס) :

**לעתיד** ישים הקב"ה ירושלים וגן עדן במקום אחד שיבוא מים מפכים מג"ע לשם :

**לעתיד** יתמעטו הדורות ממיעוט למיעוט עד היות ע' נפש זכות וטובות ומשם עד לי"ב אנשים ומשם לי"ג עמודים ומשם לנח וחנוך ומשם עד אדה"ר אומר מזמור שיר ליום השבת ומנוחה לחיי עולמים ואז הולך החכם אל בית עולמו אשר לוקח משם כשבא הבל כן ילך (סס) :

**לעתיד** יהיה מנוחת הגלגלים שלא יתגלגלו במרוצה גדולה אלא בנחת עד שיתארכו הימים ויתגדלו הזמנים עד שיהי' יום של אותו זמן כשבוע אחד שלנו וזה יהיה מאה שנים. ואחר יהיה מאה שנים כל יום כשני שבועים. ואחר יהיה מאה שנים כל יום כחדש שלנו וכן יותר הולכים וכופלים (סס) :

**ראשון** לציון הנה הנם. דאודחא כד מלכא אתי לסיהדר לביתי' אתו כמה מבשרין. מבשרא

בשעה משיח וועט קומען וועט מען זעהן דעם קשת מיט ליכטיגע געשטאלטען און די וועלט וועט ווערין ליכטיג און כביכול הקב"ה וועט זיך דער מאנען דעם ברית עולם :

אין פיער זייטין זענען די בני ראובן געווארין צו שפרייט אין גלות אקעגין אלע ישראל וואס זענען פאר טריבין געווארין פיער מאהל אויף די פיער זייטין וועלט און אז משיח וועט קומען וועלין זייא מאכין א מלחמה אויף אלע פיער זייטין וועלט און וועלין מנצח זיין פיל פעלקער :

די שטיינער פון האגיל וואס זייא זענען אראפ געניזערט דורך משה און דער נאך דורך יהושע און ווען משיח וועט קומען וועלין די רעשטע וואס איז געבליבין וועט אראפ נידערין אויף אדום :

לעתיד וועט מען נישט רעדין נאר מיט לשון הקודש :

לעתיד וועט הקב"ה מאכין ירושלים מיט דעם גן עדן אויף איין ארט און וואסער וועט גיהין פון גן עדן דארטין :

לעתיד וועלין די דורות ווערין אלע מאהל וויניגער און וויניגער ביז עס וועט נאר בלייבין זיבציג נפש ריינע און גוטע און פון דארט ביז צוועליף מענשין און פון דארטין ביז דרייא עמודים און פון דארטין ביז נח וחנוך און פון דארט ביז אדה"ר און ער וועט זאגין מזמור שיר ליום השבת ומנוחה לחיי עולמים און אדה"ר וועט אויך גיין אויף זיין וועלט וויא ער איז געקומען געווארין אזוי וויא עס איז געקומען אזוי וועט אוועק גיין :

לעתיד וועלין די גלגלים נישט אזוי לויפין וויא אצונד נאר זייא וועלין גיין אלע מאהל מיין בנחת ביז די טעג וועלין זיין זעהר גרויס און די צייט וועט זיין זעהר לאנג אז איין טאג פון דער צייט וועט זיין וויא היינט א וואך ביי אונז אזוי וועט זיין הונדערט יאהר. דער נאך וועט ווייטער זיין הונדערט יאהר איין טאג וויא צוויי וואכין. דער נאך וועט זיין הונדערט יאהר איין טאג וויא אונזערס א חודש און אזוי ווייטער :

ראשון לציון דער שטייגער איז אז א מלך קומט קריג אהיים קומען פריער וויפיל מבשרים

אז

מבשרא קדמאה אמר הא עשרה יומין הוא רחוק מהכא. ומבשרא תנינא אמר הא חמשה וכן עד בתראי דאמר הא הוא סמוך לקרתא. וקאמר נבואה דבגאולת ישראל לא יהא כך אלא תהא כהרף עין ומבשרא קדמאה דייתי יאמר הנה הנם. מבשריא דאתי הא סמיכין אינון. ואע"ג דאינון סמיכין לא ירגישו בהון בני קרתא עד דההוא מבשר ייתי לבשרא בהיכלא דמלכא דאיהו ציון. בתר דיפוק מציון ייתי ויבשר בירושלים ולא ארגשו ביה עד השתא (פס):

דע כי מסורת בידינו כשיבא משיח עם קבוץ גליות לארץ ישראל ימצאו באותו יום שבעת אלפים מבני ישראל ובאותו היום יהיו המתים שבארץ ישראל ובאותו היום יסתלקו החומות מירושלים. ובאותו היום יבנה בית המקדש מאבנים טובות ומרגליות ובאותו היום יחזרו המתים שבא"י בעת חיותם אל בריה חדשה רוחנית וכן שבעת אלפים איש הנמצאים חיים כולם נעשו בריה חדשה גוף רוחניות כמו גוף של אדה"ר קודם שחטא כגופו של משה רבינו ע"ה ויפרחו כולם באויר ויעופפו כנשרים. וכל זה לעיני אנשי קבוץ גליות. וכשיראו אנשי קבוץ גליות שאחיהם נעשו בריה חדשה ופורחים באויר ללכת ולדור בגן עדן התחתון ללמוד תורה מפיו ית'. אז יקבצו בני קיבוץ גליות ויקחו דאגה בלבם ודאבון נפש ויתרעמו על מלך המשיח ויאמרו וכי אין אנו בני ישראל כמותם ומאין זכו הם להיות החיים בגוף ונפש מה שאין כן אנו. ואומר להם מלך המשיח כבר נודע ומפורסם שכל מדותיו של הקב"ה שהוא מדה כנגד מדה. אותם שהיו בחוץ לארץ והשתדלו לבא לארץ ישראל

אן זאגין בשורות. דער ערשטער מבשר זאגט נאך צעהן טאג איז ער ווייט פון דאנען. דער אנדערער מבשר זאגט נאר פינף טאג אזוי ביז דעם אינטערשטין מבשר וואס ער זאגט אט ער איז שוין נאהנט צו דיא שטאט. זאגט דער נביא ה' אז ביא גאולת ישראל וועט נישט אזוי זיין נאר עס וועט זיין בהרף עין וויא דער ערשטער מבשר וועט קומען קיין ציון וועט ער זאגין הנה הנם אט ער איז שוין דא. ווען ער וועט שוין זיין נאהנט וועט דיא שטאט נאר נישט מרגיש זיין ביז דער מבשר וועט קומען אן זאגין דיא בשורה אין היכל המלך דאס איז ציון דער נאך אז ער וועט אן זאגין אין ציון וועט ער קומען זאגין דיא בשורה אין ירושלים און כיוועט נישט וויסין ביז אצונד:

זייא וויסין אז מיר האבין אקבלה אז משיח וועט קומען מיט קיבוץ גליות קיין ארץ ישראל וועט ער געפין דארט זיבין טויזנד פון דיא בני ישראל אין דעם טאג וועלין לעבעדיג ווערין דיא מתים פון ארץ ישראל אין דעם טאג וועט נסתלק ווערין די פייערדיגע מויער פון ירושלים. אין דעם טאג וועט גיבויעט ווערין דער בהמ"ק פון אבנים טובות ומרגליות. אין דעם טאג וועלין דיא מתים פון ארץ ישראל וואס זענען לעבעדיג גיווארין בעקומען חיות אונ וועלין ווערין נייע באשעפעניש רוחניים. אונ אזוי דיא זיבין טויזנד מענשין וואס וועלין זיין אין ארץ ישראל וועלין אויך ווערין אבריה חדשה ארוחניי דער גוף וועט זיין וויא דער גוף פון אדם הראשון פארין חטא אזוי וויא דער גוף פון משה רבינו אונ וועלין אלע פליען אין אויר אונ וועלין פליען וויא דיא אדלערס דאס אלין וועלין זעהן דיא בני הגליות. וויא דיא בני הגליות וועלין דאס זעהן אז זייערע ברידער זענען אבריה חדשה אונ פליעהן אין אויר גלייך אין גן עדן התחתון צו לערנען תורה פון הקב"ה מויל. וועלין זיך דיא בני הגליות פאר קלאגין אונ וועלין זיך נעמען אצארג אין הארצין מיט גרויס דאבון נפש אונ וועלין האבין תרעומות אויף מלך המשיח אונ וועלין זאגין צו מיר זענען נישט קיין בני ישראל אזוי וויא זייא אונ פון וואנען האבין זייא זוכה גיוועזין צוא זיין רוחניים בגוף ונפש אונ מיר נישט. וועט מלך המשיח זאגין צו זיי דם איז מפורסם אז אלע מדות פון השי"ת איז מדה כנגד מדה דיא וואס זענען גיוועזין אין חוץ לארץ אונ האבין זיך משתדל

ישראל כדי לזכות אל נפש טהורה ולא חסו על ממונם ולא על גופם ובאו בים וביבשה ולא חששו להיות נטבעים בים או להיותם שבוים ביד אדונים קשים ובעבור שעשו עיקר מרוחם ונפשם ולא מגופם וממונם לכן חזרו רוחניותם מדה כנגד מדה אמנם אתם שהייתם יכולין לבא לארץ ישראל כמותם ונתרשלתם לבא בעבור חמדת כמון וחששתם לממוניכם וגופכם ועשיתם מהן עיקר ורוחכם ונפשכם עשיתם טפל לכן אתם ג"כ נשארתם גשמיים מדה כנגד מדה ולחמדת ממון שחמדתם השי"ת נותן לכם ממון שכל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות שנטבעו בים הנה כל הימים מושבעים להביא אותם לתוך ים יפו תוך ב' ימים לטביעתן. וכל מה שנטבע מששת ימי בראשית עד זמן שלמה המלך ע"ה הכל הקיא ים יפו ליבשה ומשם נתעשר שלמה ומה שנטבע מזמן שלמה עד זמן קיבוץ גליות הכל עתיד ים יפו להקיא אותו ליבשה ומלך המשיח יחלק אותו לכל צדיק וצדיק חלקו הנוגע לו הה"ד כי שפע ימים ינקו וגם כל המטמונים תחת העפר עתיד הוא להיות מחילות תחת הארץ לעשות להוליך כל האוצרות המלכים לארץ ישראל הה"ד ושפוני טמוני חול והכל יתגלה בתוך ארץ ישראל למלך המשיח והוא יחלק אותם לאנשי קיבוץ גליות לכל אחד מחלקו וישבעו ממון רב לאותן שהקפידו על ממונם ועל גופם וישארו גשמיים ושבעו בממון. ואותן שלא חשו על גופם ועל ממונם אלא על רוחם בלבד עושה אותם כבריה חדשה ומוליך אותם לגן עדן התחתון וכו'. עכ"ל הרח"ו זלה"ה (ילקוט ראובני ברכה):

עתיד

משתדל געוועזן צו קומען קיין ארץ ישראל כדי מזכה צו זיין די נשמה טהורה און האבן נישט חס געהאט אויף זייער געלט און נישט אויף זייער גוף און זענען געקומען בים וביבשה און האבן נישט מורא געהאט דער טרונקען צו ווערן אין ים אדער צו זיין געפאנגען ביי שווערע הארין און דריבער ווייל זיי האבן געמאכט אעיקר פון זייער רוח און נשמה נישט פון זייער גוף און זייער געלט דריבער זענען זיי געווארן רוחניים מדה כנגד מדה. אבער איהר האט געקאנט קומען קיין ארץ ישראל אויך אזוי ווי זיי און איהר זענט געוועזן פויל איבער גלוסטיגקייט פון געלד און איהר האט מורא געהאט פאר אייער געלט און אייער גוף און איהר האט געמאכט פון זיי אעיקר און אייער רוח ונשמה האט איהר געמאכט אטפל דריבער זענט איהר געבליבן גשמיים מדה כנגד מדה דער פאר וואס איר האט געגלוסט צו געלט וועט אייך השי"ת געבן געלט ווארום דאס גאנצע זילבער און געלט און אבנים טובות ומרגליות וואס איז איין געזונקען געווארן אין ים זענען אלע ימים באשווארין אז זיי זאלין ברענגען דאס אלץ צום ים יפו צייט צוויי טאג פון דעם אריין פאלין אין ים און אלץ וואס איז איין געזונקען אין ים מששת ימי בראשית ביז די צייט פון שלמה המלך ע"ה האט אלץ דער ים פון יפו אויס געמייקעט אויף דער יבשה און פון דארט איז שלמה רייך געווארן און וואס עס איז דער זונקען געווארן פון שלמה המלך'ס צייט ביז די צייט וואס מיוועט צו זאמען נעמען דאס גליות וועט דאס דער ים יפו אויס שפייען אויף דער יבשה לעתיד און דער מלך המשיח וועט דאס צו טיילין צו איטליכן צדיק זיין חלק וואס איז נוגע צו איהם וויא עס שטייט כי שפע ימים ינקו און אויך אלע באהאלטינע אוצרות פון אונטער די ערד וועט ווערין לעתיד קאנאלין און היילין אונטער די ערד כדי די אלע אוצרות פון אלע מלכים אוועק צו פיהרין קיין ארץ ישראל וויא עס שטייט אין פסוק ושפוני טמוני חול און דאס וועט אלץ נתגלה ווערין אין ארץ ישראל צום מלך המשיח און ער וועט דאס צוא טיילין צו די קיבוץ גליות איטליכען זיין חלק און זייא וועלין זיך אן זעטין מיט געלט אסך און וועלין בלייבין גופניים וגשמיים:

לעתיד

עתיד הקב"ה לעשות עשרה אותות קודם ביאת הגואל. האות הא' עתיד הקב"ה להעמיד שלשה מלכים וכופרים בדעתם ומשקרין ומראין עצמן לבני אדם שהם עובדין להקב"ה ואינם עובדין וטתעים ומבלבלים כל הבריות וכופרים אוה"ע בדיניהם ואף פושעי ישראל המתייאשין מן הגאולה כופרים בהקב"ה ועוזבים את יראתו ועל אותו הדור נאמר ותהי האמת נעדרת שבעלי האמת נעשו עדרים עדרים והולכים ובורחים ומתחבאים במערות ובמחילות עפר ונאספים כל גבורי הדור ובטלו אנשי אמנה ונגנזין שערי בינה וחכמה והעומד עומד משוגה ובאותו זמן אין מלך ואין נשיא בישראל שנא' כי ימים רבים ישבו בני ישראל אין מלך ואין שר אין זבח ואין מצבה. ולא ראשי ישיבות וגאון ישראל לא רועים נאמנים ולא חסידים ובעלי השם וננעלים דלתי שחקים ונעכרים שערי פרנסה וכ׳כלה ובזמן שמשיח יתגלה בגבורתו דור הולך ונופל בחייו מפני גזרות קשות ומשונות ומבוהלות שגוזרים שלשה מלכים הללו ועוד שגוזרים לכפור בהקב"ה ובתורה והקב"ה גזר שתמלוך המלכות תשעה חדשים מכיפה לכיפה וכו' וגוזרים גזרות קשות וכופלים מס על ישראל על אחד עשר מי שהיה נותן שמונה נותן שמונים וכל מי שאין לו חותכין ראשו ובכל אלו תשעה חדשים מתחדשות גזרות אחר גזרות זו קשה מזו ויוצאים בני אדם מסוף העולם שהם מכוערים ביותר וכל מי שרואה אותם מת מפחדם ומתים הכל וכל אחד ואחד יש לו שני קדקדים ושבעה עינים והם דולקים כאש. וקלים בהליכתם כצבאים באותו שעה צועקים ישראל ואומרים ווי ווי וקטני ישראל מתבעטים

לעתיד וועט הקב"ה מאכין צעהן אותות פאר דעם ביאת הגואל. דער ערשטער אות. הקב"ה וועט מעמיד זיין דרייא מלכים אונ זייא וועלין זיין כופרים אין זייער דעה אונ וועלין לייקענען אונ ווייזין פאר מענשין אז זייא דינען הקב"ה אין אמת וועלין זייא נישט דינען אונ זייא וועלין מבלבל זיין אלע בריות אונ וועלין לייקענען דיא אומות מיט זייערע דינים דיא פושעי ישראל וועלין זיך אויך מתייאש זיין פון דער גאולה אונ לייקענען אין הקב"ה אונ אוועק לאזין זיין יראה אין דעם דור וועט זיין דער אמת פאר מיטען דיא בעלי האמת וועלין ווערין כמאדעס אונ אוועק גיין אונ זייא וועלין אנטלויפין אונ באהאלטין זיך אין דיא היילין אונטער דער ערד אונ אלע גיבורי הדור וועלין אויס שטארבין אונ דיא אנשי אמונה וועלין בטל ווערין אונ עס וועט באהאלטין ווערין דיא שערי בינה וחכמה אין דער צייט וועט נישט זיין קיין מלך ונשיא בישראל אונ קיין ראשי ישיבות אונ גאון ישראל נישט קיין גיטרייע פאסטיכער אונ קיין חסידים אונ בעלי השם אונ עס וועט פארשלאסין ווערין דיא טויהרין פון דיא הימלין אונ פאר שטאפט ווערין דיא טויערין פון פרנסה וכלכלה אין דער צייט וואס משיח וועט נתגלה ווערין בגבורתו וועט דער דור גיין אונ פאלין פארין לעבין פאר דיא גזרות קשות ומשונות ומבוהלות וואס וועלין גוזר זיין דיא דרייא מלכים אונ זייא וועלין גוזר זיין צו לייקענען אין הקב"ה אין דיא תורה אונ הקב"ה האט גוזר גיוועזין אז דער מלכות זאל קיניגין ניין חדשים אויף דיא גאנצע כיפה אונ וועלין גוזר זיין גזרות קשות אונ טאפלין מס אויף דיא ישראל צעהן מאהל אזוי פיל ווער עס האט גיגעבין אכט וועט ער געבין אכציג אונ ווער עס וועט נישט האבין וועט מען איהם דעם קאפ אפשניידין אונ דיא אלע ניין חדשים וועט ווערין בנאייעט גזרות איבער גזרות איינע שווערע פאר דיא אנדערע אונ עס וועט ארויס גיין מענשין פון דיא עק וועלט וואס זייא זענען זעהר מיאוס אונ ווער עס וועט זייא זעהן וועט שטארבין פון פחד אונ אלע וועלין אויס שטארבין אונ איטליכער האט צוויי קעפ מיט זיבין אויגין אונ זייא ברענען וויא פייער אונ גרינג מיט זעהר גאנג וויא דיא הירשין אין דער שעה וועלין דיא ישראל שרייען אונ זאגין וויי וויי אונ דיא קליינע ישראל וועלין זיך שרעקין אונ באהאלטין זיך איטליבער

מתבעטים והולכים ונטמנים כל אחד ואחד תחת אביו ותחת אמו ואומרים ווי ווי אבא מה נעשה ואבותיהם משיבים להם עתה אנחנו סמוכים לגאולתן של ישראל :

**האות** השני מביא הקב"ה חום בעולם מחמתה של חמה עם שחפת וקדחת ורבים חולאים ודבר ומגפה וכו' עד שיבכו עכו"ם ויזעקו אוי לנו אנה נלך ואנה נברח וחופרים כל אחד קברו בחייו ושואלים את נפשם למות ומתחבאים בצחיחים ובצריחים ובורחין כדי לצנן את עצמן ובאים במערות ובמחילות עפר . וא"ת איך ינצלו הצדיקים מחום החמה הקב"ה יעשה להם רפואה באותו חום שנאמר וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה ועל אותו עת נבא בלעם הרשע אוי מי יחיה משומו אל :

**האות** הג' הקב"ה מוריד טל של דם וכו' ורשעי ישראל המתייאשים מן הגאולה ישתו ממנו וימותו וצדיקים המחזיקים באמונתו של הקב"ה אינם נזוקים כלל שנאמר והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע ויהיה כל העולם דם כל אותם השלשה ימים שנאמר ביואל ונתתי מופתים בשמים ובארץ דם ואש ותמרות עשן :

**האות** הד' הקב"ה מוריד טל של רפואה לרפאות הדם וישתו ממנו הבינונים ויתרפאו מחליים שנאמר אהיה כטל לישראל יפרח כשושנה ויך שרשיו כלבנון :

**האות** הה' הקב"ה מחזיר השמש לחשך והירח לדם שלשים יום שנאמר השמש יהפך לחשך והירח : אחר שלשים יום הקב"ה מחזירו לקדמותו שנאמר ואספו אספה וגו' ומתפחדים עכו"ם ומתביישים ויודעים שבשביל ישראל הוא כל האותות האלה ורבים מהם מתיהדים בסתר שנאמר משמרים הבלי שוא חסדם יעזובו :

האות

**איתליכער** אונטער זיין פאטער א"נ זיין מוטער אונ ווערין זאגין אוי ווי פאטער וואס וועלין מיר טוהן אונ זייערע עלטערין ענטפערין זיי אצונד זענען מיר נאהענט צו די גאולה פון ישראל :

**דער** אנדערער צייכין הקב"ה וועט ברענגין אהיץ אויף דיא וועלט פון דיא היץ פון דער זון מיט אשחפת וקדחת אונ פיל שלייפקייט אונ דבר ומגפה אונ עס וועט אויס שטארבין אמיליאן אלע טאג אונ אלע רשעים פון דיא ישראל. ביז דיא עכו"ם- וועלין וויינען אונ שרייען ווי איז צו אונז וויא וועלין מיר גיין וויא וועלן מיר אנטלויפין איטליכער וועט זיך גראבין אקבר פר זיין לעבין אונ בעטין אויף זיך אליין דעם טויט אונ וועלין זיך באהאלטין אין דיא שפאלטין אין דיא לעבער אונ וועלין אנטלויפין כדי צו קילען זיך אונ וועלין קומען אין דיא מערות אויב דוא וועסט זאגין וויא אזוי וועלין דיא צדיקים גיצול ווערין פון דיא היץ פון דיא זון נאר הקב"ה וועט זייא טוהן ארפואה מיט דיא ווארעם וויא עס שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה אויף דער צייט האט בלעם הרשע גיזאגט נביאות אוי מי יחיה משומו אל :

**דער** דריטער אות וועט הקב"ה מוריד זיין טל פון בלוט אונ דיא רשעי ישראל וואס זענען זיך מתייאש פון דיא גאולה וועלין זייא טרינקין אונ וועלין שטארבין אונ דיא צדיקים וואס וועלין זיך האלטין אין דיא אמונה פון הקב"ה וועט זייא גאר נישט שאדין וויא עס שטייט והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע אין דרייא טאג וועט דיא גאנצע וועלט זיין בלוט וויא עס שטייט ונתתי מופתים בשמים ובארץ דם ואש ותמרות עשן :

**דער** פירטער צייכין הקב"ה וועט אראפ נידערין אטל של רפואה צו היילין דאס בלוט אונ עס וועלין טרינקין פון איהם דיא מיטעלע מענשין אונ וועלין גיהיילט ווערין פון זייער שלאפקייט וויא עס שטייט אהיה כטל לישראל וגו' :

**דער** פינפטער צייכין הקב"ה וועט פאר פינצטערין דיא זון אונ די לבנה וועט ווערין רויט ווי בלוט דרייסיג טאג . נאך דרייסיג טאג וועט הקב"ה קריג מאכין וויא פריער אונ אלע **אומות** וועלין זיך שרעקין אונ וועלין וויסין אז וועגין דיא ישראל איז דיא אלע צייכין אונ

פיל

**האות** הז' ממליך הקב"ה מלך על כל העולם כמו שאמרנו למעלה ויקום מלך אחד ברומי וימלוך על כל העולם תשעה חדשים ויחריב מדינות רבות ויחר אפו על ישראל וישלך עליהם מס גדול ויהיו ישראל באותו שעה בצרה גדולה מרוב הגזרות והמהומות שמתחדשות עליהם בכל יום וישראל מתמעטין וכלין באותו זמן ואין עוזר לישראל ועל אותו זמן נתנבא ישעיה ואמר וארא כי אין איש וישתומם וגו' לסוף תשעה חדשים יגלה משיח בן יוסף ושמו נחמיה בן חושיאל עם שבט אפרים ומנשה ובנימין ומקצת בני גד ושומעין ישראל של כל המדינות שבא משיח ה' ומתקבצין אליו וימעט מכל מדינה ומכל עיר כמו שנאמר בירמיה שובו בנים שובבים וכו' ויבא משיח בן יוסף ויתגרה מלחמתו עם המלך וינצח את המלך ויהרוג מהם תלי תלים ויהרוג את המלך ויחריב המדינה ויוציא קצת כלי בית המקדש שהם גנוזות בבית יוליינוס קיסר ויבא לירושלים וישמעו ישראל ויתקבצו אליו ומלך מצרים ישלים עמו ויהרוג כל אנשי המדינות אשר סביבות ירושלים עד דמשק ואשקלון וישמעו כל אנשי העולם ויפיל אימה גדולה עליהם:

**האות** הח' הקב"ה בעל נפלאות עושה מופת בעולם וכו' באותו שעה כל עכו"ם מורדים את ישראל ממדינותיהם ואינם מניחים לדור עמהם במדינותיהם ואומרים ראיתם את העם בזוים ושפלים שמרדו עלינו והמליכו מלך ותהי צרה לישראל שלא היתה כמוה מימות העולם עד אותו זמן:

ובאותו

פיל פון זייא וועלין זיך מגייר זיין פאר בארגינע רייד:

**דער** זעקסטער צייכן הקב"ה וועט במליך זיין א מלך אויף דער גאנצע וועלט אזוי ווייא עס שטייט פריער אונ עס וועט אויף שטיין אנייער מלך אין רומי אונ וועט קיניגין אויף דער גאנצע וועלט ניין חדשים אונ וועט חרוב מאכין פיל מדינות אונ וועט זיין אין פאר דאס אויף דיא ישראל אונ וועט אויף זייא ארויף ווארפין אגרויסין מס אונ דיא ישראל וועלין זיין דיא צייט אין אגרויסע צרה מחמת פיל גזרות אונ מהומות וואס וועט באנאייט ווערין אויף זייא אלע טאג אונ דיא ישראל וועלין ווערין אלע מאל ווינציגער אונ פאר לענט אין דער צייט וועט ניט זיין קיין הילף צו דיא ישראל אונ אויף דיא צייט האט ישעיה גיזאגט נביאות וארא כי אין איש וגו'. נאך ניין חדשים וועט אנפלעקט ווערין משיח בן יוסף זיין נאמען איז נחמיה בן חושיאל מיט שבט אפרים ומנשה ובנימין אונ אטייל פון בני גד אונ אלע ישראל פון אלע מדינות וועלין הערין אז משיח איז גיקומען וועלין זייא זיך איין זאמלין צו איהם אונ עס וועט ווערין ווינציגער פון איטליכע מדינה אונ פון איטליכען שטאט אונ עס וועט קומען משיח בן יוסף אונ וועט רייצין א מלחמה מיט דעם מלך אונ וועט איהם מנצח זיין אונ וועט הרגינען פון איהם גאנצע בערגער אונ וועט הרגינען דעם מלך אונ חרב מאכין דיא מדינה אונ וועט ארויס נעמען דיא כלים פון בית המקדש וואס זייא זענען אין הויז פון יוליינוס קיסר אונ וועט קומען קיין ירושלים אונ אלע ישראל וועלין הערין אונ וועלין זיך צו נויף זאמלין צו איהם אונ דער מלך מצרים וועט שלום מאכין מיט איהם אונ וועט הרגינען אלע מענשין פון דיא מדינות וואס ארום ירושלים ביז דמשק אונ אשקלון אונ דיא גאנצע וועלט וועט הערין אונ עס וועט פאלין אגרויסער פחד אויף זייא:

**דער** זיבעטער צייכן הקב"ה בעל נפלאות וועט טוהן אמופת אויף דער וועלט. אין דיא צייט וועלין אלע אומות עכו"ם פאר טרייבין דיא ישראל פון זייערע מדינות אונ וועלין נישט לאזין זייא זאלין וואהנען מיט זייא אין זייערע מדינות אונ וועלין זאגין זעהט איהר דאס פאלק וואס איז בזוי ושפל וואס האבין אויף אונז מורד גיוועזין אונ גימאכט זיך א מלך אונ עס וועט זיין א עת צרה לישראל עס איז אזוי נאך נישט גיוועזין מימות עולם ביז דיא צייט:

אין

**ובאותו** שעה יעמוד מיכאל לברר את הרשעים מישראל שנא׳ ובעת ההוא יעמוד מיכאל השר הגדול העומד על ב׳ עמך והיתה צרה אשר לא נהיתה מיד יברחו כל ישראל במדברות וכל מי שלבו מסופק בדינו חוזר על אוה״ע ואומר זו הגאולה שאנו מחכים לה שהמשיח נהרג וכל מי שאינו מצפה לגאולה מתבייש ממנה וחוזר על אוה״ע באותו שעה הקב״ה בוחן את ישראל וצורפם ככסף וכזהב שנאמר בזכריה והבאתי את השלישית באש וצרפתים כצרוף את הכסף. וכתיב ביחזקאל וברותי מכם את הפושעים בי וגו׳ וכתיב בדניאל יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים וגו׳ ויהיו כל שארית ישראל הקדושים והטהורים במדבר יהודה חמשה וארבעים יום ויהיו רועים ואוכלים מלוחים ועלי שיח קוטפים ובהם מתקיים מה שנאמר בהושע הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדבר ודברתי על לבה ומנין שחמשה וארבעים יום שנאמר מעת הוסר התמיד ולתת שוקץ שומם אלף ומאתים והשעים וכתיב אשרי המחכה ויגיע לימים אלף שלש מאות שלשים וחמשה נמצאו בין אלו לאלו חמשה וארבעים יום באותו שעה ימותו כל רשעי ישראל שאינן ראוים לראות הגאולה ויבא ארמילוס וילחם במצרים וילכדה שנאמר וארץ מצרים לא תהיה לפלטה ויחזיר פניו לירושלים להחריבה פעם שנית שנאמר ויטע אהלי אפדנו בין ימים להר צבי קודש ובא עד קצו ואין עוזר לו:

**האות** הח׳ יעמוד מיכאל ויתקע בשופר שלשה פעמים שנאמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים וגו׳ וכתיב וה׳ אלהים בשופר יתקע והלך בסערת תימן. תקיעה ראשונה יגלה משיח בן דוד ואליהו הנביא לאותן הצדיקים הברורים מישראל שנסו למדבר יהודה. לסוף מ״ה ימים ישיבו את לבם ויחזקו את ידיהם הרפות וברכיהם הכושלות יאמצו וישמעו כל ישראל הנשארים בכל העולם את קול השופר

וידעו

אין דער צייט וועט מיכאל המלאך אויף שטיין מברר זיין דיא רשעים פון דיא ישראל וגו׳ אונ דיא ישראל וועלין אנטלויפין אין דיא מדברות אריין אונ דער וואס זיין הארץ איז מסופק אין זיין דין וועט ער צו קערעטין צו דיא אומות אונ וועט זאגין אט דאס איז דיא גאולה וואס מיר האבין גיהאפט אז דער משיח זאל גיהרגית ווערין אונ איטליכער וואס האפט נישט צו דיא גאולה וועט מבויש ווערין אונ וועט צו קערעטין צו דיא אומות אין דיא צייט וועט הקב״ה פריוועין דיא ישראל אונ לייטערין זייא וויא זילבער אונ וויא גאלד וויא אין פסוק שטייט וצרפתים כצרוף את הכסף אונ וויא עס שטייט אין יחזקאל איך וועל אויס קלויבין פון אייך דיא פשעים אונ עס וועט נאר בלייבין בני ישראל הקדושים והטהורים אין מדבר יהודה פינף אונ פערציג טאג אונ זייא וועלין זיך פאשין אונ עסין גיזאלצינם אונ בלעטער פון גראז וועלין זייא אפ רייסין וויא אין פסוק שטייט והולכתיה המדבר וגו׳ אין דיא צייט וועלין אויס שטארבין אלע רשעי ישראל וואס זענען נישט ווערט צו זעהין דיא גאולה, אונ עס וועט קומען ארמילוס הרשע אונ וועט מלחמה האלטין מיט מצרים אונ וועט איהר איין נעמען אונ וועט גיין קיין ירושלים חרב מאכין נאך אמאהל וויא עס שטייט אין פסוק ובא עד קצו ואין עוזר לו:

דער אכטער צייכין מיכאל וועט אויף שטיין אונ וועט בלאזין מיט א שופר דריי מאהל וויא עס שטייט אין פסוק והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו׳ דיא ערשטע תקיעה וועט נתגלה ווערין משיח בן דוד אונ אליהו הנביא צו דיא צדיקים דיא אויס גיקליבינע פון ישראל וואס זענען אנטלאפין קיין מדבר יהודה נאך פינף אונ פערציג טאג וועלין זייא ווידער קעהרין זייער הארץ אונ וועלין זיך שטארקין זייערע שוואכע הענט אונ דיא גישטרויכילטע קניען. אונ אלע ישראל וואס זענען גיבליבין וועלין הערין דעם קול השופר אויף דיא גאנצע וועלט אונ זייא וועלין וויסין אז השי״ת האט גידענקט זיין פאלק אונ דיא

גאולה

זידעו כי פקד ה' אותם וכי בא הגאולה השלמה ויתקבצו ויבאו שנאמר ובאו האובדים וגו' ומאותו קול יפול פחד ורתת על אוה"ע ויפלו עליהם חלאים רעים וישראל מתאזרים לצאת ויבא משיח ב"ד ואליהו הנביא עם הצדיקים ששבו ממדבר יהודה ועם כל ישראל הנקבצים ויבואו ירושלים ויבאו במעלות בית הנשארת וישבו שם וישמע ארמילוס שעמד מלך על ישראל ויאמר עד אנה האומה הבזויה והשפלה עושים כן מיד יקבוץ כל חיל אוה"ע ויבא להלחם עם משיח השם ואז הקב"ה אינו מצריכו למלחמה אלא אומר לו שב לימיני ואומר לישראל התיצבו וראו את ישועת ה' אשר יעשה לכם היום מיד הקב"ה לחם להם שנאמר ויצא ה' ונלחם בגוים ההם כיום הלחמו ביום קרב והקב"ה מוריד אש וגפרית מן השמים ונשפטתי אתו בדבר וברד וגשם שוטף ואבני אלגביש וכו' מיד ארמילוס הרשע ימות הוא וכל הילו וכל הרשעים שהחריבו בית אלהינו והגלינו מארצנו באותו שעה יעשו ישראל בהם נקמות גדולות שנאמר והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש:

**האות** הט' יתקע מיכאל תקיעה גדולה ויבקע מחילות המתים בירושלים ויחיה אותם הקב"ה וילך משיח ב"ד ואליהו הנביא ויחיו משיח בן יוסף שנאסף בשערי ירושלים וישלחו את משיח ב"ד בשביל שארית ישראל המפוזרים בכל הארצות מיד כל מלכי אוה"ע נושאים אותם על כתפותיהם ומביאים אותם להם:

האות

גאולה איז גיקומען און וועלין זיך איין זאמלין און וועלין קומען ווי עס שטייט ובאו האובדים וגו' און פון דעם קול וועט פאלין אפחד און א ציטערניש אויף די אומות און עס וועט פאלין אויף זייא שלעכטע קרענק און די ישראל וועלין זיך שטארקין מיט כח ארויס צו גיין און משיח בן דוד מיט אליהו הנביא וועט קומען מיט אלע צדיקים וואס זענען קריג גיקומען פון די מדבר יהודה און מיט אלע ישראל וואס וועלין צו נויף זאמלין און וועלין קומען קיין ירושלים און וועלין אריין קומען אין די מעלות פון בהמ"ק וואס איז גיבליבין און וועלין זיך דארטין זעצין און ארמילוס וועט הערין אז עס איז אויף גישטאנען אמלך אויף ישראל וועט ער זאגין ווי לאנג נאך וועט די אומה הבזויה והשפלה אזוי טוהן וועט ער באלד צו זאמען נעמען דאס גאנצע חיל פון די אומות און וועט קומען מלחמה האלטין מיט משיח השם דענסמאהל ועט הקב"ה נישט הייסין משיחן מלחמה האלטין נאר וועט אים זאגין זיץ ביי מיין רעכטע האנט און וועט זאגין צו די ישראל שטייט און זעהט די הילף פון גאט וואס ער וועט אייך הייגט טוהן און הקב"ה וועט באלד מלחמה האלטין מיט זייא און וועט אראפ נידערין פון הימעל פייער און שוועביל ווי עס שטייט אין פסוק ונשפטתי אתו בדבר וברד וגשם שוטף און ארמילוס הרשע וועט באלד שטארבין ער מיט זיין חיל און מיט אלע רשעים וואס זייא האבין חרב גימאכט דעם בית המקדש און האבין אונז פאר טריבין פון אונזער לאנד אין די שעה וועלין די ישראל טוהן אין זייא גרויסע נקמות ווי עס שטייט והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש:

דער ניינטער צייכין מיכאל וועט בלאזין א תקיעה גדולה און עס וועט זיך שפאלטין די הילין פון די מתים פון ירושלים און הקב"ה וועט זייא מחיה זיין און משיח בן דוד מיט אליהו הנביא וועלין גיין און לעבעדיג מאכין משיח בן יוסף וואס ער איז גישטארבין ביי די טויערין פון ירושלים און וועלין שיקין משיח בן דוד וועגין די איבריגע ישראל וואס זענען צוא שפרייט אין אלע לענדער און די מלכי האומות וועלין באלד טראגין זייא אויף זייערע אקסלין און ברענגין זייא צו זייא קיין ירושלים:

דער

**האות** הזיד תוקע מיכאל תקיעה גדולה ויוציא הקב"ה מנהר גוזן ומלחלח וחבור ומערי מדי כל השבטים ויבאו עם בני משה לאין מספר ובאין שיעור. כגן עדן הארץ לפניהם. כן אחריהם תלהט להבה ולא ישאירו מחיה לעכו"ם בשעה שיצאו השבטים ענני הכבוד יקיפו אותם והקב"ה הולך לפניהם שנאמר עלה הפורץ לפניהם והקב"ה יפתח להם מעינות של עץ חיים והשקה אותם כדרך שנאמר בישעיה אפתח על שפיים נהרות ובתוך בקעות מעינות ישים מדבר לאגם מים וציה למוצאי מים וכתוב לא ירעבו ולא יצמאו ולא יכם שרב ושמש הקב"ה יזכנו לראות את הגאולה מהרה ויזכנו לראות בית הבחירה ויקוים בנו מקרא שכתוב הנני שב את שבית יעקב ומשכנותיו אהרום ונבנתה העיר על תלה וארמון על משפטו ישב ויקיים עלינו כל נחמותיו וכל הבטחותיו שנאמר על ידי נביאו וכתיב בעת ההיא אביא אתכם ובעת קבצי אתכם כי אתן אתכם לשם ולתהלה:

**וכנגד** עשר אותות אלו עתיד הקב"ה ליסד את ירושלים עשרה מיני אבנים טובות אודם פטדה וברקת תרשיש שוהם וישפה נופך ספיר ויהלום וזהב הרי עשרה והקב"ה מוסיף עליהם בבנין בית המקדש שנים והם כדכד ואקדח שנאמר ושמתי כדכד שמשותיך וגו':

**כנגדן** עתיד הקב"ה להשיב להם לישראל עשרה דברים שאבדן הקב"ה מהם וחסרם בבנין בית שני וארצה בה ואכבדה. ה' חסר. ואלו הם: ארון וכרובים ושמן המשחה ועצי המערכה ואורים ותומים ורוח הקודש וחמשה אחרים שעתיד הקב"ה להוסיף על מאור החמה שמ"ג פעמים כאורה של עכשיו. שנאמר והיה אור הלבנה כאור החמה ואור

**דער** צעהנטער צייכן מיכאל וועט בלאזן א תקיעה גדולה און הקב"ה וועט ארויס נעמען פון נהר גוזן און פון לחלח וחבור און פון די ערי מדי אלע שבטים און זיי וועלן קומען מיט די בני משה אן א מספר אן א שיעור און דאס לאנד איז פאר זייא וויא א גן עדן. אזוי נאך זייא וועט ברענען א פלאם און וועלן ניט איבער לאזן קיין שום מחיה פאר די עכו"ם און ווען די שבטים וועלן ארויס גיין וועט זייא ארום רינגלען ענני הכבוד און הקב"ה וועט גיין פריער און הקב"ה וועט זייא עפענען קוואלין פון עץ החיים און וועט זייא אן טרינקין וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל עפענען אויף די הייך טייכין און זייא מאהלין קוואלין די מדבר וועט זיין צוא אגם מים און די ווייסטינעהייט צוא ארויס גאנג פון וואסער. זייא וועלן ניט זיין הונגעריג און ניט דארשטיג און עס וועט זייא ניט שלאגין די היץ און די זון. הקב"ה זאל אונז מזכה זיין צוא זעהען די גאולה גישווינד און מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן דעם בנין בהמ"ק און עס זאל מקוים ווערין דער פסוק הנני שב את שבות יעקב וכו' און זאל מקוים ווערין בייא אונז אלע נחמות און אלע הבטחות וואס איז גיזאגט גיווארין דורך זיינע נביאים וויא עס שטייט כי אתן אתכם לשם ולתהלה:

**אקעגין** די צעהן צייכין וועט הקב"ה לעתיד מיסד זיין ירושלים מיט צעהנערליי אבנים טובות אודם פטדה וברקת תרשיש שוהם וישפה נופך ספיר ויהלום וזהב און הקב"ה וועט נאך מוסיף זיין אין בנין בהמ"ק צוויי. כדכוד און אקדח:

**אקעגין** זייא וועט הקב"ה לעתיד אפ געבין די ישראל צעהן זאכין וואס הקב"ה האט גימאכט פאר לירין פון זייא און עס האט גיפעהלט אין בנין בית שני. דער ארון מיט די כרובים. שמן המשחה. עצי המערכה. אורים ותומים. רוח הקודש. און נאך פינף זאכין וועט הקב"ה לעתיד מוסיף זיין אויף דעם ליכטיגקייט פון דיא זון מיט דריי הונדערט און פערציג מאהל אזוי פיל וויא דאס ליכטיגקייט פון אציגד. וויא עס שטייט אין פסוק והיה אור הלבנה

ואור החמה יהיה שבעתים כאור שבעת הימים ביום חבוש ה' את שבר עמו ומחץ מכתו ירפא ומנין מצינו שהוא שמ"ג פעמים שכן מפורש ע"י יהונתן בן עוזיאל ויהא זיהור סיהרא כזיהור שמשא וזיהור שמשא עתיד לזיהרא כזוהר על חד תלת מאה וארבעים ותלהא כזוהר שבעת יומיא. וכשאתה כופל שבעתים שבעה על שבעה שנאמר כאור שבעת הימים נמצאו שמ"ג פעמים וכן הצדיקים עתיד הקב"ה להזהירם כמנין הזה שנאמר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו ומתרגמינן ועבדוהי צדיקא עתידים לזיהרא כזיהור יקריה על חד תלת מאה וארבעים ותלתא כזיהור שמשא בתוקפי' הרי אלו שבעה שעתיד הקב"ה להחזירם והכתרים שנאבדו בסיני שכולם זכה בהם משה ונטלם שנאמר ומשה יקח את האהל ועתיד הקב"ה להחזירם דכתיב ושמחת עולם על ראשם ועוד תעדי תופיך ויצאת במחול משחקים וברכות הדגן והפירות לשומנם הרי עשרה:

**וכנגדן** עשרה גאולי הנחמות וההבטחות שהבטיח הקב"ה לישראל שהן עיקר הנחמות והשאר ענפים שלהם ראשונה ברכת ביאת הגואל שנאמר הנה מלכך יבא לך שנית קבוץ גליות שנאמר בירמיה הנני מביא אותם מארץ צפון וקבצתים מירכתי הארץ בם עור ופסח וגו' מהו עור ופסח מלמד שכל צדיק חוזר כמו שהוא נפטר מזה העולם מי שהוא פסח הוא חוזר בתהייתו פסח וכן כל המומים כדי שיהיה כל אחד ואחד מכיר את חבירו שלא יאמרו בריות אחרים הם אלה ואח"כ מרפא הקב"ה אותם שנאמר אז ידלג כאיל פסח ותרון לשון אלם. שלישית תחית המתים שנאמר בדניאל ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו. רביעית בנין בית המקדש כמראה בנין שראה יחזקאל בנבואתו. חמישית שעתידין ישראל למלוך בכל העולם כלו משפה לשפה שנאמר כי הגוי והממלכה אשר

לא

הַלְבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה יִהְיֶה שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים בְּיוֹם חֲבוֹשׁ ה' אֶת שֶׁבֶר עַמּוֹ וגו'. אונ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין תַּרְגּוּם יְהוֹנָתָן בֶּן עֻזִּיאֵל. דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא לְבָנָה וֶועט זַיין וִויא דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּן אוּנ דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּן וֶועט זַיין דְרַייא הוּנְדֶערְט מִיט דְרַייא אוּנ פֶערְצִיג מָאהְל וִויא דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זִיבְּן טֶעג וָוארוּם זִיבְּן מָאהל זִיבְּן אִיז נַיין אוּנ פֶערְצִיג אוּנ נַיין פֶערְצִיג מָאהל זִיבְּן אִיז רִיכְטִיג דְרַייא הוּנְדֶערְט מִיט דְרַייא אוּנ פֶערְצִיג מָאהל וִויא אַצוּנְד דִיא זוּן שַׁיינְט אִיז שׁוֹין זִיבְּן זַאכְן וָואס הקב"ה וֶועט מְחַדֵּשׁ זַיין. אוּנ אָפּ גֶעבִּין אוּנז דִיא קְרוֹינֶען וָואס מִיר הָאבִּין פַאר לוֹירִין בַּייא דֶעם בַּארְג סִינַי וָואס משֶׁה הָאט זוֹכֶה גִיוֶועזִין אִין זֵייא אוּנ הָאט זֵייא צוּ גִינוּמֶען וֶועט הקב"ה אוֹיךְ אָפּ גֶעבִּין. אוּנ דוּא יִשְׂרָאֵל וֶועסְט נָאךְ אָן צִירִין זִיךְ מִיט דַיינֶע פּוֹיקִין אוּנ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין מִיט אַטַאנְץ פוּן גִילֶעכְטֶער. אוּנ דִיא בְּרָכָה פוּן דִיא תְּבוּאוֹת מִיט דִיא פֵּירוֹת צוּ זֵייעֶר פֶעטְקֵייט וִויא פְרִיעֶר אִיז שׁוֹין צֶעהְן:

אוּנ אַקֶעגִין זֵייא וֶועט זַיין צֶעהְן גְאוּלוֹת וְנֶחָמוֹת וְהַבְטָחוֹת וָואס הקב"ה הָאט מַבְטִיחַ גִיוֶועזִין דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס זֵייא זֶענֶען דִיא עִיקַר הַנֶּחָמוֹת אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע אִיז נָאר צְווַייגִין. דָאס עֶרְשְׁטֶע בִּיאַת הַגּוֹאֵל דֶער גּוֹאֵל וֶועט קוּמֶען. דָאס אַנְדֶערֶע קִיבּוּץ גָּלֻיּוֹת מִיוֶועט צוּזַאמֶען נֶעמֶען אַלֶע יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע עֶקִין וֶועלְט אוּנ צְווִישִׁין זֵייא וֶועלִין זִיךְ גִיפִינֶען בְּלִינְדֶע אוּנ הִינְקִידִיגֶע אִיטְלִיכֶער צַדִּיק וֶועט לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין מִיט דֶעם מוּם וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין אִין עֶר גִיוֶועזִין בְּלִינְד וֶועט עֶר אוֹיף שְׁטֵיין בְּלִינְד אוּנ מִיט אַלֶע פֶעהְלֶער כְּדֵי אִיטְלִיכֶער זָאל דֶער קֶענֶען זַיין חָבֵר מִיזָאל נִישְׁט זָאגִין אַז דֶער אִיז אַנאַנְדֶערֶער אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט הקב"ה זֵיי הֵיילִין. דָאס דְרִיטֶע תְּחִיַּת הַמֵּתִים דִי אַלֶע וָואס שְׁלָאפִין אִין דִיא עֶרְד וֶועלִין זִיךְ אוֹיף הֵאפִין. דָאס פִירְדֶע בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיוֶועט בּוֹיעֶן דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דֶעם פְּלַאן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא. דָאס פִינְפְטֶע דִיא יִשְׂרָאֵל וֶועלִין קִינִיגִין אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן עֶק וֶועלְט בִּיז עֶק וֶועלְט אוּנ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועלִין קְרִיג גֵיין צוּ דִיא

דינים

**לא יעבדוך** יאבדו והחרים כל העולם כולו על דינו של הקב"ה להורתו שנאמר אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כולם בשם ה'. ששית שעתיד הקב"ה לאבד כל אויביו ויעשה בהם נקמות שנאמר ונתתי נקמתי בארום. שביעית שהקב"ה יסיר כל מחלה וכל נגע מישראל שנאמר ובל יאמר שכן חליתי העם הישב בה נשוא עון. שמינית שהקב"ה יאריך ימים של ישראל כעץ שנאמר כימי העץ ימי עמי ונאמר בישעיה כי הנער בן מאה שנה ימות והחוטא בן מאה שנה יקולל וכתיב בלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים. התשיעי שעתיד הקב"ה להגלות לישראל עין בעין שנאמר ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו. ועוד לעשות כל ישראל נביאים שנאמר בהושע והיה אחרי כן אתן את רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם. עשירית עתיד הקב"ה להסיר יצר הרע וכל דבר רע מישראל שנאמר ונתתי לכם לב בשר ורוח חדשה אתן בקרבכם והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר (מדרש תלפיות אותות משיח):

**שבעה** עשר מבשרים נביאים בשרו והשמיעו ישועות ישראל נשאו קול יחדיו ירננו כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון:

**המבשר** הראשון הוא בלעם בן בעור בנבואה האחרונה מנבואותיו. המבשר השני הוא משה רבינו ע"ה בספר דברים. בפ' עקב. שופטים. נצבים. האזינו. המבשר השלישי ישעיה בן אמוץ. הספר כולו מלא מנבואותיו ומנחמותיו. המבשר הרביעי הוא ירמיה בן חלקיה. המבשר החמישי הוא יחזקאל בן בוזי. המבשר הששי הושע בן בארי. המבשר השביעי יואל בן פתואל. המבשר השמיני עמוס. המבשר התשיעי עובדיה. המבשר העשירי מיכה המורשתי. המבשר האחד עשר חבקוק. המבשר השנים עשר צפניה

דינים פון הקב"ה און צו זיין הודה און אלע וועלין רופין מיט גאטס נאמען. דאס זעקסטע הקב"ה איז עתיד צו פאר לידין אלע זיינע פיינד און וועט מאכין אין זייא נקמות וויא עס שטייט ונתתי נקמתי באדום. דאס זיבעטע הקב"ה וועט אפ טוהן אלע קרענקען מיט אלע נגעים פון דיא ישראל און עס וועט זיך נישט געפינען צווישין דיא ישראל איינער אל זיין שלאף. דאס אכטע הקב"ה וועט מאריך ימים זיין דיא ישראל זייא וועלין לעבין לאנג וויא אבות אז מיוועט אלט זיין הונדערט יאהר וועט מען זיין אינגער מאן און דיא מיתה וועט פאר לענד ווערין פון דיא וועלט און קיינער וועט נישט פאר גיסין קיין טרערין אופן פנים. דאס ניינטע הקב"ה וועט לעתיד אנפלעקט ווערין צו דיא ישראל עין בעין מען וועט זעהן דעם כבוד פון השי"ת מיטין פראסטין אויג וויא עס שטייט וראו כל בשר יחדיו. און אלע ישראל וועלין ווערין נביאים און עס וועט רוען דער רוח הקודש אויף אלע ישראל און וועלין זאגין אלע נביאות דיא זין מיט דיא טעכטער. דאס צעהנטע הקב"ה וועט אוועק נעמען דעם יצר הרע און אלע שלעכטע זאכין פון דיא ישראל און זיי וועלין האבין אין זיך ארוח חדשה:

זיבעצין מבשרים נביאים האבין גיזאגט בשורות ונבואות און האבין אונז גימאכט הערין די ישועות ישראל און אלע צו זאמען האבין גיזאגט מיט איין קול אז עין בעין וועלין מיר זעהן אז מיר וועלין קריג קומען קיין ציון:

דער ערשטער מבשר איז גיוועזין פון דיא גוים בלעם בן בעור און דיא לעצטע נבואה פון זיינע נביאות אין פרשת בלק. דער אנדערער נביא ומבשר איז משה רבינו אין פרשת עקב שופטים נצבים האזינו. דער דריטער מבשר איז ישעיה בן אמוץ. דער גאנצער ספר ישעיה איז פול פון נחמות און ישועות. דער פירטער מבשר איז ירמיה בן חלקיה. דער פינפטער מבשר יחזקאל בן בוזי. דער זעקסטער מבשר הושע בן בארי. דער זיבעטער מבשר יואל בן פתואל. דער אכטער מבשר עמוס. דער ניינטער מבשר עובדיה. דער צעהנטער

צפניה בן כושי. המבשר השלשה עשר חגי. המבשר הארבעה עשר זכריה בן ברכיה. המבשר החמשה עשר הוא מלאכי. המבשר הששה עשר דוד המלך בספר תהלים בקפיטיל מ"ב מ"ג מ"ו מ"ז ע"ה ע"ו פ' פ"ה קי"ז קי"ח קכ"ו קכ"ט. המבשר השבעה עשר יותר מכל המבשרים דניאל. בחמש מראותיו. וסימנם מבשר טו"ב משמיע ישועה:

**חמש** עשרה נבואות נבא ודיבר האיש אדוני הארץ מזרע המלוכה ומן הפרתמים ישעי' בן אמוץ והודיע לכל ארבעה עשר עיקריים עצמיים הכרחיים שימצאו בהכרח בזמן הגאולה העתידה:

**העיקר** הראשון הוא הנקמה אשר יעשה הקב"ה בעכו"ם בזמן ההוא אם בחרבם בעצמם אלו עם אלו מכת חרב והרג ואבדן עצום מאד לא היה כמוהו מימי עולם ואם בדבר ומגפה אש וגפרית ורוח זלעפות מכות ה' מן השמים ושיהיה זה בהקבץ עמים יחדיו על אדמת קודש. ביום ד' הגדול והנורא. ועל זאת נבאו. ישעיה. ירמיה. יחזקאל הושע יואל עמוס. עובדיה. מיכה. חבקוק. חגי זכריה מלאכי:

**העיקר** השני שתהיה נקמת אדום בבצרה יותר גדולה מנקמת שאר האומות ושלא יזכו הנשארים מהם למה שיזכו פליטי שאר האומות מקבלת האמונה ועבודת אל עליון. וע"ז נבאו. ישעיה. יואל. עמוס. עובדיה. מיכה. חבקוק:

**העיקר** השלישי. הוא תשועת ישראל וגאולתם וקבוץ גליותיהם מהגלות אשר נפוצו בו. ועל זה נבאו כולם. ישעיה. ירמיה. יחזקאל. הושע. יואל. עמוס. עובדיה. מיכה. חבקוק. צפניה. חגי זכריה מלאכי:

העיקר

צעהנטער מבשר מיכה המורשתי. דער עלפטער מבשר חבקוק. דער צוועליפטער מבשר צפניה בן כושי. דער דרייצעהנטער מבשר חגי. דער פירצעהנטער מבשר זכריה בן ברכיה. דער פופצעהנטער מבשר מלאכי. דער זעכצעהנטער מבשר איז דוד המלך אין ספר תהלים אין קפיטיל מ"ב מ"ג מ"ו מ"ז ע"ה ע"ו פ' פ"ה קי"ז קי"ח קכ"ו קכ"ט. דער זיבעצעהנטער מבשר מיין וויא אלע מבשרים איז דניאל מיט זיינע פינף מראות הנבואה. דער סימן איז מבשר טו"ב' משמיע ישועה. טוב באטרעפט זיבצין מבשרים:

פופצין נבואות האט נביאות געזאגט ישעיה בן אמוץ וואס ער איז געוועזין אדוני הארץ מזרע המלוכה אונ פון דיא פרתמים האט ער געזאגט פופצין נבואות אויף נחמות ציון וירושלים אונ גאולת ישראל אונ האט מודיע געוועזין צוא אלע. פירצען עיקרים וואס וועט מוזען זיין בהכרח בזמן הגאולה העתידה וואס זייא זענען דער עיקר פון דיא אלע נחמות וישועות. וואס ער האט געזאגט נביאות אונ וואס אלע נביאים האבין געזאגט:

דער ערשטער עיקר איז דיא נקמה וואס הקב"ה וועט טוען אין דיא עובדי כוכבים ומזלות אין דער צייט ענטפער זייא וועלין זיך אליין מיט זייערע שווערדין הרגינען אייגער דעם אנדערין מכת חרב והרג ואבדן זעהר אשרעקליכע הריגה וואס אזוינס איז נישט געוועזין מימות עולם. ענטפער מיט דבר ומגפה אש וגפרית ורוח זלעפות מכות ה' פון הימעל אונ דאס וועט זיין אז מיוועט אלע פעלקער צו זאמען נעמען קיין ארץ ישראל ווען עס וועט זיין דער שרעקליכער טאג פון גאט אונ דער גרויסער טאג. דיא נבואה האבין געזאגט נביאות. ישעיה ירמיה יחזקאל הושע יואל עמוס עובדיה מיכה חבקוק חגי זכריה מלאכי:

דער אנדערער עיקר אז עס וועט זיין נקמות אדום אין בצרה גרעסער וויא דיא נקמה פון אלע איבריגע פעלקער אונ דיא וואס וועלין בלייבין פון זייא וועלין נישט זוכה זיין וואס דיא פליטי פון אנדערע פעלקער וועלין זוכה זיין צו נעמען אן דיא אמונה ועבודת אל עליון אויף דעם האבין געזאגט נביאות ישעיה יואל עמוס עובדיה מיכה חבקוק:

דער דריטער עיקר איז דיא ישועה פון ישראל אונ זייער גאולה אונ קיבוץ גליות פון דעם

גלות

**העיקר** הרביעי שבזמן הגאולה העתידה ישובו העשרת השבטים שהגלה סנחרב בארץ אשור. וע"ז ניבאו ישעיה. ירמיה. יחזקאל. הושע. עובדיה. מיכה. צפניה:

**העיקר** החמישי שתהיה הגאולה העתידה דומה לגאולת מצרים בבחינות רבות האחת שיצאו מהגלות כולם ולא יותר מהם איש בכל הגליה כמו בגלות מצרים שלא נשאר עד אחד והשנית שהאומות המחזיקות בהם הרוב יחרבו כמו סנחרב פרעה וכל מצרים. והשלישית שתהיה גאולתם ע"י נביא גדול בנבואה ובמופתים כמו שהיה משה רבינו בגאולת מצרים. הד' שיחרים השם ויחרב את הים מפניהם כיום עלותם מארץ מצרים. וע"ז ניבאו. ישעיה. הושע. זכריה. בסוף. מיכה:

**העיקר** הששי שיש עת מוגבל לפניו ית' לגאולת עמו ושלא ימנענה בבוא עתה אף שיהיה בהם רשעים ופושעים אבל הרשעים שבהם יכלו בזמן חבלי משיח בקבוץ הגליות והצדיקים יבואו אל הארץ ויזכו במובותיה. וע"ז נבאו. ישעיה. יואל. מיכה חבקוק. צפניה. זכריה:

**העיקר** השביעי שלא תהיה הגאולה כי אם אחר עבור זמן רב מהגלות ותוקף הצרות. וע"ז ניבאו ישעיה. ירמיה. חבקוק. צפניה:

**העיקר** השמיני שבזמן הגאולה תשוב השכינה לחול ביניהם כאשר היתה בהיותם על הר סיני ויותר בשלימות וישוב הרוח הנבואה להדבק במוכנים מהם וגם בכללות עם

גלות וואס וועגן פארשפרייט א נ אויף דעם עיקר האבין אלע נביאים גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה יחזקאל הושע יואל עמוס עובדיה מיכה חבקוק צפניה חגי זכריה מלאכי:

דער פירטער עיקר איז אז בזמן הגאולה העתידה וועלין קריג קומען דיא עשרת השבטים וואס סנחרב מלך אשור האט זייא פאר טריבין אונ אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה יחזקאל הושע עובדיה מיכה צפניה:

דער פינפטער עיקר איז אז דיא גאולה העתידה וועט זיין גלייך מיט פיל פרטים ובחינות אזו ווי גאולת מצרים איינמאל זיי וועלין אלע ארויס גיין פון גלות עס וועט נישט בלייבין איין מענש אונ גאנצין גלות ווייא אין גלות מצרים וואס איז נישט גיבליבין איינער. דאס אנדערע דיא אומות וואס וועלין זייא צוא האלטין וועלין חרב ווערין וויא כנחרב פרעה מיט אלע מצרים. דאס דריטע דיא גאולה וועט זיין דורך א נביא גדול בנבואה ובמופתים אזוי וויא משה רבינו אין גאולת מצרים דאס פירדע הקב"ה וועט מאכין טריקין דעם ים פאר זייא אזוי וויא עס איז גיוועזין ווען זייא זענען ארויס גיגאנגין פון מצרים אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה הושע זכריה מיכה:

דער זעקסטער עיקר אז עס איז פאר האנדין איין אפ גיזאמטע צייט פאר השי"ת צוא דיא גאולה פון זיין פאלק אונ אז עס וועט קומען דיא צייט וועט הקב"ה נישט מונע זיין דאמאלט עס וועט זיין רשעים ופושעים אבער דיא רשעים פון זייא וועלין פאר לענד ווערין ווען עס וועט זיין חבלי משיח בקיבוץ גליות אונ דיא צדיקים וועלין קומען קיין ארץ ישראל אונ וועלין זוכה זיין אין איהרע טובות אונ אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה יואל מיכה חבקוק צפניה זכריה:

דער זיבעטער עיקר אז דיא גאולה וועט נישט זיין נאר אז עס וועט אוועק גיין א לאנגע צייט פון גלות אונ שטארקע צרות אונ אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה חבקוק צפניה:

דער אכטער עיקר אז בזמן הגאולה וועט דיא שכינה קריג חל זיין צווישין דיא ישראל אזוי וויא זיא איז גיוועזין בשעת דיא ישראל זענען גיוועזין בייא דעם בארג סיני אונ נאך מיין בשלמות אונ דער רוח הנבואה וועט קריג קומען באהעפטין זיך צוא דיא וואס

ווערין

עם ישראל התרבה החכמה והידיעה לאין שיעור עד שלא ילמדו איש את רעהו כי תמלא הארץ דעה את ה׳. וע״ז התנבאו ישעיה. ירמיה. הושע. יואל. עובדיה. מיכה. חבקוק. צפניה. חגי. זכריה:

**העיקר** התשיעי שבגאולה העתידה ישובו גם פושעי ישראל אשר יצאו מכלל הדת והתערבו בגוים אם מפאת האונס או באופנים אחרים מפני חרבות או פתוים ויתחרטו ממעשיהם ושבו אל ה׳ בכל לבבם ובכל נפשם בחדרי משכיתם שהמה צאן ה׳ ומעדרו יצאו ואליו ישובו. וע״ז התנבא ישעיה בלבדו:

**העיקר** העשירי שבגאולה העתידה ימלוך מלך מבית דוד ויקרא בשמו ונחה עליו רוח ה׳ וישים משפט בארץ ולהורתו איים ייחלו, וע״ז התנבאו ישעיה. ירמיה יחזקאל. הושע. עמוס. זכריה:

**העיקר** האחד עשר. שאחרי אותה גאולה שיעדו הנביאים בנבואותיהם לא ישוב הגאולה ממנה ולא מזרעם לגלות אח״כ עוד כל ימי הארץ לפי שימול השם את ערלת לבבם ואל ישובו לכסלה ולחטא אבל יהיו לעולם צדיקים ולכן לעולם ירשו ארץ. וע״ז התנבאו ישעיה. ירמיה. יואל. עמוס. מיכה. צפניה. זכריה:

**העיקר** השנים עשר שאחרי הגאולה העתידה יקבלו רוב האומות הנשארות אמונת השי״ת ויכירו וישתעבדו לאלהים וידרשו תורתו. וע״ז התנבאו ישעיה. הושע יואל. צפניה. זכריה. מלאכי:

**העיקר** השלשה עשר שבזמן ההוא יהיה שלום בכל העולם ולא ישאו עוד גוי אל גוי חרב

וועלין זיין מוכן דער צו און ביי דעם כלל ישראל וועט נתרבה ווערין די חכמה אין די ידיעה לאין שיעור אז איינער וועט נישט לערנען מיט דעם אנדערין ווארום די וועלט וועט זיין פול מיט דעה און אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה הושע יואל עובדיה מיכה חבקוק צפניה חגי זכריה:

**דער** ניינטער עיקר אז די גאולה העתידה וועלין די פושעי ישראל אויך תשובה טוען האמשי זייא זענען ארוים פון דת און אוים גימישט צווישין די גוים אדער מחמת אונס אדער דורך אנדערע אופנים פאר שווערד אדער איבער גירעט און זייא האבין חרטה פון זייערע מעשים און האבין תשובה גיטוען מיט זייער גאנצין הארצין אין זייערע חדרים וייל זיי זענען אויך פון גאטס סטאדע און אויף דעם האבין גיזאגט נביאות נאר ישעיה אליין:

**דער** צעהנטער עיקר אז די גאולה העתידה וועט קיניגין אמלך פון בית דוד און ער וועט גירופען ווערין מיט זיין נאמען און עס וועט רוהען אויף איהם דער רוח ה׳ און ער וועט איין פירין אמשפט אויף דער וועלט און צו זיין תורה וועלין אלע פעלקער ווארטין און אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה יחזקאל הושע עמוס זכריה:

**דער** עליפטער עיקר אז נאך די גאולה וואס די נביאים האבין מייעד גיוועזין זייערע נביאות וועט שוין די גאולה נישט אפ טרעטין נישט פון זייא און נישט פון זייערע קינדער אז זייא זאלין נאך אמאהל פאר טריבין ווערין כל ימי הארץ ווייל השי״ת וועט פאר שניידין זייער פאר שטאפט הארץ און זייא וועלין שוין מיין נישט זינדיגין. נאר זייא וועלין זיין אייביג צדיקים דריבער וועלין זייא אייביג יירשינען די וועלט אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה ירמיה יואל עמוס מיכה צפניה זכריה:

**דער** צוועליפטער עיקר אז נאך די גאולה העתידה וועלין די איבריגע אומות מקבל זיין אמונת השי״ת און וועלין דער קענען און מיתעבד זיין צו השי״ת און פארשטין זיין תורה אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה הושע יואל צפניה זכריה מלאכי:

**דער** דרייצעטער עיקר אז אין די צייט וועט זיין שלום אויף די גאנצע וועלט און עס

וועט

חרב ולא ילמדו עוד מלחמה. וע"ז התנבאו ישעיה. חגי :

**העיקר** הארבעה עשר שבאותו זמן הגאולה או קרוב אליה יחיו המתים. וע"ז התנבאו ישעיה. יחזקאל. מלאכי. אלה הם י"ד עיקרי הנבואות (משמיע ישועה) :

**עשרה** תנאים צריך שימצא במלך המשיח האמתי משיח בן דוד מלך ישראל אשר יבא ויגאלנו בב"א :

**התנאי** הראשון שיהיה המלך המשיח מזרע מלכות בית דוד ולא מזרע אחר וישב במקומו ובכסא דוד ויקרא בשמו :

**התנאי** השני הוא במדרגת נבואתו שמלך המשיח ינבא במדרגה עליונה כמו שכתוב ונחה עליה רוח ה' וגו'.

**התנאי** השלישי מחכמתו כמו שכתוב ונחה עליו רוח חכמה ובינה רוח דעת ויראת ה' :

**התנאי** הרביעי שיהיה מלך המשיח כובש את יצרו ונבדל ונפרד מתאות הגשמיות ולא תהיה נטייהו אחר שום חוש מחמשת החושים :

**התנאי** החמישי בענין המשפט שיהיה המלך המשיח רודף צדקה ומשפט ויהיה בעל משפט לא לבד בקרב עמו כי אם גם בכל האומות וידע הדברים לאמתתם דרך נבואה ורוח הקודש וכיד אלוה הטובה עליו ישפוט בצדק דלים ויוכיח במשור לענוי ארץ וכ"ש לעשירים וגדולי הארץ. והריחו ביראת ה' :

**התנאי** הששי שימצא במלך המשיח פועל הנסים והנפלאות אשר יעשה שלא כמנהג הטבע

וועט שוין ניט מלחמה האלטען איין פאלק מיט דעם אנדערין פאלק אונ וועט ניט אויף הייבין קיין שווערד דרויף האט גיזאגט נביאות ישעיה חגי :

**דער** פירצעהנטער עיקר אז אין דיא צייט פון גאולה אדער נאהנט פון איהר וועט זיין תחית המתים אויף דעם האבין גיזאגט נביאות ישעיה יחזקאל מלאכי. דאס איז פירצעהן עיקרי נביאות :

**צעהן** תנאים דארפין זיך גיפינען אין דעם מלך המשיח האמתי משיח בן דוד מלך ישראל וואס ער וועט קומען אונז אויס לייזין :

**דער** ערשטער תנאי אז דער מלך המשיח דארף זיין פון דיא זרע מלכות בית דוד אונ ניט פון אנאנדערע זרע אונ ער זאל זיצין אויף זיין ארט אונ אויף דודס שטול אונ ווערין גירופין מיט זיין נאמען דוד :

**דער** צווייטער תנאי איז אין דיא מדרגה פון זיין נבואה אז דער מלך המשיח זאל נביאות זאגין במדרגה עליונה :

**דער** דריטער תנאי פון זיין חכמה וויא עס שטייט ונחה עליו רוח ה' רוח חכמה ובינה רוח דעת ויראת ה' :

**דער** פירטער תנאי אז דער מלך המשיח וועט זיין כובש את יצרו אונ וועט זיין אפ גישייט פון תאות הגשמיות אונ זיין נטייה וועט ניט זיין נאך אשום חוש פון דיא פינף חושים הגשמיים :

**דער** פינפטער תנאי אין ענין המשפט דער מלך המשיח וועט זיין ארודף צדקה ומשפט אונ ער וועט זיין אבעל משפט ניט דוקא צווישין זיין פאלק אליין נאר צווישין דיא אלע פעלקער אויך אונ ער וועט וויסין איטליכע זאך וויא דער אמת איז בדרך נבואה ורוח הקודש וויא ווייט דער געטליכער גייסט וועט רוען אויף איהם אונ ער וועט משפטין מיט צדק דיא ארימע לייט אונ וועט שטראפין מיט רעכטפארטיקייט צו דיא עניי ארץ אונ אכל שכן צו דיא עשירים וגדולי הארץ אונ ער וועט דער שמעקין ווער עס איז אירא ה' :

**דער** זעקסטער תנאי אז עס וועט זיך גיפינען ביא דעם מלך המשיח דעם פעל הנסים והנפלאות

הטבע כי בסבת דבקותו באלהיו ובכח נבואתו יעשה אותות ומופתים :

**התנאי** השביעי רוב השלום שיהיה בארץ בימיו. והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו ולא יהיה חמס ו... בארץ ולא יהיה בין בני אדם חלוף אמונות ועי"ז יתבטלו המלחמות ולא ירעו איש לאיש :

**התנאי** השמיני שידרשו העמים למלך המשיח ויכנעו תחת ידו וכולם יביטו בו וילמדו ממעשיו וילכו באורחותיו והיתה מנוחתו כבוד :

**התנאי** התשיעי שימצא במלך המשיח היא שיקבץ נפוצותינו ויבואו נדחי ישראל והם עשרת השבטים שהגלם מלך אשור ולא שבו עד הנה וגם נפוצות יהודה שנפוצו בחורבן בית ראשון ובחורבן בית שני כלם יקבצם וימלוך עליהם. ויהיו כולם לעם אחד תוי אחד ולא יחלקו עוד לחילוקים שונים וסרה קנאת אפרים :

**התנאי** העשירי הוא שיעשה השם לימות המשיח נס דומה לקריעת ים סוף שעשה על ידי משה כמו שכתוב והחרים ה׳ את לשון ים מצרים והניף ידו על הנהר בעים רוחו ונזרהו לשבעה נחלים כדי שיעברו בהם הבאים בשעת הגלות שזכר למעלה מאשור וממצרים ומפתרוס וגו׳ באופן שידרכו ישראל בתוך הנחל ההוא בנעלים מבלתי שיחלצם כהולך ביבשה ויהיה הנהר ההוא מסלה דרך סלולה גלויה ומפורסמת לשאר עמו אשר ישאר מאשור כאשר היה ים סוף מסלה ודרך לעבור בו ישראל בעלותם ממצרים. כל זה לקטתי מספר משמיע ישועה מאברבנאל :

**כתוב** בישעיה ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרה. כי נודע ההבדל בין גזע לשורש

והנפלאות וואס ער וועט טוען שלא כמנהג הטבע ווייל ער העט זיין זעהר דבק אין בביכול אונ מיט דעם כח פון זיין נביאות וועט ער באווייזן נסים ומופתים :

דער זיבעטער תנאי אין זיינע יאהרין וועט זיין שלום אויף דער וועלט אונ צדק וועט זיין דער גארטיל פון זיינע לענדין אונ מיוועט נישט רויבין אין לאנד אונ עס וועט נישט זיין קיין פארביטענע אמונות אויף דער וועלט אונ דורך דעם וועלין בטל ווערין דיא מלחמות אונ איינער דעם אנדערין וועט נישט טוען קיין שלעכטס :

דער אכטער תנאי אז דיא אלע פעלקער וועלין פארשטין צום מלך המשיח אונ וועלין ווערין נכנע אונטער איהם אונ אלע וועלין קוקין אויף איהם אונ וועלין זיך אפלערנען פון זיינע מעשים אונ גיין אין זיינע וועגין זיין מנוחה וועט זיין כבוד :

דער ניינטער תנאי וואס דארף זיך גיפינען אין מלך המשיח ער זאל צוא זאמען נעמען איטעדים וויא דיא ישראל זענען צו שפרייט אונ ברענגין דיא נדחי ישראל דיא עשרת השבטים וואס דער מלך אשור האט זייא פאר טריבין אונ זייא זענען נישט קיין גיקומען ביז אהער אונ אלע צו שפרייטונג וויא יהודה איז צו שפרייט גיווארין בייא דעם חורבן בית ראשון אונ בייא דעם חורבן בית שני וועט ער אלע צו זאמען נעמען אונ קיניגין אויף זייא אונ אלע וועלין זיין איין פאלק אונ וועלין שוין נישט זיין צו טעהלט אויף צווייא טעהל :

דער צעהנטער תנאי הקב"ה וועט מאכין לימות המשיח אנס ווס וועט זיין גלייך צו קריעת ים סוף וואס ער האט גיטוען דורך משה ער וועט צו שפאלטין דעם ים אויף זיבין טייכין כדי זייא ז לין דורך גיין אין זייא דיא אלע ישראל וואס וועלין קריג קומען פון די זיבין גלות וואס פריער שטייט מאשור וממצרים ומפתרוס וגו׳ באופן אז דיא ישראל וועלין דורך גיין דעם טייך מיט דיא שיך אונ וועלין נישט דארפין אויס טוען אזוי וויא אויף דיא יבשה אונ דער טייך וועט זיין איין אויס גימערטעטער וועג אנטפלעגט ומפרסמת צוא אלע יודין אזוי וויא עס איז גיוועזין ווען זייא זענען אויף גיגאנגין פון מצרים :

אין ישעיה שטייט אפסוק ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרה. עס וועט ארויס גיין

לשורש כי גזע הוא העץ העב הבולט מן האדמה שהעץ הוא יגזע בעצמה נתגדל למעלה מעלה בכל פעם והוא הענף האמצעי שהוא עבה מכל הענפים של האילן וממנו מתפשטים הענפים לכל צד. ושורש הוא מה שטמון בארץ תחת האדמה; והענף האמצעי נקרא חוטר. ונצר הוא ענף דק היוצא מהשורש לאחר שכבר נקצץ האילן ואין זכר לעץ דק מה שהשורש נשאר בקרקע ברוב הימים צומח ענף מחדש מהשורש והוא דק וחלוש בעת צמיחתו בתחילתו עד שנתגדל ונתעבה ונעשה גזע ואילן חדש. והנה בענין משיח יש שני אופנים כמו שניבא ישעיה אני ה' בעתה אחישנה ודרשו חז"ל זכו אחישנה לא זכו בעתה כי אופן של אחישנה תלוי ביד ישראל אם יזכו בתשובה ובמע"ט או יבוא משיח לפני הזמן וכל יומא זמנו. היום אם בקלו תשמעו. והוא אפשרות. אמנם יש אופן של בעתה שהוא הזמן הקצוב מתחלת הבריאה ושמו של משיח קדמה להבריאה וזה הזמן של בעתה הוא מוכרח כי בלא זה כל הבריאה הוא לבטלה גם נתינת התורה ונסי מצרים וכהנה דכלם היו. בשביל התכלית והיתה לה' המלוכה ואז ישמחו השמים ותגל הארץ וישמח ה' במעשיו ולכן מתחלת הבריאה קץ שם לחשך יהיו ישראל איך שיהיו ורגע אחד לא יעברנהו ועל שני אופני המשיח האלה ניבא ישעיה שאם יזכו ועדיין הגזע קיים דהיינו מלכות בית דוד עודנו באבו כמו בימי יחזקיה וכדומה שאר מלכים מבית דוד יצא ממנו החוטר שיגבה למעלה ויהיה המלך ההוא משיח. או שלא

יזכו

צאשפּעקין פון װארצל ישי און אצוױיג פון זײנע װארצלען װעט װאקסען. דער חילוק צװישען גזע און שורש אין גזע איז דער פּײען װאס שטעקט ארױס פון דיא ערד בשעת מען שנײט אפּ דעם בױם װאס פון דעם פּײען װאקסט ארױס נאך אמאהל צװײגען און עס װערט נאך אמאהל א בױם. און שורש איז פון אױבען אױף דיא ערד איז נישטא שױן קײן שום צײכען פון א בױם נאר אונטער דיא ערד איז נאך דא װארצלען װאס פון זײא קאן אמאהל װײטער ארױס װאקסען צװײגען. חוטר װערט גערופען דער בױם פון די מיט װאס אױף איהם װאקסען דיא צװײגען. און נצר װערט גערופען א דינער צװײג װאס װאקסט פון װארצל ארױס װען דער בױם װערט אפּ געהאקט און עס איז פון איהם קײן זכר נישטא און דער צװײג װאס װאקסט פון װארצל איז זײער דין און שװאך װען ער הײבט אן צו װאקסען דר נאך װערט ער אלע מאל גרעבער און גרעבער און װערט א נײער בױם. אין דעם ענין משיח איז דא צװײא אופנים װיא ישעיה זאגט נביאות. אז ער קאן קומען פאר דיא צײט. און אז ער װעט קומען װען דיא צײט װעט זײן. נאר װיא דער זכות פון ישראל װעט זײן אין דער אופן פון אחישנה פאר דיא צײט װענט זיך בײא דיא ישראל באלד זײא װעלין זוכה זײן בתשובה ומע"ט װעט ער קומען פריער. אבער דער אופן פון בעתה אין דיא צײט װען עס איז אױס גיזעצט גיװארין פאר בריאת עולם און דער נאמען פון משיח אױך פאר בריאת עולם דער אופן איז שױן אמוכרח ער מוז זײן װארום באלד נישט איז דיא גאנצע בריאה. העולם לבטלה דעסט גלײכין דיא תורה מיט דיא נסי מצרים דאס איז אלץ גיװעזין צוא ליב דעם תכלית והיתה לה' המלוכה און דענסמאהל װעט זײן ישמח ה' במעשיו דריבער האט השי"ת באלד מתחלת הבריאה גיגעבין אקץ צום חשך הגלות װי אזױ דיא ישראל װעלין זײן װעלין זײא װערין אױס גילײזט און אײן רגע װעט נישט אריבער זײן. און אױף דיא צװײ אופנים פון משיח האט ישעיה נביאות גיזאגט אז װיא באלד זײא װעלין זוכה זײן און דער פּײען פון בױם װעט נאך זײן קענטיג דהײנו מלכות בית דוד װעט נאך זײן און זײן פרוכט אזױ װיא יחזקיהו המלך'ס צײט און דעסטגלײכין אנדערע מלכים פון בית דוד װעט ארױס גײן דער חוטר און װעט זיך הײבין ארױף אין דער הײך און ער װעט זײן דער מלך המשיח. אבער אז זײא װעלין נישט זוכה זײן און עס װערט

אונזער

זכו ויעברו עדן ועדנים לאחר ביטול מלכות בית דוד רק זה לא ימנע שישאר השורש כי כבר נשבע השי"ת על זה כמש"ה אחת נשבעתי וגו' זרעו לעולם יהיה והוא טמון ונעלם כמו השורש במעבה האדמה ובהגיע תור העת של הגאולה אז יפרה נצר משורש ויהיה מחדש להצמיח מלכות בית דוד והנה החילוק בין שני אופנים אלו שבאופן של זכו שיבוא משיח קודם העת הקצוב אז נקרא המשיח בשם משיח ישראל כי ישראל פעלו במעשיהם הטובים להמשיך כל היעודים הטובים והם אשר גרמו להאיר במעשיהם הטובים את נשמת משיח לחזקו ולאמצו ולכן כל הטובות והישועות של שני משיח מיוחס לישראל אך אם יהיה בעתו אז יהיה נקרא משיח ה'. והנה סברת הלל היה אשר כל הנבואה של אחישנה היה דוקא על יחזקיהו כמו שניבא ויצא חוטר מגזע ישי שעדיין מלכות ב"ד קיים. אך כאשר לא זכו אז וגרם החטא שהוא לא היה משיח אז צריך דוקא להמתין על בעתה וכל היעודים הטובים שיהיו הוא מה שמוכרחים להיות ויתנשא מלכות שמים ויהיו אז לישראל כל טוב הנה הטוב הזה אינו מיוחס לישראל רק שיהיה ממילא דהא הם לא עשו את הדבר הזה ואינו נקרא על שמם ולא כח ידם עשו את החיל הזה וע"כ אמר ר' הלל אין משיח לישראל המשיח לא יהיה מצד ישראל בזכותם שכבר אכלוהו בימי חזקיהו שאז היו יכולים לזכות שיהיה בזכותם ורב גידל אמר עתידין ישראל דאכלו שני משיח ר"ל שלהם מיוחס שני משיח ולאפוקי מר' הילל וגם כעת

יוכלו

אַוועק גײן פיל צײַטן און מלכות בית דוד וועט שוין זײַן בטל נאר דאס ווערט נישט פאר מיטן אַז דער שורש בלײַבט איבער וואָרום הקב"ה האָט געשוואוירן דאַרויף ווי עס שטייט אחת נשבעתי בקדשי אם לדוד אכזב וגו' זרעו לעולם יהיה נאָר ער איז באַהאַלטן און פאַר הוילן אַזוי ווי דער וואָרצל אין דער ערד און אַז עס וועט קומען די צייט פון די גאולה וועט אַרויס וואַקסן אַ דינער צווייג פון וואָרצל און עס וועט אָן הייבן אויף דאס נאייע צו שפּראָצן מלכות בית דוד. און דער חילוק איז פון די ביידע אופנים פון משיח אַז אין דעם אופן פון זכו אחישנה ווערט גירופן משיח דער משיח פון ישראל ווייל ישראל האָבן גיוועקט מיט זייערע מעשים אַז ער זאָל קומען און אַריין לײַכטן מיט זייערע מעשים טובים די נשמה פון משיח צו שטאַרקן איהם און צו פעסטן איהם און אַראָפּ צו ציהען אַלע גוטע הבטחות. דריבער וועט אַלע טובות און ישועות פון די יאָהרען משיח וועט זײַן מיוחס צו די ישראל. אָבער אַז עס וועט זײַן בעתו וועט ער ווערן גירופן משיח ה. ר' הללס סברא איז אַז די נבואה פון אחישנה איז גיוועזן דוקא נאָר אין דער צייט ווען יחזקיהו איז גיוועזן מלך און מלכות בית דוד איז גיוועזן קיים אויף איהם האָט ישעיה גיזאָגט נביאות ויצא חוטר מגזע ישי. אָבער אַז די ישראל האָבן נישט זוכה גיוועזן און דער חטא האָט גורם גיוועזן אַז ער איז נישט גיוועזן משיח דריבער מוז מען שוין וואַרטן אויף דעם קץ פון דעת און פון אַלע גוטע הבטחות וואָס די נביאים האָבן אונז מבטיח גיוועזן איז נאר ווייל עס וועט מוזן זײַן ווייל עס וועט מתנשא ווערן מלכות שמים און די ישראל וועלן האָבן כל טוב אָבער דער טוב איז נישט מיוחס צו די ישראל נאר עס וועט זײַן ממילא ווייל זייא האָבן גאר נישט גיטוהן ווערט דאס נישט גירופן אויף זייער נאָמען ווייל נישט דער כח זייער האָט דאס גיטוהן דריבער זאָגט ר' הלל אין משיח לישראל דער משיח וואָס ער וועט קומען וועט נישט זײַן אין זכות פון ישראל נאר במילא ווייל זייא האָבן שוין לאַנג דעם זכות אָן גיוואוירן אין חזקיהוס צייט ווען זיי זאָלין זוכה זײַן וואָלט ער דענסטמאהל גיוועזן משיח. און רב גידל זאָגט אַז די ישראל וועגען אָן גיבריים אַז זייא זאָלין אויף עסען די יאָהרין פון משיח די יאָהרין פון משיח וועט זײַן מיוחס צו די ישראל נישט אַזוי ווי ר' הלל און אצונד קאָנען אויך די

ישראל

**יוכלו ישראל** לזכות לזה שיהיה נקרא משיח ישראל דהא זכריה שהיה אחר חזקיהו ניבא
הנה מלכך יבא לך הרי מורה באצבע מתיבת מלכך ומתיבה לך שהוא מיוחס לישראל
ג"כ . ואם לא עשו כולה אבל הרבה עשו כי אלהים יחקור זאת כי עליך הורגנו כל
היום וגו' :

**יש** ליתן טעם מדוע חז"ל והתנאים הפחידו אותנו מאד וגילו לנו הצרות רבות ורעות
שיגיעו לנו בעקבות דמשיחא כמו שמצינו הרבה מאמרים במס' סנהדרין ובמס' סוטה.
אם ראית דור שמתרף ומגדף צפה לרגלו של משיח. אם ראית דור שצרות רבות באות
עליו. אין ב"ד בא עד שירבו המסורות . עד שתכלה פרוטה מן הכיס וכהנה דברים
קשים ומרים וכי לא דיינו לצרה בשעתה ודיו לאבל שיעמוד באבלו. אך לברר הדבר
יש להבין ע"פ משל שהיה גביר מפורסם והיה שולחני של המלך והנה הסדר של הגבירים
שיש להם רופא מיוחד שבכל יום ויום הוא מחויב לילך ולבקר את ביתם לראות
מעמד בריאותם בשכר קצוב לשנה והנה הגביר : זה יען שהיה גביר עצום היה לו הרופא
של המלך שהוא היותר גדול מכל הרופאים שהיה בא בכל יום לבקרם אך לא עשה
כלל מחמת שהיו כולם בקו הבריאה. פעם אחת בא לבקר כמנהגו והגביר היה יושב
ומעיין בכתבי חשבנותיו . ויען שהרופא היה מומחה מאד ובראיה בעלמא הבין מהות של
האיש. והבין איך שנכנס חולאת גדול בהגביר מה שהגביר לא הרגיש עדיין מאומה .
והלך הרופא לחדר האחר ששמה היו יושבין בני ביתו של הגביר ומצא שם ג"כ הרבה
אנשים מבני משפחתו של הגביר ואמר להם הרופא תדעו שהגביר יש לו זאת החולי
הנקרא

ישראל זוכה זיין אז ער זאל גירופין ווערין אויף זייער נאמען משיח ישראל ווארום זכריה
הנביא איז גיוועזין נאך יחזקיהו האט ער גיזאגט נביאות הנה מלכך יבא לך ביין מלך
וועט דיר קומען איז פון דעם פסוק גידרונגין אז ער רופט איהם אן אויף דעם נאמען פון
ישראל אויך אונ אפילו זיי האבין נישט גיטוהן אין גאנצין האבין זייא גיטוהן אביסיל ווארום
השי"ת ווייסט אליין דעם אמת כי עליך הורגנו כל היום :

מען דארף געבין אמעם פאר וואס דיא חז"ל מיט דיא תנאים ואמוראים האבין אונז גימאכט
אזוינע שרעק אונ האבין אונז מגלה גיוועזין וויפיל צרות עס וועט זיין בעקבות המשיח
מיט דיא חבלי משיח וויא עס שטייט אין דיא גמרא סנהדרין אין סוף מס' סוטה אונ פיל
ערטער. אז עס וועט זיין אדור וואס וועט מחרף ומגדף זיין אונ צרות רבות וועט זיין אונ
עס וועט זיין מוסרים מיט אפיקורסים . אונ עס וועט אויס גיין אפרוטה מן הכיס אונ נאך
אזוינע פיל מאמרים. צו וואלט דען נישט גינוג גיוועזין דיא צרה ווען דיא צייט וועט זיין
נישט צו וויסין נאך פריער. נאר מיר וועלין דאס געבין צו פאר שטיין ע"פ משל : עס איז
גיוועזין אגביר מפורסים אונ דעם מלך'ס פאדראציק אונ דער סדר פון דיא גבירים איז זיי
האבין זייער דאקטער וואס ער קומט איטליכען טאג צו זייא אהיים פארשטין זייער גיזונד
אונ נעמען דער פאר איין אויס גיזעצטע שכירות פאר איאהר אונ ווייל דער גביר איז גיוועזין
אחשוב ביא דעם מלך איז צו איהם גיגאנגין דער דאקטער פון מלך וואס ער איז דער
גרעסטער דאקטער אונ ער פלעגט קומען צוא איהם אלע טאג אונ ער האט גאר נישט
גיטוהן ווייל זייא זענען אלע גיוועזען גיזונד . איינמאהל איז ער אריין גיקומען אזוי וויא
שטענדיג אונ דער גביר איז גיזעסין ביא זיין קאנטאר ביא זיינע חשבונות . דער רופא
איז גיוועזין אגרויסער מומחה האט ער מיט זיין קוק דער זעהן אויף דעם גביר אז ער האט
באקומען אשלאפקייט אשרעקליך וואס ער שפירט נאר נישט אצונד איז דער דאקטער אריין
גיגאנגען אין אנדערין חדר וואס דארטין איז גיזעסין זיין ווייב אונ קינדער אונ נאך מענשין פון
זיין משפחה זאגט צו זיי דער רופא וויסין זאלט איהר אז דער גביר האט באקומען דאס
שלייפקייט

**תקרא** בלשון הרופאים כך ואיך שזאת החולי אין לה רפואה כלל וטבעה הוא כך **שבעוד**
**שלשה** ימים יאבד התאוה של אכילה ובששה ימים יפול למשכב וכך ילך **החולאת**
**ותהגבר** מיום אל יום עד שיהיה גוסס ואמר להם שלא יפחדו כי היכף לאחר **הגסיסה**
יחזור ויתרפא והוא יבוא תיכף בשעת גסיסה ליתן לו איזה רפואות כדי שיתרפא **מהרה**
**כי** החולאת הזאת כך טבעה שמפיל אותו לגסיסה ואין בטבעה כלל להמית את **החולה**
אך באופן שלא יתנו לו עד הגסיסה שום סם מסמי הרפואה כי מלבד **שלא יש סם**
**בעולם** לרפאות זאת החולי עוד יגרע כי מוכרח החולה למות יען כי טבע של **סמי**
**הרפואה** הוא שמחלישים את הטבע מהחולי ואז אין כח בהטבע לדחות **את החולאת**
**הזו** והנה כששמעו בני ביתו זאת אע"ג שידעו שהרופא הוא מומחה גדול עכ"ז הפיג **לבם**
**מלהאמין** שני פליאות חדא שראו איך שהגביר הוא בקו הבריאות מאד ואינו **מרגיש**
**שום** דבר ושנית מי שמע כזאת שכל זמן שלא יהיה גוסס אין תקוה להתרפאות **ולאחר**
**הגסיסה** יתרפא מה שלא נשמע מעולם דבר כזה ויען שהרופא היה מתיירא **דכשיפול**
**הגביר** למשכב אף שהרופא לא ילך כלל ויסתיר את עצמו מ"מ יש לחוש שיקראו **רופא**
**אחר** שאינו מבין מהות החולאת ליתן לו איזה סם ובזה ימית אותו. הלך הרופא **להמלך**
**וסיפר** לו כל המאורע והדת ניתנה מאת המלך שכל רופא אחר היה מי שיהיה **כשילך**
**אל** הגביר הזה אחת דתו להמית ויהי אחר עברו שלשה ימים אבד הגביר **תאות האכילה**

וירוצו

שלאפקייט וואס מען רופט דאס אזוי מיט דעם נאמען. און דאס שלאפקייט האט **נישט**
קיין שום רפואה נאר דיא טבע פון דעם שלאפקייט איז אזוי אין דרייא טאג ארום **וועט**
ער אן ווערין דעם אפעטיט פון עסען און דרייא טאג שפעטער וועט ער זיך לעגין **צוא**
בעט און אזוי וועט ווערין דאס שלאפקייט אלע מאהל שטארקער פון טאג צוא טאג **ביז**
ער וועט זיין אגוסס נאר ער זאגט צו זייא איהר זאלט זיך נישט שרעקין ווארין תיכף **ווי**
ער וועט זיין אגוסס וועט ער ווערין געהיילט און ער וועט קומען נאך דער גסיסה **צוא**
געבין איהם עטליכע רפואות כדי ער זאל געהיילט ווערין געשווינד ווייל דאס **שלאפקייט**
איז אזוי דיא טבע אז עס ווארפט אריין אין אגסיסה נאר נישט צוא ברענגען **צום טויט**
**נאר** באופן אז מיזאל איהם נישט געבין ביז דיא גסיסה קיין שום רעצעפט **פון דיא**
רפואות ווייל חוץ דעם אז עס איז נישטא קיין שום רפואה אין דער וועלט **צוא דעם**
שלאפקייט נאר עס מאכט נאך ערגער און ווייל דער חולה וועט מוזין שטארבין **ווייל דיא**
**טבע** פון דיא רעצעפטין זייא שוואכין אפ דעם שלאפען און אז עס קומט דיא צייט **וואס**
דאס שלאפקייט דארף ברעכין האט דיא טבע נישט קיין כח אפ צו שטויסין דאס **שלאפקייט**.
ווייא זיין בני בית האבין דאס דער הערט חאצבי זייא האבין געוויסט אז דער **רופא איז**
אמומחה גדול פון דעסטוועגין האבין זייא נישט געקאנט גלייבין מחמת צווייא **וואונדער**
איינמאהל ווייל זייא האבין געזעהן דער גביר איז אצונד אין גאנצין געזונד און **ער פילט**
גאר נישט קיין שום שלאפקייט און דאס אנדערע ווער האט אזוינס געהערט אז כל **זמן אז**
מען איז נישט קיין גוסס איז קיין האפנונג נישטא צו קיין רפואה און נאך דער גסיסה **וועט**
ער ווערין געהיילט אזוינס איז נישט געהערט געווארין קיין מאהל און דריבער **ווייל דער**
**רופא** האט מורא געהאט אז דער גביר וועט ווערין שלאף חאצבי דער רופא וועט **נישט גיין**
**און** ער וועט זיך באהאלטין פון דעסט וועגין איז אמורא אז זייא וועלין רופין **אנאנדערין**
**רופא** וואס ער פאר שטייט נישט דאס שלאפקייט וועט ער איהם געבין ארעצעפט **און דער**
**מיט** וועט ער איהם טייטין. איז דער רופא געגאנגען צום מלך און האט איהם **דער ציילט**
**דיא** מעשה האט דער מלך ארויס געגעבין אבאפעל אז וועלכער רופא עס וועט **גיין צום**
**גביר** וועט איהם קומען מיתה ווייא עס איז אוועק דרייא טאג האט דער **גביר אן**

גיווארין

רדתו כולם אל הרופא הגדול שיבוא אבל הוא הסתיר א"ע חדר בחדר וסצוה לומר שהרופא איננו בביתו ואח"כ כשבא יום הששי נפל למשכב והלכו אל הרופא בחרי אף תעקו הלא כמה זהב לקח מהגביר כתנם ועתה שנצרכים לו הסתיר א"ע והלכו לקרוא לרופא אחר ולאיזה רופא שבאו השיב להם אם יתן לו את כל הון ביתו לא אלך כי יש גזרת המלך עד שנתייאשו מלילך עוד לבקש רופא. פקח אחד היה שם ויען ויאמר הלא אתם רואים גודל המחאתו של הרופא והאיך שידע מהתחלה מה שיהיה עם הגביר בעוד ששום אדם לא הרגיש ולא עלה על לבו לומר שיש איזה חולאת בו ועתה אנו רואים שכל מה שאמר כן הוא ולכן יש לקוות ולצפות שיבא הגסיסה ואז בא יבא הרופא ובוודאי יתרפא והנה הגביר בכל יום ויום נתגבר החולי כמו שאמר הרופא. התחילו כולם לקוות על יום הגסיסה וכאשר בא היום שהתחיל הגסיסה פתחו ואמרו זה היום שקוינוהו מצאנו ראינו. עוד הם מדברים והנה הרופא הגדול בא ואמר להם התיצבו וראו את ישועת ה' כי בעוד שלשת ימים יהיה בריא וחזק. והנה כל העם שלא שמעו מקודם דברי הרופא כששמעו שהגביר הוא גוסס נתייאשו ממנו כי איך יעלה על הלב שחולה, כ"כ זמן הרבה והוא עכשיו גוסס שיחיה עוד וכל זה היה מחמת שלא דרשו את הרופא מקודם אמנם כל מי ששמע דברי הרופא אדרבה כששמע שהוא גוסס היה לו לשמחה. והנמשל מובן כי הנביאים והתנאים שהמה רופאי הנפשות מתחילה כשהית

הבהמ"ק

געווארין דעם א פעטיט פון עסען וועגען אלע געלאפין צום רופא אז ער זאל קומען. ער האט זיך אבער באהאלטען חדר בחדר אונ האט געהייסין זאגין אז ער איז נישטא דער נאך וויא עס איז געקומען דער זעקסטער טאג האט ער זיך געלייגט אין בעט אריין וועגען זיא ווייטער געלאפען צום גרויסען דאקטער מיט גרויס כעס אונ האבין געשריגין ער נעמט אזוי פיל געלד פון גביר בחינם אונ אצונד בעת צרה באהאלט ער זיך וועגען זייא אלע געגאנגין צו אנאנדערען רופא אונ צו וואסערען רופא זיי וועגען געקומען האט ער געענטפערט ווען איהר זאלט מיר געבין אפילו זיין גאנץ פאר מעגען וועל איך נישט גיין ווייל עס איז אבאפעהל פון מלך ביז זייא האבין זיך שוין מייאש געוועזען צו רופען ארופא. דארטין איז געוועזין אקלוגער מענש ענטפערט ער צוא זייא אונ זאגט איהר זעהט דאך אלע וויא אגרויסער מומחה דער רופא איז וויא אזוי ער האט פריער געוויכט וויא אזוי עס וועט זיין מיט דעם גביר בשעת אז קיין מענש האט נאך נישט געוויסט אונ מען האט גאר נישט געקלערט אז דער גביר האט איין שלאפקייט אונ אצונד זעהן מיר אז אזוי וויא ער האט געזאגט איז ריכטיג דריבער דארפען מיר ווארטין אונ האפען אז עס זאל קומען דיא גסיסה דענסטמאהלט וועט דער רופא קומען אונ ער וועט בוודאי געהיילט ווערין. דער גביר איז אזוי אלע טאג געווארין שטארקער שלאף וויא דער רופא האט געזאגט האבין אלע אן געהויבין צו האפען אויף דיא גסיסה וויא עס איז געקומען דער טאג וואס ער האט שוין גיטו עת האבין אלע געזאגט אט דעם טאג האבין מיר געהאפט אונ אצונד זעהן מיר איהם שוין. וויא זייא רעדען אונ דער גרויסער רופא איז געקומען אונ זאגט צו זייא שטייט אונ זעהט דיא ישועה פון גאט אז אין נאך דריי טאג ארום וועט ער ווערין געזונד אונ שטארק. דער גאנצער עולם וואס האבין נישט געהערט דיא רייד פון דעם רופא וואס ער האט געזאגט פריער וויא זייא האבין געהערט אז דער גביר איז גוסס האבין זייא זיך מייאש געוועזען פון איהם ווארום וויא אזוי קאן דאס זיין אז ער איז געוועזין אזוי לאנג שלאף אונ אצונד איז ער אגוסס זאל ער נאך לעבין אונ דאס איז אלץ ווייל זייא האבין נישט געפארשט דעם רופא פריער. אבער דער וואס האט געהערט דעם רופא וואס ער האט פריער געזאגט איז אדרבא וויא ער האט געהערט אז דער גביר ווערט גוסס איז ביי איהם געוועזען. דיא

גרעסטע

הבהמ"ק כיש יפד"ע להם הנביא ציון שדה תחרש וגו' והם לא האמינו אדרבא צחקו על דברי הנביאים באמרם ימהר יחישה מעשהו וכן התנבא זכריה הנביא וכן התנאים מה שידוע בפיה בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגי וגו' הנערים ילבינו פני זקנים וגו' פני הדור כפני הכלב וכו' אם ראית דור שמחרף ומגדף וכו' והנה הרשעים כשרואין שבזמן הזה נתקלקל הדור הם מהתלים שאיך יבא משיח בן דוד בדור הזה אבל אדרבה כמו שראינו שכל מה שאמרו הנביאים והתנאים כן הוא נתקיים כלו והם אמרו שאחר הגסיסה יבא משיח כמו בעוה"ר שנתרבו המינות בעולם איש הישר בעיניו יעשה ואין תוכחה ולכן אצלנו נתחזק אמונת המשיח יותר ויותר ואין לך קץ מגולה כזה שאמר זכריה הנביא לפני הימים ההם (קודם ביאת המשיח) שכר האדם לא נהיה ושכר בהמה איננה וליוצא ולבא אין שלום מפני הצר. ר' שמואל אמר עד שיהיו כל השערים שקולים. והנה עכשיו אנו רואים איך שנתקיימו הכל כי מתחלה היו צריכים אנשים למלאכה ולעבודה למאות ולאלפים ועתה שנתגלו המכונות והמאשינען בעולם ומסילת הברזל מה שהיו צריכים מאות אנשים לעבוד די בשנים וחורשים וקוצרים ודשים הכל עם המאשינען ולא יש שכר האדם ושכר בהמה ומלפנים כשהיה השער של צמר או תבואה וכהנה ביוקר במדינה

גרעסטע שמחה. הנמשל דיא אלע נביאים מיט דיא תנאים ואמוראים זייא זענען אונזערע דאקטוירים רופאי הנפשות פריער אז דער בהמ"ק איז געוועזין האט דער נביא זייא מודיע געוועזען ציון שדה תחרש אז ציון וועט צו אקערט ווערין וויא אפעלד אונ זייא האבין נישט גיגלייבט אדרבא זייא האבין גישריגין אויף דיא נביאים אונ האבין גיזאגט ימהר יחיש מעשהו זאל ער איילין זיינע מעשים. זכריה הנביא האט גיזאגט נביאות וואס עס וועט זיין פאר שלעכטס פאר ביאת המשיח דיא תנאים האבין אויך אונז מודיע געוועזען וואס פאר אצרות עס וועט זיין אונ זייא דער דור וועט קאלע ווערין מיט חוצפה ועזות ומוסרים ואפיקורסים אונ נאך פיל זאכין. דריבער דיא רשעים אז זייא זעהן דיא היינטיגצייטין וויא דיא וועלט איז גיווארין איבער גיקעהרט אונ דיא דורות זענען זעהר קאלע גיווארען איז בייא זייא בהסכמה אז משיח רעט שוין נישט קומען אונ דריבער שפעטען זייא דער פון. אבער אדרבא מיר יודין אז מיר זעהן אז אלץ וואס דער נביא אונ דיא אלע תנאים האבין גיזאגט איז מקוים גיווארין אזוי ווערט בייא אונז מיין פאר פעסטיגט דיא אמונה פון ביאת המשיח ווייל זיי האבין אזוי גיזאגט אז נאך דיא גסיסה אז דער דור וועט זיין אזוי וויא אגוסס אזוי וויא בעוה"ר וואס איז נתרבה גיווארין מינות ואפיקורסים איטליכער טוט וויא איהם גיפעלט אונ עס איז נישטא ווער זאל שטראפין ווערט בייא אונז נתחזק ביאת המשיח אז ער וועט בודאי קומען אונ עס איז נישטא קיין בעסערער צייכען אז עס איז לעבען דעם קץ ווי זכריה האט גיזאגט אז (לפני הימים ההם) פאר דיא טעג פון ביאת המשיח (שכר האדם לא נהיה) קיין פאר דינסט פון מענטשין וועט נישט זיין (ושכר הבהמה איננה) אונ קיין פאר דינסט פון אבהמה איז נישטא (וליוצא ולבא אין שלום) אונ צו דעם וואס גייט ארויס אונ קומט אריין איז נישט קיין שלום (מפני הצר הצרר) פאר דעם צר וואס באלענערט. ר' שמואל אמר עד שיהיו כל השערים שקולים. ביז עס וועט זיין אלע מערק גלייך גיוואגין. אצונד זעהן מיר אז דאס אלץ איז שוין מקוים גיווארין. פריער האט דיא וועלט באדארפט מענשין צו דיא ארבייט אונ הונדערטער אונ טויזנדטער מענשין האבין גיארבעט איין מלאכה אין עבודת השדה אונ אצונד וויא עס איז ארויס גיקומען מאשינען מיט באנען וואס הונדערט מענשין האבין באדארפט ארבייטען איז גינוג מיט צווייא מענשין אונ צום אקערין מיט שניידין אונ דרעשין איז אלץ מיט מאשינען איז שוין נישטא קיין פאר דינסט פאר מענשין אונ נישט פאר בהמות. אונ פריער אז דער מארק פון וואגל אדער

**פריגה ז** אבל במדינה אחרת לא היו יודעין ושם היה השער בזול והובילו אנשים סוחרים ממקום הזול למקום היוקר וזה קנה מזה וזה מזה ובולם הרויחו אבל עכשיו שיש טעלעגראף וע"י קוי הטעלעגראף מודיע ברגע אחת בכל העולם השער והמקח והמחיר של כל מיני סחורות וכל הסחורות בכל השערים שקולין ושווים בכל המדינות ועי"ז פסקה השכר. איש אחד מתעשר עד מאד ורוב האנשים אין להם במה להרויח ולהשתכר. וכן במה שאמרו שלא יהיה שלום בין התלמידי חכמים ראה אחי האיך שנתקיים הדבר ואין לשער גודל הקטגוריא שנפל עכשיו בין הת"ח והצדיקים וכל אחד מבזה ומקלל את חבירו וזה אשר היה בעוכרנו שאבדנו כל הטובות בשביל שנאת חנם והמחלוקה כפ"ש חז"ל ביומא בהמ"ק ראשון מפני מה חרב וכו' ובהמ"ק שני וכו' מפני שנאת חנם וכו' ללמדך ששקולה שנאת חנם כג' עבירות חמורות וגו' ואמר ר"א מאי דכתיב מגורי אל חרב אלו בני אדם שאוכלים ושותים זה עם זה ודוקרים זה את זה בחרבות שבלשונם וכו'. ע"כ העתקתי מספר עדות ביעקב הנקרא ג"כ בינת יעקב חלק שלישי מספר מל אורות בנעילה שערים:

**איתא** ברמב"ם הלכות מלכים פרק אחד עשר המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה. ובונה המקדש. ומקבץ נדחי ישראל. וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיה מקודם. מקריבין קרבנות. ועושין שמטות ויובלות ככל

אדער פון תבואה אונ דעסט גלייכין איז געוועזין אויף איין ארט אין דער מדינה טייער אין אנאנדערע מדינה איז אבער געוועזען דאס זין וואלוויל האבין סוחרים גיפיהרט דיא וואל אדער דיא תבואה וכהנה פון דעם ארט וויא עס איז וואלוויל אין דיא מדינה אהיין וויא עס איז טייער אונ האבין מרויח געוועזין אונ איינער האט געקויפט ביים דעם אנדערען אזוי האבין אלע סוחרים פאר דינט אונ אלע דער ביים מענשין טעלעגערם טעקלעגרם וכהנה אבער אצונד אז עס איז אטעלעגראף וואס ער איז מודיע באלד אין איין רגע אויף דער גאנצע וועלט דיא צענע אונ דעם קורס פון איטליכעם מין סחורה אונ דריבער קאסטין אלע סחורות אומעדום אין אלע מדינות גלייך דורך דעם לויגט שוין נישט דא סעדרים צו האנדלין אונ צוא פירין סחורות פון איין ארט אויף דעם אנדערען ארט. נאר איינער קאן ווערין מעשר זעהר שרעקליך אונ דאס רוב סוחרים זענען ארומע לייט אונ האבין נישט מיט וואס צו פאר דינען. דעסט גלייכין וואס דיא גמרא דרשית אז עס וועט נישט זיין קיין שלום צווישין דיא תלמידי חכמים איז אויך מקוים געווארין אונ עס איז אצונד גרויסע קטיגוריאס צווישין תלמידי חכמים אונ דיא צדיקים אונ איינער איז מבזה דעם אנדערין אונ דריבער האבין מיר אן געווארין כל הטובות איבער שנאת חנם ומחלוקת אונ דריבער איז חרב געווארין דער בית שני ווייל דאס איז ארבער פון דיא דרייא עבירות ג"ע ש"ד ע"ז ר' אליעזר זאגט וואס מיינט דער פסוק מגורי אל חרב. דאס זענען דיא מענשין וואס עסען אונ טרינקען איינער מיט דעם אנדערען אונ שטעכין זיך איינער דעם אנדערען מיט דיא שווערדין פון זייערע צונגען אונ אזוי זענען דיא אלע סימנים וואס אונזערע הייליגע גמרא רעכינט אויס וואס וועט זיין פאר ביאת הגואל איז שוין אלץ מקוים געווארין עס פעלט שוין גאר נישט נאר אז משיח זאהל קומען אונ ער וועט בוודאי קומען לא יאחר ער וועט זיך שוין נישט לאנג פאר זאמען נאר במהרה בימינו אמן:

אין רמב"ם הלכות מלכים פרק אחד עשר. דער מלך המשיח וועט לעתיד אויף שטיין אונ קריג ברענגין מלכות בית דוד וויא עס איז געוועזין פריער ביי דיא ערשטע ממשלה אונ וועט בויען דעם בית המקדש אונ וועט צו זאמען נעמען נדחי ישראל. אונ עס וועט קריג רעגירין דיא אלע משפטים על פי התורה וויא עס איז געוועזין פריער. וועלין

ככל מצותה האמורה בתורה. וכל מי שאינו מאמין בו. או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים לבד הוא כופר אלא בתורה ובמשה רבינו. שהרי התורה העידה עליו אראנו ולא עתה זה דוד אשורנו ולא קרוב זה מלך המשיח. דרך כוכב מיעקב זה דוד וקם שבט מישראל זה מלך המשיח וכו'. וקרקר כל בני שת זה המלך המשיח שנאמר בו ומשל מים עד ים וכו' ואל יעלה על דעתך שהמלך המשיח צריך לעשות אותות ומופתים ומחדש דברים בעולם או מחיה מתים וכיוצא בדברים האלו אין הדבר כך וכו'. אלא אם יעמוד מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כדוד אביו כפי תורה שבכתב ושבעל פה ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה. וילחם מלחמות ה'. הרי זה בחזקה שהוא משיח. אם עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל הרי זה משיח בודאי. ויתקן את העולם כולו לעבוד את ה' ביחד שנאמר כי אז אהפוך אל העמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד: פרק שנים עשר: ואל יעלה על הלב שבימות המשיח יבטל דבר ממנהגו של עולם או יהיה שם חידוש במעשה בראשית אלא וכו' ויהיו ישראל יושבין לבטח עם העכו"ם וכו' ויחזקו כולם לדת האמת ולא יגזלו ולא ישחיתו אלא יאכלו דבר המותר בנחת עם ישראל וכו' ובתחלת ימות המשיח תהיה מלחמת גוג ומגוג ושקודם מלחמות גוג ומגוג יעמוד נביא לישר את ישראל ולהכין לבם

שנאמר

און מיועט מקריב זיין קרבנות. און מיוועט מאכין שמיטות און יובלות אזוי וויא דיא מצוה וואס שטייט אין דיא תורה. און דער וואס גלייבט נישט אין איהם. אדער ער האפט נישט צו זיין קומען. דער מענש נישט ער לייקנט אין דיא נביאים אליין נאר ער לייקנט אין די תורה אין משה רבינו: ווייל דיא תורה זאגט עדות אויף איהם. אראנו ולא עתה. איך זעה איהם דוד נאר נישט אצונד. אשורנו ולא קרוב איך קוק אויף איהם דעם מלך המשיח נאר נישט נאהנט. דרך כוכב מיעקב עס וועט טרעטען איין שטערין פון יעקב דאס איז דוד. וקם שבט מישראל און עס וועט אויף שטיין א מושל פון ישראל דאס איז דער מלך המשיח. וקרקר כל בני שת ער וועט אויס ווארצלין אלע קינדער פון שת דאס איז דער מלך המשיח ער וועט מושל זיין מים עד ים וגו'. און זאלסט נישט מיינען אז דער מלך המשיח דארף טוהן אותות ומופתים און מייחן נאייעס אויף דער וועלט אדער ער וועט מחיה מתים זיין און דעסט גלייכין אזויגע זאכין. דיא זאך איז נישט אזויא. נאר עס וועט אויף שטיין א מלך פון בית דוד ער וועט לערנען תורה און זיין עוסק במצות אזוי וויא דוד זיין פאטער וויא דיא תורה שבכתב און וויא דיא תורה שבע"פ און וועט צוויננגען אלע ישראל צו גיין אין דרך התורה און האלטין זיך פעסט אין דיא תורה און ער וועט מלחמה האלטין מלחמות ה'. איז ער אין דיא חזקה אז ער איז משיח וויא באלד ער וועט טוהן און מצליח זיין און וועט בויען דעם בהמ"ק אויף דעם אייגענעם ארט און וועט צו זאמען נעמען אלע ישראל איז ער בודאי משיח און ער וועט מתקן זיין דיא וועלט אין גאנצין צוא דינען גאט אלע בצוזאמען וויא אין פסוק שטייט כי אז אהפוך: דעמאלט וועל איך איבער קעהרין אלע פעלקער זייא וועלין אלע האבין איין לשון הקודש און וועלין רופען מיט גאטס נאמען און דינען אים איין מייל: און מען זאל נישט מיינען אז מלך המשיח וועט מבטל זיין א זאך פון דעם מנהג פון דיא וועלט אדער עס וועט זיין א חידוש במעשה בראשית נאר דיא ישראל וועלין זיצין זיכער מיט דיא עובדי כוכבים ומזלות און אלע אומות וועלין קריג קומען צום דת אמת און מיוועט נישט גזלין און נישט פאר דארבין נאר מיוועט עסען דיא זאך וואס מען מעג בצוזאמען מיט דיא ישראל. אין אן הייב ימות המשיח וועט זיין מלחמות גוג ומגוג און פאר מלחמות גוג ומגוג וועט אויף שטיין א נביא מיישר צו זיין דיא ישראל און אן ברייטין זייערע הערצער וויא עס שטייט

שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אליהו וגו' ואינו בא אלא לעשות שלום בעולם וגו' וכ"ס המלך המשיח כשתתיישב ממלכתו ויתקבצו אליו כל ישראל יתייחסו כולם על פיו ברוח הקודש שתנוח עליו שנאמר וישב מצרף ומטהר וגו' ובני לוי מטהר תחלה ואומר זה מיוחס כהן וזה מיוחס לוי. ודוחה את שאינן מיוחסין מישראל וכו' וברוח הקודש מייחסין המוחזקין ומודיעין המיוחס, ואינו מייחס ישראל אלא לשבטיהם. שמודיע שזה משבט פלוני וזה משבט פלוני. אבל אינו אומר על שהן בחזקת כשרות זה ממזר וזה עבד שהדין הוא שמשפחה שנטמעה נטמעה. לא נתאוו חכמים ימות המשיח לא כדי שישלטו על כל העולם. ולא כדי שירדו בעכו"ם. ולא כדי שינשאו אותם העמים. ולא כדי לאכול ולשתות ולשמוח. אלא כדי שיהיו פנוים בתורה וחכמתה. ולא יהיה להם נוגש ומבטל. כדי שיזכו לחיי העולם הבא. ובאותו הזמן לא יהיה שם לא רעב ולא מלחמה. ולא קנאה ולא תחרות, שהטובה תהיה מושפעת הרבה. וכל המעדנים מצוין כעפר ולא יהיה עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד. ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים: סליק

ראיתי לכתוב כאן. כמה פעמים ואיזה מקומות נרמז בתורה חורבן הבית וגלות ישראל וד' מלכיות וגאולת ישראל וביאת המשיח בבי"א:

א מיד בפסוק ראשון בראשית ברא וכו' יש ששה אלפין בפסוק נגד ששת אלפים שנה דהוי עלמא ובאלף האחרון יהיה הקץ. כי כן נרמז באלף של תיבה הארץ שהיא האלף האחרונה ספני שבהיבת הארץ נרמז קץ של דניאל דכתיב ומעת הוסר התמיד וגו' ימים אלף מאתים תשעים והוא ר"ת של ארץ אלף ר' צ':

גם

הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא. ער וועט נישט קומען נאר צוא מאכען שלום אויף דער וועלט אין משיחס צייט אז זיין מלוכה וועט ווערין באזעצט אונ אלע ישראל וועלין צו זאמען קומען צוא איהם וועלען זיך אלע מייחס זיין צו איהם מיט דעם רוח הקודש וואס וועט רוען אויף איהם אונ ער וועט זאגין ווער עס איז א כהן ווער עס איז א מיוחס א לוי אונ דיא וואס זענען נישט קיין מיוחסים מישראל וועט ער מדחה זיין מיט רוח הקודש וועט ער מייחס זיין דיא מוחזקין און וועט מודיע זיין ווער עס איז מיוחס אונ ער וועט מייחס זיין דיא ישראל נאר צו זייערע שבטים ער וועט זאגין ווער עס איז משבט ראובן ווער משבט שמעון וגו' אבער ער וועט נישט זאגין אויף דיא וואס זענען בחזקת כשרות אז דער איז א ממזר. א עבד. ווייל דער דין איז דיא משפחה וואס האט זיך פאר מישט אפשר איז פאר פאלין. אונזערע חכמים האבין נישט געגלוסט צו ימות המשיח כדי זייא זאלין געוועלטיגין אויף דיא גאנצע וועלט אונ נישט כדי זייא זאלין געוועלטיגין אויף דיא אומות. אונ נישט כדי דיא גוים זאלין זייא האלטין גרויס אונ נישט כדי זיי זאלין עסען אונ טרינקען אונ פרייען זיך. נאר כדי זייא זאלין זיין לעדיג אונ צייט האבין עוסק צו זיין אין חכמת התורה זייא זאלין נישט האבין קיין נוגש ומבטל כדי זייא זאלין זוכה זיין צו עולם הבא אין דער צייט וועט נים זיין קיין הונגער קיין מלחמה קיין קנאה ותחרות אונ דיא טובה וועט זיין מיט פיל השפעה אונ אלע מעדנים וועלין זיין וויא ערד אונ דיא גאנצע וועלט וועט נישט האבין קיין אנדער עסק נאר צו דינען גאט אליין דריבער וועלין זיין דיא ישראל גרויסע חכמים אונ וועלין וויסין סודות התורה אונ וועלין משיג זיין דעם בורא עולם וויא ווייט דער כח פון מענש איז וויא עס שטייט כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים בב"א: סליק

# לזכרון בהיכל ד'

לזכר עולם יהיה נשמת אבי מורי ר' **משה** ב"ר חיים ראובן ז"ל, שנלב"ע י"ט שבט תש"ז. נשמת אמי מורתי מרת **עסי מירעל** בת ר' אהרן ע"ה, נלב"ע כ' מנחם אב תשי"ז. המי ר' **יצחק דוב** ב"ר משה ז"ל, נלב"ע י"ג אייר תש"ט, תנצב"ה.

בנם וחתנם המוציא לאור הספר הזה.

* * *

לזכר עולם יהיה נשמת ר' **בנימין** בן משה ז"ל, תנצב"ה.

* * *

לזכר עולם תהיה נשמת **חנה בריינע** בת ר' יעקב, נלב"ע כ"ח כסלו, תנצב"ה.

* * *

לזכר עולם יהיה נשמת **יוסף לייב** בן בנימין ז"ל, נלב"ע י"א טבת, תנצב"ה.

דאָס ספר און אויך אַנדערע ברסלבר ספרים קען מען באַקומען:
ביי הרב אהרן גלידמאַן, 146 ווילסון סטריט, ברוקלין ניו יאָרק.

# הקדמה

אַזוי ווי מיר גיבען אַרויס דעם ערשטען טייל פון דעם הייליגען ספר „אחרית הימים", וואָס דאָס ענטהאַלט גאָר אַן אַלטען כתב-יד פון איינעם פון די ראשונים, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען פון גאַנץ ש"ס בבלי און ירושלמי, און פון מדרשים, און פון דעם הייליגען ספר הזוהר, און פון נאָך הייליגע ספרים, וואָס עס ווערט דאָרטען אַרומגערעדט פון משיח צדקינו שיבא במהרה בימינו אמן, מיט אַלס וואָס עס וועט פאַסירען אין די דאָזיגע זמנים. און ביי דעם ענדע פון דעם ספר האָבען מיר צוגעשטעלט וואונדערליכע מעשיות ועובדות מרבינו הקדוש צדיק יסוד עולם האדמו"ר ר' נחמן מברסלב זצוקללה"ה זיעוכי"א, ותלמידיו הקדושים ז"ל. און דאָס אַלס וועט מעורר זיין די לייענערס צו אמונה אין ביאת המשיח בב"א און צו תשובה און יראת שמים און מעשים טובים, און צו שטרעבען צוגיין אין זייערע הייליגע וועגען. אַזוי ווי עס איז באַוואוסט פון הייליגע ספרים, אַז מיט דערציילען מעשיות פון צדיקים און מזכיר זיין זייערע הייליגע נעמען קען מען דורכדעם זוכה זיין צו כל מיני ישועות בגשמיות און ברוחניות וכל טוב סלה.

אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין דעם הייליגען ספר „אבניה ברזל" (אות נ"ג), עס איז געווען אַ מעשה ביי די טאָכטער פון אונזער הייליגען רבי'ן מוה"ר ר' נחמן מברסלב ז"ל, וואָס דער רבי ז"ל איז אַמאָל געקומען צו איר אין הויז און האָט איר געטראָפען זייער קראַנק ל"ע, האָט זיך דער רבי זצ"ל אָהועקגעזעצט מיט גרויס צער ביז ער איז אַנדרעמעלט געוואָרען. איז געקומען צו אים דער בעש"ט הקדוש זצ"ל, און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי בצער. האָט ער אים געענטפערט ווייל זיין טאָכטער איז שטאַרק קראַנק ר"ל, האָט אים דער בעש"ט זצ"ל געזאָגט, עס שטייט אין תהלים (י"ח) „מגדיל ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו לדוד ולזרעו עד עולם". און דער טייטש פון דעם איז, אַז מען גרויסט די ישועות וואָס השי"ת האָט געטאָן מיט דעם צדיק, דאַמאָלסט טוט דער רבונו של עולם חסד מיט דעם דערציילער, דאָס איז פאַר דוד און זיינע קינדער ביז אייביג. האָבען מיר פון דער מעשה אַרויסגענומען

אז דורך מעשיות פון צדיקים ציטמען ארויף אויף זיך דעם חסד פון דעם אויבערשטען עד עולם. האט דאמאלסט דער רבי ז"ל דערציילט א מעשה פון דעם הייליגען מהרש"א זצ"ל און זיין טאכטער האט געהאט א רפואה.

אויך אין דעם הייליגען ספר ליקוטי מוהר"ן (ח"א סימן רל"ד), ווערט געבראכט אז מען דערציילט מעשיות פון צדיקים דורכדעם ווערט אראפגענומען אלע צרות און דינים פון דעם מענטשען. אויך אין דעם הייליגען ספר המדות (אות משיח) ווערט געבראכט, דורכדעם וואס מען דערציילט מעשיות פון צדיקים איז מען ממשיך די ליכט פון משיח אויף דער וועלט, און עס שטופט אוועק א סך פינסטערניש און צרות פון דער וועלט.

צוליב דעם אלעמען זיינען מיר נתעורר געווארען און מיר האבען אפגעדרוקט דעם דאזיגען הייליגען ספר אויף עברי-טייטש, בכדי אלע זאלען דאס קענען לייענען און זיך אנזאפען מיט די הייליגע ענינים ועובדות הצדיקים.

און השי"ת זאל העלפען אין דעם זכות פון די צדיקים זאלען מיר אלע זוכה זיין צו בני חיי ומזוני רויחי, און צו כל טוב בגשמיות וברוחניות און צו די גאולה שלימה והאמיתית בביאת משיח צדקינו בימינו בקרוב אמן.

# מפתח הענינים

א) דאָס געבווירעץ און התקרבות פון ר' נתן ז"ל צו דעם רבי'ן ז"ל (כוכבי אור אנשי מוהר"ן סימן א').

ב) ר' שמעון דעם רבי'נס ערשטער תלמיד (כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות י"ז).

ג) ר' דוב מטשערין ז"ל (כוכבי אור אות י"ט).

ד) ר' יצחק חתן המגיד מטיראָוויצע זצ"ל (כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ד).

ה) ר' יצחק אייזיק ז"ל (כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ה).

ו) ר' מענדיל פון א דאָרף לעבען טשערין (כוכבי אור אות כ"ח).

ז) ר' מענדיל פון לאדיזען (שיחות וסיפורים אות נ"ב).

ח) ווי אזוי מען האָט אָנגעהויבען בויען די ברסלבר קלויז אין אומין (שיחות וסיפורים אות נ"ד).

ט) ר' יצחק אייזיק יוסף פון טשערין (שיחות וסיפורים אות נ"ז).

י) ר' שואל פון טעפליק (שיחות וסיפורים אות נ"ז).

יא) די מעשה פון די פליג מיט די שפין (שיחות וסיפורים כרך ששי אות ג').

יב) ר' צבי דעם רבי'נס שוואָגער (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף ל"ז).

יג) ר' אברהם פון באַרדיטשוב (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף ל"ח).

יד) דעם רבי'נס פורים זיין אין דער שטאָט קאמיניץ (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף ל"ט).

טו) ר' חייקיל'ס שפע (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף מ"א).

טז) די מעשה פון משה חינקעס (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף מ"ג).

יז) ווי אזוי דער רבי ז"ל האָט געזאָגט ר' מאיר'ן זיין מחשבה (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף מ"ה).

יח) די מעשה פון די פושעים וואָס האָבען אים געוואָלט שלאָגען, און די מפלה וואָס זיי האָבען געהאַט, און דעם נס וואָס ער האָט געהאַט (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף מ"ח).

יט) ווי אַזוי דער רבי ז"ל האָט געראַטעוועט אַ דאָרפמאַנס אַ טאָכטער פון שמד ר"ל (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף נ"ב).

כ) ווי אַזוי דער רבי ז"ל האָט באַוויזען פאַר ר' חייקיל אַ נשמה פון אַ מת (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף נ"ו).

כא) פון ר' לייב פון דעם דאָרף וואַטשעק (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף נ"ט).

כב) ר' חיים שרה'ס פון ברסלב (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף ס').

כג) אַ מעשה פון אַ וואָג מיט אַ רענדעל (כוכבי אור אנשי מוהר"ן דף ס"ב).

כד) דאָס פירונג פון דעם רבי'ן ז"ל מיט די אַריסטאָקראַטען פון דער שטאָט אומין (כוכבי אור סיפורים נפלאים דף ג').

כה) אַ מעשה פון אַ ישועה צווישען טאָג און נאַכט (כוכבי אור סיפורים נפלאים דף י"א).

כו) די מעשה פון דעם שטערען-זעער (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף י"ד).

כז) אַ מעשה מיט אַ דיימאַנט (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף י"ט).

כח) אַ מעשה פון קאַפּצין פּאַשאַ (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף כ').

כט) אַ מעשה פון תהלים בפשיטות (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף כ"ג).

ל) אַ מעשה פון ווערדו (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף כ"ד).

לא) די מעשה פון מרור (כוכבי אור מעשיות ומשלים דף כ"ה).

לב) די מעשה פון דעם אוצר אונטער דעם בריק (מעשיות ומשלים דף כ"ו).

לג) די מעשה פון דעם אינדיג (מעשיות ומשלים דף כ"ז).

לד) דער משל פון די תבואה (מעשיות ומשלים דף כ"ז).

לה) די תבואה וואָס איז קאַליע געוואָרען (מעשיות ומשלים דף כ"ז).

לו) די מעשה פון דעם ספר אלים (מעשיות ומשלים דף כ"ט).

לז) אַ מעשה פון דעם מהרש"א זצ"ל (מעשיות ומשלים דף ו').

לח) אַ צווייטע מעשה פון מהרש"א ז"ל (מעשיות ומשלים דף ל"ב).

לט) אַ דריטע מעשה פון מהרש"א ז"ל (מעשיות ומשלים דף ל"ב).

מ) מיט אַ קליינעם פיש קען מען כאַפּען אַ גרויסען העכט.

מא) ר' הלל שוחט ובודק.

מב) אַ מעשה פון דעם רבי'ן ז"ל מיט זיין שווער פון דאָרף הוסיאטין.

מג) ר' יצחק לייב מטעפליק ז"ל.

מד) די התקרבות פון ר' עוזר מאומין ז"ל.

מה) ר' יצחק דוב מטעפליק ז"ל.

מו) ר' יהודה אליעזר ז"ל וואָס ער איז געפאָרען מיט ר' נתן ז"ל קיין ארץ ישראל.

מז) דער רבי ז"ל האָט אויסגעהיילט די לונגען פון ר' נפתלי ז"ל.

מח) די גזירת הנעקרעטין.

מט) אַ מעשה פון אַ בלינדען מנגן מיט אַ רייכען קמצן.

# אחרית הימים

—א—

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר' נתן ז"ל, פון זיין געבוירען און פון זיין התקרבות צום רבי'ן ז"ל.**

אין דעם יאר פינף טויזענט מיט פינף הונדערט פערציג יאר פון בריאת העולם, איז ר' נתן ז"ל געבוירען געווארען, אין די שטאט נעמירוב, און ער איז אויך דארטען אויפגעוואקסען ביי זיין פאטער אין שטוב, וואס ער האט געהייסען הרב ר נפתלי הירץ ז"ל. און ר' נתן ז"ל איז אויפגעהאדעוועט געווארען ביי זיין פאטער מיט תורה און מיט הכמה און מיט רייכקייט, ווארים זיין פאטער איז געוועזען א גרויסער עושר און ער האט געהאט מיט נאך צוויי שותפים דריי גרויסע געשעפטען אין אדעס און באדיטשוב און אויך אין די שטאט וואו ער האט געוואוינט, אין נעמירוב. און אויך ר' נתן ז"ל איז געוועזען פון זיין יוגענט אן אגוטער מבין אין אלע סארטען סחורות און אויך אין אנדערע געשעפטען.

און זיין שווער איז געוועזען א רב און אב"ד וואס נאך ביז היינטיגען טאג איז באוואוסט זיין נאמען אויף דער וועלט. ער האט זיך גערופען מיט דעם נאמען הרה"ג הצדיק ר' דוד צבי, פון דער שטאט מאהלוב, און ער האט געפירט זיין רבנות אין די שטאט מאהלוב, אין שאריגראד, אין קרעמיניץ און אויך אין אלע שטעטלעך וואס זיי געפינען זיך ארום די דאזיגע אויבענדערמאנטע דריי גרויסע שטעט האט מען זיך געווענדען מיט שאלות צו אים.

און ווען ר' נתן ז"ל איז געקומען לערנען ביי זיין שווער אין ישיבה האט ער זיך געשטארקט און האט זיך דערהויבען מיט זיין שארפקייט אין בקיאות, אין תלמוד, אין אלע פוסקים ראשונים ואחרונים אזוי ווי אנדערע גרויסע לומדים וואס האבען זיך געפונען אין יענע צייטען. און פון זיין יוגענט אן פון ר' נתן ז"ל, האט זייער געביינקט זיין הארץ צו עבודת ה' (כי לא המדרש עיקר אלא המעשה).

און בפרט ווען ער איז מקורב געווארען צו די תלמידים פון דעם מעזריטשער מגיד ז"ל וואס זיי זיינען נאך דאמאלסט געוועזען אויף דער וועלט: הרב הצדיק ר' זוסיא ז"ל, והרב הצדיק ר' לוי יצחק ז"ל מבארדיטשוב והרב הצדיק ר' ברוך ז"ל, והצדיק ר' גדליהו מליניין ז"ל, והרב הצדיק ר' שלום מפארבישטש ז"ל ושאר גדולים ז"ל.

פון דאמאלסט אן איז ער דער וועקט געווארען און ער האט אנגעהויבען זייער צו בייגקען מקיים צו זיין די תורה לעובדה ולמעשה (ווארום מיט דעם ענין זיינען געשטאנען העכער די צדיקים וואס זיי זיינען געוועזען מצד הבעש"ט והמגיד ז"ל), און פון דאמאלסט אן איז געוועזען זיין בייגקעכץ און זיין געלוסטונג צו איבערשטען זייער גרוים וואונדערלעך.

אבער עס איז באוואוסט אז אין יעדער מדרגה איז פאראן עפעס א שטערונג וואס די שטערונג האלט אפ און לאזט נישט צו קומען צו דער מדרגה. די גמרא הק' זאגט אז ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר האט ער נאך א גרעסערען יצר הרע און דער יצר הרע לאזט אפ די גאנצע וועלט און רייצט זיך מיט די תלמידי חכמים.

און איבער דעם אלעמען איז ר' נתן ז"ל ארויפגעגאנגען און אראפגעגאנגען עליות מיט ירידות זייער אסאך, און עס איז אים געוועזען שווער יעדער דבר שבקדושה וואס ער האט געוואלט טאן סיי אין תורה און סיי אין תפלה א. ד. ג. אויך איז ער געוועזען א בעל מחשבה זייער א גרויסער, וואס דאס איז איינס פון די פיר און צוואנציג זאכען וואס דאס האלט אפ די תשובה.

ער האט נישט געוואוסט צו דעם אלעמען וואס ער זאל טאן. ווארים ער האט שוין אויסגעפרואווט און ער איז געפארען צו אסאך צדיקים וואס זיי זיינען געוועזען אין יענע צייטען, און ער האט נישט געהאט קיין תועלת צו זיינע ענינים. און פונדעסטוועגען האט ער געוואלט פארען צו זיי. אבער ווייל זיין פאטער איז געווען פון די מתנגדים און אויך זיין שווער איז געווען א גרויסער מתנגד אויף תלמידי הבעש"ט, ווארום דאמאלסט איז נאך נישט שטיל געווארען אויף דער וועלט דאס מחלוקת און די רדיפות וואס מען האט זייער געיאגט די אלע מענטשען וואס זיי האבען געוואלט מקורב ווערען צו די תלמידים פון דעם מגיד ז"ל, אזוי ווי עס איז באוואוסט. און צוליב דעם אלעמען האט אויך ר' נתן ז"ל געהאט שטארקע שטערונגען צו פארען צו זיי. נאר פונדעסטוועגען אויב ער וואלט געוועזען געשפירט

אז זיי העלפען אים אין זיינע ענינים אין עבודת ה׳ וואלט ער נישט געוועזען געקוקט אויף קיין מניעה.

אין דעם זעלבען זומער איידער ער איז מקורב געווארען צום רבי׳ן ז״ל, האט ר׳ נתן ז״ל געהאט בדעה באזעצען זיך אין בארדיטשוב, אדער אין אדעס וועגען זיי פאטער׳ס מסחרים. נאר עס האט זיך אפגעהאלטען ווייל ער האט דערהאלטען א ידיעה אז זיין שווער ר׳ דוד צבי ז״ל באדארף אדורכפארען דורך די שטאט נעמירוב, האט ער געווארט כדי ער זאל אים מקבל פנים זיין. און השי״ת האט מסבב געוועען אז עס איז געווארען אפגעשטופט זיין שווער׳ס נסיעה פון טאג צו טאג ביז נאך ר״ח השוון, און ר׳ נתן ז״ל האט געווארט אויף אים אין נעמירוב.

אין דער וויל האט השי״ת מסבב געוועו מיט זיינע גרויסע שטארקע וואונדער אז דער רבי ז״ל איז ארויס קיין ברסלב וואס זי איז נאענט צו נעמירוב די שטאט וואו ר׳ נתן ז״ל האט געוואוינט א ערך פון 18 מייל. און דאס אלעס איז געוועזן א סיבה פון השי״ת כדי ר׳ נתן ז״ל זאל מקורב ווערען צום רבי׳ן ז״ל וואס דורך אים זאל נישט פארגעסען ווערען קיין איין דיבור פון דעם רבי׳ן ז״ל.

תיכף ווי ר׳ נתן ז״ל האט דערהערט אז דער רבי ז״ל האט זיך באזעצט אין ברסלב האט אים זיין הארין אנגעהויבען שטארק צו ברענען אזוי שטארק ביז ער האט פארגעסען פון אלע זיינע מסחרים, און ער האט באלד געוואלט פארען צום רבי׳ן ז״ל מיט דעם שנעלסטען גיכקייט, ווארום זיין פאטער איז דאמאלסט געוועזן אין בארדיטשוב, איבער דעם האט ער זיך מיישב געוועזן אז ער זאל טאקע באלד פארען ווארום ער האט איצט קיין שום שטערונג נישט, ווארום זיין פאטער איז דאך אצינדערט נישטא אין דער היים. און נאכער אז ער וועט זעען אז ער איז מקבל פון דעם רבי׳ן ז״ל חכמה ודעת וואס ער זאל זיך קענען דורך דעם שטארקען אין קיום התורה וואס דאס איז דאך דער עיקר וועט ער נאכער נישט קוקען אויף קיין שום מניעה, אפילו אויף די שטערונגען וואס ער וועט האבען פון זיין פאטער וואס אויף דעם זאגט די הייליגע תורה אז דו מיט דיין פאטער זיינען מחויב אין כבוד שמים. ווארום עס איז אום מעגלעך מקיים צו זיין די אלע מצוות וואס זיי זיינען אן געהאנגען אין דעם הארצען וואס זיי זיינען דער עיקר פון די גאנצע תורה הק׳ נאר דורך דער פאר בינדונג צו די צדיקים און צו זייערע הייליגע ווערטער וואס זיי טוען שטארקען דאס הארץ אז מען זאל

עוסק זיין אין תפלה, און אויך די אַנדערע זייערע הייליגע עצות פאַר יעדען איינעם לויט זיין מקום און זיין צייט.

אין אמת'ן אין יאָרען אַרום האָט זיין פאָטער זייער חרטה געהאַט פאַרוואָס ער האָט אים געשטערט. און ער האָט מודה געוועזן מיט זיין גאַנץ הארץ און נפש, און דאָס איז געוועזן נאָך אויף די וועלט. און מכל שכן ווער שמועסט נאָך אויף יענער וועלט זיכער באַדאַנקט ער אים זייער אָן אַ שיעור, וואָרום עס איז דאָך באוואוסט אַז אַ זון איז מזכה דעם פאָטער אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט.

און אַזוי איז טאַקע געוועזן, אַז ר' נתן ז"ל און ר' נפתלי ז"ל מיט נאָך צוויי מענשען ר' ליפּא און ר' זלמן דער קליינער זיינען געפאָרען די וואָך צום רבי'ן ז"ל. און באַלד ווי זיי זיינען אַריינגעקומען צום רבי'ן ז"ל האָט דער רבי ז"ל מיט זיי אַסאַך געשמועסט. און ער האָט זיי דערציילט דאַמאָלסט דריי מעשיות.

די ערשטע מעשה פון הרב הצדיק ר' מרדכי מנעסכיז ז"ל וואָס איינמאָל איז געקומען צו אים איינער פון זיינע מענטשען און ער האָט זיך באַקלאָגט אַז ער האָט נישט קיין פרנסה. און ער קען אפילו קיין דירה געלט נישט באַצאָלען. האָט זיך אָנגערופען ר' מרדכי ז"ל צו זיין תלמיד איך וויל אַז די גאַנצע הויז וואו דו וואוינסט דאָרטען זאָל געהערען צו דיר. און דער דאָזיגער מענטש האָט געהאַט זיין דירה אין גאָר אַ גרויס הויז וואָס אין דעם דאָזיגען הויז האָבען געוואוינט אַסאַך שכנים און אויך אַ האָטעל האָט דאָס הויז פאַרמאָגט. נאָכער איז דער תלמיד אַ היים געפאָרען און דער וויל איז געשטאָרבען דער בעל הבית פון דעם הויז און עס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די יורשים. און דאָס הויז האָט אָנגעהויבען אַראָפּגיין פון די הצלחה וואָרום עס האָט זיך דאָרטען אַריין געכאַפּט אַ רוח רעה ל"ע און עס זיינען דאָרטען געשטאָרבען עטלעכע מענטשען וואָס זיי האָבען געקויפט דאָס דאָזיגע הויז, איז צוליב דעם אַרויס אַ שם רע אויף די הויז און צוליב דעם האָבען מענטשען אויפגעהערט קומען איין צושטיין אין דעם האָטעל פון דעם הויז. און אפילו די שכנים וואָס זיי האָבען דאָרטען געוואוינט פון פריער זיינען אויך אַרויס פון דאָרטען.

און אַז די יורשים האָבען דאָס געזען האָבען זיי אויסגערופען אַז זיי ווילען פאַרקויפען די הויז און עס האָט זיך קיינער נישט אָנגערופען אַלעס צוליב דעם שלעכטען נאָמען וואָס איז אַרויס אויף דער שטוב, און אַלעמאָל האָט מען אַראָפּגעלאָזט דעם פרייז פון די הויז ביז דער פרייז איז שוין געווען גאָר אַ קליינער סכום. האָט זיך

דער דאָזיגער תלמיד מיישב געווען אזוי ווי זיין רבי האָט דאָך אים געזאָגט אַז ער וויל אַז די הויז זאָל זיין זיינע, איז ער געגעאַנגען און האָט געקויפט די הויז. און פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבען אומצוקערען די הצלחה צוריק אין די הויז, און עס האָבען אָנגעהייבען צוקומען אסאך אַ הרכפאָרערס אין דעם האָטעל פון די הויז, און ער איז רייך געוואָרען. נאָכער איז ער געפאָרען צו זיין רבי'ן און אַז ער האָט געוואָלט זיך אומקערען אַהיים איז ער אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט דעם רבי'ן האָט ער פארשטאַנען פון די תנועות פון דעם רבי'ן אַז ער גיט אים נישט קיין ערלויבעניש מיט דעם גאַנצען הארצען אַזוי ווי ער איז געווען איינגעוואוינט פון שטענדיג אָן. איבער דעם האָט דער דאָזיגער תלמיד מורא געהאַט אַהיים צופאָרען און אַזוי איז געווען אסאך מאָל וואָס ווען ער איז אַריין געקומען געזעגענען זיך מיט דעם רבי'ן. און איבער דעם האָט ער זיך געזאַמט ביים רבי'ן 13 יאָר.

און אונזער רבי ז"ל האָט געזאָגט אַז ער איז געווען דאָרטען ווען ער איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האָט ער נאָך אַלעם געטראָפען דעם דאָזיגען תלמיד ביי זיין רבי'ן, און די מורא זיינע איז געווען אַז ער זאָל חלילה נישט שטאַרבען אַזוי ווי עס זיינען געשטאָרבען די בעלי בתים פון דעם הויז וואָס זיינען געווען פאַר אים. אין פינף טעג אַרום נאָכער וואָס אונזער רבי ז"ל האָט באַזוכט ר' מרדכי נעסכיזער ז"ל, איז ר' מרדכי נפטר געוואָרען. נאָכער איז דער דאָזיגער תלמיד אַ היים געפאָרען און ער איז באַלד נפטר געוואָרען.

מיט די דאָזיגע מעשה האָט דער רבי ז"ל זיי מרמז געווען אַז זיי זאָלען שטאַרק אַכטונג געבען אויף יעדען וואָרט וואָס עס גייט אַרויס פון זיין הייליג מויל, עס מעג זיין אַפילו אין וועלטליכע זאַכען און זיי זאָלען נישט מיינען אַז ער רעדט סתם זיינע רייד.

די צווייטע מעשה האָט זיי דער רבי ז"ל דערציילט פון הרב ר' שניאור זלמן מלאדי ז"ל, וואָס ער האָט געהאַט אַ תלמיד וואָס ער האָט געזאָגט אַכט יאָר חידושי תורה אויף איין תורה וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן. מיט דעם האָט ער באַלד מרמז געווען אויף ר' נתן ז"ל אַז ער וועט אסאך מחדש זיין אויף זיין תורה.

די דריטע מעשה האָט זיי דער רבי ז"ל דערציילט פון דעם התקרבות פון ר' מיכל מזלאָטשוב ז"ל צום בעש"ט ז"ל. אין דער צייט וואָס ער איז אַריין געקומען צום בעש"ט איז אויף אים געפאַלען

אַ מורא פאַר דעם בעש״ט און נאָכדעם איז די מורא אַוועק פון אים האָט זיך אים געקומען אויף דעם געדאַנק אַזוי ווי די גמרא הק׳ זאָגט ווען עס באַגעגענען זיך אַ עם הארץ מיט אַ תלמיד חכם איז אין אָנפאַנג זעעט אוים דער תלמיד חכם אין די אויגען פון דעם עם הארץ אַזוי ווי אַ גאָלדענע כלי, און שפּעטער אביסעל זעט ער שוין אוים בא אים אַזוי ווי אַ זילבערנע כלי און נאָכער זעט ער שוין אוים בא אים אַזוי ווי אַ ערדענע כלי, און דער שטייגער איז פון אַ ערדענע כלי אַז זי ווערט צו בראָכען איז שוין קיין תקנה נישט פאַראַן. אַזוי אויך אויב דער עם הארץ זעט עפּעס אַ חסרון אויף דעם תלמיד חכם האָט ער שוין בא אים קיין ווערדע נישט. האָט ר׳ מיכל ז״ל זיך געטראַכט אַזוי ווי עס איז בא אים אַראָפּגעפאַלען די מורא פון דעם בעש״ט ווער ווייסט טאָמער איז ער אַ עם הארץ, האָט אים דער בעש״ט אָנגעכאַפּט און צו אים געזאָגט מיכילי ביזט אַ עם הארץ?

אין די זעלבע צייט וואָס ר׳ נתן ז״ל איז געקומען צום רבי׳ן ז״ל איז אויך אַזוי געווען, עס איז ר׳ נתן ז״ל אויך אַזוי אַריינגעפאַלען אין געדאַנק אַריין דאָס זעלבע. האָט אים דער רבי ז״ל דאַמאָלסט דערציילט די דאָזיגע מעשה, און מיט דעם האָט ער אים צוגעטראָפען זיין געדאַנק וואָס ער האָט דאַמאָלסט געטראַכט. איז ר׳ נתן ז״ל זייער דערשראָקען געוואָרען וואָס ער האָט דאַמאָלסט געזען אַז עס איז פון דעם רבי׳ן ז״ל נישט פאַרהוילען זיינע מחשבות וואָס ער טראַכט אין הארצען, איז פון דאַמאָלסט אָן איז ער צו געצויגען געוואָרען צום רבי׳ן ז״ל מיט זייער אַ גרוים התקרבות אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין דעם ספר כוכבי אור חלק אנשי מוהר״ן. און ר׳ נתן ז״ל האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז ער וועט זיכער האָבען פון דעם רבי׳ן ז״ל אַ תועלת אין עבודת ה׳.

נאָכער האָבען זיי זיך אומגעקערט אַ היים. אין אַ צוויי טעג אַרום איז ר׳ נתן׳ס ז״ל פאָטער אָנגעקומען פון באַרדיטשוב און עס האָט אים זיכער פאַרדראָסען וואָס זיין זון איז געפאָרען צום רבי׳ן ז״ל. אָבער ר׳ נתן ז״ל האָט מחליט געווען בא זיך אַז ער זאָל נישט הערען זיין פאָטער אין דעם דאָזיגען ענין. און דאָס איז אַלעס געווען אין די וואָך פאַר סליחות, וואָרום דער רבי ז״ל איז אָנגעקומען קיין ברסלב אין חודש אלול, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין חיי מוהר״ן.

אין דעם ערשטען טאָג פון סליחות האָט זיך ר' נתן ז"ל אָנגעהויבען זיך צוצוגרייטען אויף צו פאָרען צום רבי'ן ז"ל אויף ראש השנה, וואָרום ווען ער איז געווען ביים רבי'ן ז"ל איז ער געוואויר געוואָרען אַז דער רבי ז"ל האָט שטאַרק אָנגעזאָגט אַז מען זאָל קומען צו אים אויף ראש השנה. איז ער געגאַנגען און ער האָט געדונגען אַ וואָגען און ער האָט אָנגעזאָגט דעם בעל עגלה אַז ער זאָל פאָרען אין דרויסען פון שטאָט און דאָרטען זאָל ער וואַרטען אויף אים. און ער איז אַ היים געגאַנגען נעמען זיינע יום טוב'דיגע מלבושים. איז באַלד געוואָרען אַ גרויסער רעש ביי אים אין שטוב און זיין ווייב האָט אָנגעהויבען זייער שטאַרק צו קלאָגען און צו וויינען. און זיין פאָטער פון גרוים כעס און פאַרדרוס האָט גאָר נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. און ער איז געגאַנגען מיט גרוים זריזות און ער איז געפאָרען צום רבי'ן ז"ל מיט נאָך עטלעכע מענטשען, און ער איז געווען ביים רבי'ן פון ראש השנה ביז נאָך עשרת ימי תשובה. אין די דאָזיגע טעג איז איינמאָל ר' נתן ז"ל אריינגעגאַנגען אַליין צום רבי'ן און האָט דערציילט פאַר אים זיין גאַנץ הארץ.

האָט דער רבי ז"ל אים דאַמאָלסט אָנגעזאָגט פאַרשידענע סאָרטען זאַכען ווי אַזוי זיך צו פירען (קוק אריין אין דעם ספר שיחות הר"ן). נאָכער איז דער רבי ז"ל מיט אים אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און ער האָט מיט אים אַרום שפּאַצירט אַ הין און צוריק נעבען די גרויסע שול דאָרטען און ער האָט מיט אים גערעדט אַסאַך ווערטער וואָס זיי זיינען מחי' דעם נפש. און ר' נתן ז"ל האָט זיך טאַקע מחי' געווען. אין מיטען דעם שמועס האָט דער רבי ז"ל אים אָנגענומען מיט די הענט אַרום זיינע אַקסלען און האָט אים געזאָגט מיט דעם לשון: „און ווייטער איז זייער גוט אַז מען רעט זיך אוים דאָס הארץ פאַר דעם אויבערשטען אַזוי ווי מע רעט זיך אוים פאַר איין אמת'ן גוטען פריינט". און באַלד זיינען אריין געגאַנגען די דאָזיגע ווערטער אין זיין האַרצען אַזוי ווי אַ ברענעדיגער פייער. און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען דאָס מיט דער דאָזיגער עצה וועט ער בוודאי ווערען אַ ערליכער איד אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין וואָרום אַלע סאָרטען געדאַנקען וואָס דער יצר הרע וועט אים אַרויפּברענגען און אַלע סאָרטען מניעות וואָס ער וועט אים מונע זיין אַלצדינג וועט ער דערציילען פאַר דעם אויבערשטען און ער וועט בעטען פון אים רחמים ותחנונים אויף יעדער זאַך אַז דער אויבערשטער

זאָל אים העלפֿען אַז ער זאָל זיין אַ איד אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין.
און דורך די דאָזיגע ווערטער האָט אים דער רבי ז״ל מקרב געווען צום אויבערשטען מיט גאָר אַ גרויס התקרבות. און תיכף אַזוי ווי ער איז אַוועק פֿון דעם רבי'ן ז״ל איז ער אַריינגעגאַנגען אין די גרויסע שול וואָס דאָרטען איז קיינער נישט געווען און האָט טאַקע אָנגעהויבען מקיים צו זיין.

נאָך יום כיפּור איז ער אַ היים געפֿאָרען און ער האָט אָנגעהויבען צו ביינקען זייער שטאַרק מקיים צו זיין די עצה וואָס דער רבי ז״ל האָט אים געלערענט. אַזוי ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט אוים צו ריידען זיך פֿאַר דעם אויבערשטען פֿון אַלעס וואָס גייט אויף אים איבער און צו רופֿען און צו שרייען צו השי״ת פֿון טיפֿעניש פֿון האַרצען אויף יעדער זאַך באַזונדער און מקיים זיין ממעמקים קראתיך ה'. און ער האָט געהאַט גרויסע יסורים פֿון דעם ענין וואָרום פֿאַר מענטשען אין די אויגען איז שווער דאָס מקיים צו זיין און אַ באַזונדער צימער ביי זיין פֿאָטער אין הויז וואָס ער זאָל זיין אָפּגעשלאָסען איז אויך נישט געווען און אַז ער האָט שוין יאָ אַמאָל געפֿונען עפּעס אַ אָפּגעזונדערטען פּלאַץ און ער האָט אָנגעהויבען זיך אויסצוריידען דאָס האַרץ פֿאַר דעם אויבערשטען פֿלעגט פּאַסירען אין מיטען דאָס פּלוצלונג איז איינער אַריינגעקומען, האָט ער געהאַט דערפֿון גרויסע שטערונגען און ער האָט זיך נישט געוואוסט קיין עצה זיך צו געבען, איז אים איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק דאָס דער בעסטער פּלאַץ וואו ער וואָלט געקענט מקיים זיין די עצה איז פֿאַר אים נאָר אין דרויסען פֿון שטאָט, וואָרום דאָרטען וועט ער האָבען דאָס מעגלעכקייט צו געפֿינען אַ ליידיג און אַ באַהאַלטען פּלאַץ וואָס מענטשען גייען נישט דאָרטען, און דאָרטען וועט ער האָבען דאָס מעגלעכקייט אויסצוריידען זיך פֿאַר דעם אויבערשטען אַלעס וואָס עס איז אים אויף דעם האַרצען און ער וועט קענען מתפלל זיין און שרייען צום אויבערשטען וויפֿיל ער וועט נאָר וועלען און ער וועט נישט האָבען קיין שום שטערונג פֿון קיין שום זאַך.

אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז די זאַך קען באַוואוסט ווערען וואָרום אויב מען וועט אים זעען אַז ער גייט אַרויס פֿון שטאָט וועט דאָס זיין אַ גרויסער וואונדער, וואָרום די איינוואוינערס פֿון זיין שטאָט וויסען גאַנץ גוט אַז ער האָט נישט קיין שום געשעפֿטען אין דרויסען פֿון שטאָט. וואָרום ער איז דאָך געווען פֿון די חשוב'סטע יונגעלייט פֿון שטאָט סיי אין תורה און חכמה און עושר און יחוס,

איז אזא סארט מענטש אז מען וועט אים זעען אז ער גייט ארום פון שטאט וועט מען זיך פאר וואונדערן און מען וועט פרעגן איינער דעם אנדערן און אזוי ארום וועט זיכער באוואוסט ווערן דער ענין.

האט ער ווייטער אריינגעקלערט אין דעם ביז עס איז אים געפאלען אויף דעם געדאנק אז די בעסטע צייט איז ביי נאכט ווארום אין די פינסטערניש פון די נאכט ווען מענטשען שלאפען דאמאלסט וועט ער ארויסגיין אין פעלד אריין זיך אויסצורויידען דאס הארץ פאר דעם אויבערשטען אויף דעם פלאץ וואס ער וועט זיך אויסקלייבען דארטען, און עס וועט קיינער פון דעם נישט וויסען ווארום אין שטוב וועט מען מיינען אז ער איז געגאנגען אין שול אזוי ווי זיין שטייגער איז אלע מאל. און ער האט טאקע אזוי געטאן און פונדעסטוועגען זיינען געוואויר געווארען פון דעם עטלעכע יונגעלייט, אבער זיי האבען דאס נישט מפרסם געווען ווארום זיי האבען פארשטאנען אז דאס איז נישט זיין רצון.

אויך ווען ער איז געווען אין ברסלב ביים רבי'ן ז״ל האט ער אזוי געטאן אסאך מאל, און זיין הארץ האט שטארק געברענט צו דינען דעם אויבערשטען, און זיין גאנץ דאווענען און לערנען איז געווען מיט גרויס התלהבות וואס מען קען זיך גאר נישט פארשטעלען.

און יעדען מאל ווען עס איז אים געווען איינג אין עבודת ה' פלעגט ער צופארען צום רבי'ן ז״ל און דער רבי פלעגט ריידען מיט אים אסאך זיסע רייד און פלעגט אים דערוועקען און אים מחי' געווען און אים שטארקען מיט אלע סארטען חיזוק. אין אויך האט דער רבי ז״ל מיט אים גערעדט אז ער זאל זיך נעמען אין געדאנק אריין אז ער זאל זיך שטארקען אין עבודת ה' אפילו עס וועט אויף אים איבער גיין וואס עס וועט אויף אים איבערגיין, אפילו אז ער וועט חלילה באדארפען צו גיין איבער די הייזער. דאס אלעס און נאך מערער זאל ער נעמען אויף זיך אפשר וועט ער זוכה זיין צו זיין אזוי ווי דער אויבערשטער וויל וואס נאר דאס וועט בלייבען פון דעם מענטשען אויף אייביג. ווארום עס בלייבט גארנישט איבער פון דעם מענטשענס הארעוואניע פון די וועלט וואס גייט אריבער און פליט אוועק אזוי ווי א אויגען בליק, און פלוצלונג ווערט מען געכאפט אין א שלעכטען נעץ וואס עס איז נישטא קיין איינער וואס ער זאל ניצול ווערען פון דעם און מען וועט מוזען איבער געפוילט ווערען אין דער ערד צווישען די ווערים.

אזוי ווי עס ווערט געברייננגט דאָס אַלעס אין דעם רבי'נס ספרים אַז מען באַדאַרף דאָס אַלעס גוט געדיינקען יעדען טאָג. און אַזוי האָט ר' נתן ז"ל טאַקע מקיים געוועזן און ער האָט געוואָלט זיך אָפּשיידען אינגאַנצען פון די נאַרישע וועלט, און ער האָט געוואָלט פאַרברייינגען זיינע אַלע טעג אין תורה און עבודת ה'. און אַלע זיינע גוטע פריינט און באַקאַנטע האָבען אַ סך גערעדט מיט אים פאַרוואָס ער האָט אויף זיך נישט קיין רחמנות און אויף זיין ווייב און קינדער, אַז ער זאָל עוסק זיין עפּעס אין אַ פרנסה אַזוי ווי דער שטייגער איז פון דער גאַנצער וועלט. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט גאַרנישט אפילו אויסצוהערען זייערע רייד און ווער שמועסט נאָך זיי צו ענטפערען אויף דעם אַלעס. און אַז זיין פאָטער האָט דאָס אַלעס צוגעזען, איז ער אויף אים זייער שטאַרק אין כעס געוואָרען און ער האָט אים אַרויסגעטריבען פון זיין שטוב, און זיין געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט בערך צוויי טויזענט רובעל האָט ער בא אים צוגענומען און ער האָט דאָס אים נישט געוואָלט אָפּגעבען. האָט ער געמוזט גיין עסען בא זיין זיידען.

אַ הויך פון אַנדערע סאָרטען ביטערניש וואָס עס איז אויף אים איבער געגאַנגען אין די דאָזיגע צייטען. אָבער ער איז פון דעם אַלעמען גאַרנישט נתפעל געוואָרען און ער האָט געמערט עוסק צו זיין אין עבודת ה' מיט גרויס התמדה, און אויך פלעגט ער אָפּטמאָל צופאָרען צום רבי'ן ז"ל כדי צוהערען פון אים הייליגע און לעבעדיגע און געטלעכע רייד. און אַמאָל פלעגט פּאַסירען אַז זיין פאָטער פלעגט זיך אַ ביסעל איבערבעטען מיט אים און ער פלעגט מוזען אים צוזאָגען אַז ער וועט נישט פאָרען קיין סאַך צום רבי'ן ז"ל. אָבער ער מחמת זיין גרויס ברענונג פון זיין האַרצען האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען בשום אופן און ער פלעגט מוזען עובר זיין אויף זיין צוזאָג און ער פלעגט וויטער פאָרען. אין ענדע ווינטער איז ער געפאָדען קיין מעדוועדעווקע, אַזוי ווי עס ווערט געברייננגט אין ספר ימי מוהרנ"ת, וואָרום דער רבי ז"ל איז דאָרטען געוועזען אין יענער צייט, און כאָטש עס איז זייער ווייט פון די שטאָט נעמירוב און ער האָט געהאַט אויף די דאָזיגע נסיעה זייער אַ סך שטערונגען וואָס מען קען דאָס אַלעס נישט אַרויסגעבען בכתב. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט אויף אַלעס און ער איז דאָרטען געזעסען ביים רבי'ן ז"ל אַ פּאָר וואָכען ביז דער רבי ז"ל איז צוריק

אַ היים געפּאָרן, אַזוי ווי עס ווערט געברייננגט דאָס אַלעס אין ספר ימי מוהרנ"ת.

נאָכער אויף דעם זומער אַז זיי האָבן געזען זיין שטאַרק הארץ אין עבודת ה' ביז עס איז אוממעגלעך אים מונע זיין פון דעם בשום אופן דאַמאָלסט האָט אָנגעהייבן זיין פאָטער איבער אַ נייעס זיך איבער צו בעטען מיט אים צו ביסלעך און ער האָט אים געזאָגט אַז ער וועט אים אָפּגעבן זיין גאַנץ געלט, און פונדעסטוועגן האָט ער אָנגערייצט אויף אים די אַנדערע שטוב מענטשען אַז זיי זאָלען זיך דערוועקען איבער אַ נייעס מתווכה זיין מיט אים. און זיי האָבן צו אים אַזוי גע'טענה'ט, דו זעסט דאָך אַז עס שוין וויפיל יאָר וואָס דו עסט אויף דיין טאַטענס טיש, וואָרום עס איז שוין דאַמאָלסט געווען בערך 10 יאָר פון זיין חתונה, און אַ צינדערט ווען וועסטו עפּעס טאָן פאַר דיין שטוב און פאַרוואָס זאָלסטו נישט רחמנות האָבען אויף דיר און אויף דיינע קינדער, און נאָך אַ זעלבע סאָרט רייד. און כאָטש מיר ווייסען גאַנץ גוט פון דיין שטאַרק הארץ אין תורה און תפלה ביז עס איז דיר אוממעגלעך זיך אָפּצושיידען פון דעם בשום אופן, אָבער מיר זאָגען דיר נישט אַז דו זאָלסט חס ושלום זיך מבטל זיין פון לערנען אינגאַנצען, נאָר אונזער עצה איז אַז מען זאָל דיר דינגען אַ געשעפט און דיין ווייב זאָל דאָרטען זיצען אַ גאַנצען טאָג, און דו וועסט נישט האָבען מיט דעם קיין געשעפט, נאָר איין זאַך מוזטו צוזאָגען אַז דו זאָלסט פאָרען קיין באַרדיטשוב וועגען איינקויפען די סחורה. און כאָטש דו וועסט מוזען זיך שטערן אַ פּאָר טעג, אָבער אַנטקעגען דעם די גאַנצע צייט פון איינמאָל פאָרען ביז דעם צווייטען מאָל פאָרען וועסטו נישט האָבען קיין שום שטערונג פון קיין שום מענטשען און פון קיין שום זאַך, און דו וועסט האָבען דאָס מעגלעכקייט עוסק צו זיין אין תורה און עבודת ה' אַזוי ווי דיין ווילען און דיין געלוסטונג פון דיין הארצען אָן קיין שום שטערונג.

אַזעלכע סאָרט רייד האָבען זיי גערעדט אויף זיין הארצען אַ סאַך מאָל און ער האָט קיין חשק נישט געהאַט אפילו אויף דעם, און אויך זיי האָבען נישט געוואוסט צו געפינען עפּעס אַ פּאַסיגע צייט כדי זיי זאָלען קענען זיך מיט אים מתווכה זיין. נאָכדעם וואָס אַ גאַנצען טאָג איז ער געזעסען אין בית המדרש און אַז ער איז אַ היים געקומען עסן האָט ער זייער אַכטונג געגעבען אַז ער זאָל זיך נישט זאַמען מערער וויפיל ער מוז אפילו איין רגע און ער האָט

זיך מזרז געווען מיט דעם גרעסטען זריזות זיך אום צוקערען צוריק צום לערנען און צו זיין עבודה. האבען זיי זיך אן עצה געהאלטען זיין משפחה אז זיי זאלען שיקען צו אים אין בית המדרש זיין טאטענס א ברודער וואס ער איז געוועזען א מענטש וואס ער האט געהאט צוביסלעך צייט און ער איז געגאנגען צו אים יעדען טאג אין בית המדרש אריין און ער האט מיט אים זייער א סך גע'טענה'ט ביז עס האבען זיך געשטארקט אויף אים זייערע רייד און ער האט זיי געמוזט צוזאגען אויף דעם. אבער ער האט אויסגענומען מיט זיי אז על כל פנים זאל ער נישט האבען קיין אנדער געשעפט א חוץ דעם פארען, און זיי אליין זאלען אים דינגען א וואגען און זיי זאלען אים צוגרייטען אלע צרכי הנסיעה און ער זאל גארנישט באדארפען צו טאן נאר דאס פארען מיט דעם איינקויפען אליין.

און אויך אויף דעם האט אים זיין הארץ זייער ווייי געטאן און זיין נפש איז אים געוועזען זייער פארביטערט אויף דעם אן א שיעור, ווארום ווערליג עס איז געוועזען אריינגעזעצט אין זיין הארצען דער זכרון יום המיתה ויום הקבורה וואס דער מענטש שטייט גרייט צו דעם יעדער רגע, און אלע טעג פון דעם מענטשען זיינען געציילט און געמאסטען ביי השי"ת און יעדער שעה וואס ער וועט מבטל זיין מיט דעם איינקויפען די סחורה איז אן אייביגע אבדה אן אבידה וואס עס קערט זיך גארנישט אום און מען פארלירט א וואונדערלעכען פראכטיגען רווח וואס עין לא ראתה, וואס ער האט געקענט פארדינען אין די דאזיגע שעה'ן.

און פונדעסטוועגען איז ער געוועזען שטארק מסופק און ער האט נישט געוואוסט זיך קיין עצה געבען אויב ער זאל זיך איין עקשנען מיט זיי אויך מיט דעם, ווארום זייערע רייד האבען אריינגעבראכט אין זיין הארצען א ספק אפשר איז טאקע אזוי דעם אויבערשטענ'ס רצון אז ער זאל זיך עוסק זיין צוביסלעך אין משא ומתן, און דאס וועט אים אויך גערעכענט ווערען אזוי ווי ער וואלט עוסק געווען אין עבודת ה'. און אזוי ווי די חז"ל האבען געזאגט אז א סאך האבען געטאן אזוי ווי ר' שמעון בר יוחאי און עס איז זיי נישט געלונגען. ווארום דער דיבור האט א גרויסען כח צוציען דאס הארץ פון דעם מענטשען אויף גוטען און אזוי פארקערט ח"ו, אזוי ווי עס ווערט געבראכט אין די הייליגע ווערטער פון דעם רבי'ן ז"ל. איבער דעם אלעמען האט ער זיך באטראכט אז די נאכט פאר זיין פארען זאל ער ווייטער גיין אויף זיין פלאץ וואס ער האט

אין דרויסען פון שטאָט און דאָרטען וועט ער פאַרשפּרייטען זיינע הענט פאַר דעם אויבערשטען מיט געוויין און מיט געבעט פון טיפעניש פון הארצען אפשר וועט השי"ת אויף אים רחמנות האָבען און זיך דערבאַרעמען איבער אים און וועט אים פירען אויף דעם אמת'ן וועג און וועט אים העלפען אַז ער זאָל נישט אָפּקערען פון דעם אויבערשטען'ס רצון נישט לינקס און נישט רעכטס. און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן און ער האָט זיך דאָרטען פאַרזאַמט ביז עס איז טאָג געוואָרען און פון דאָרטען איז ער געגאַנגען אין שול אַריין און האָט אַ ביסעל געלערנט און נאָכער האָט ער דאָרטען געדאַוונט און נאָך דעם דאַווענען האָט ער זיך מיישב געווען איידער ער וועט פאָרען קיין באַרדיטשוב וועט ער פריער אַריינפאָרען קיין ברסלב זיך געזעגענען זיך מיט דעם רבי'ן ז"ל. וואָרום ער האָט געוואוסט אַז דער שטייגער פון אַ בעל עגלה וואָס ער פאָרט קיין באַרדיטשוב אַז ער נעמט זיך נישט אין וועג אַריין ביז ערשט פאַרנאַכט, און דאַמאָלסט איז געהעזען אין מיטען זומער וואָס די טעג זיינען זייער לאַנג און פון נעמירוב ביז ברסלב איז ווייט 18 מייל (ווערסט) וועט ער נאָך האָבען די מעגלעכקייט צו פאָרען און זיך נאָך צוריק אום קערען נאָך איידער מען וועט פאָרען קיין באַרדיטשוב.

און כאָטש ער האָט דערזוייל נישט געקראָגען קיין וואָגען צו פאָרען קיין ברסלב אָבער פון זיין גרוים ביינקעכץ האָט ער אָנגעהויבען גיין צו פוס, און אין איינוועגס האָט ער געבעטען און געשריגען צום אויבערשטען. און השי"ת האָט אים מזמין געווען אַ וואָגען אויף דעם וועג און ער איז געפאָרען קיין ברסלב און אַז ער איז אָנגעקומען צום רבי'ן ז"ל האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען און צו שמועסען מיט אים אַזוי ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען, אין מיטען שמועסען איז דער רבי ז"ל מיט אים אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען און ער איז געגאַנגען און גערעדט מיט אים ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם באַרג וואָס ער איז פון יענער זייט טייך און ער איז אַריין מיט אים אין זייער אַ לאַנגען שמועס.

ער האָט דאַמאָלסט מיט אים גערעדט פון דעם ענין וואָס עס ווערט געברייגגט אין לקוטי מוהר"ן חלק א' תורה נ"ב, וואָס ער שמועסט דאָרטען פון די וואָס בלאָנדזשען און זיי זאָגען אַז די וועלט איז אַ מחויב המציאות. איז פונוואַנען נעמט זיך דער טעות זייערער, זאָגט דאָרטען דער רבי ז"ל אַז דאָס נעמט זיך ווייל אין

אמת'ן אַצינדערט ווייל עס געפינען זיך די אידישע נשמות אויף דער וועלט איז צוליב זיי מוז שוין די וועלט עקזיסטירען. אָבער די נשמות ישראל אַליין ווען זיי זיינען באַשאַפען געוואָרען מיט אַלע וועלטען וואָס זיי זיינען אַנגעהאַנגען אין זיי אַלעם איז געווען אפשרי המציאות, דאָס הייסט, אַז עס איז געווען מעגלעך אַז דער אויבערשטער זאָל זיי יאָ באַשאַפען אָדער ער זאָל זיי ניט באַשאַפען, אָבער וויבאַלד אַז השי"ת האָט איינגעוויליגט אַז ער זאָל באַשאַפען די נשמות ישראל איז דאַמאָלסט שוין געוואָרען די גאַנצע וועלט מחויב המציאות, דאָס הייסט, אַז זי מוז שוין עקזיסטירען צוליב די אידישע נשמות וואָרום אויף דעם אופן זיינען זיי באַשאַפען געוואָרען אַז צוליב זיי זאָלען אַלע וועלטען באַשאַפען ווערען און זיי זאָלען געהוועלטיגען אויף אַלעם און פון דעם איז נשתלשל געוואָרען דער טעות ביי די פאַרבלאַנדזשעטע. אָבער אין אמת'ן איז נאָר דער אויבערשטער אַליין איז מחויב המציאות און דער עיקר כוונה וואָס ער האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט צוליב די אידען איז כדי די אידען זאָלען טאָן זיין רצון און זיי זאָלען זיך אומקערען און נכלל ווערען אין דעם אויבערשטען וואָס ער איז מחויב המציאות וואָס נאָר צוליב דעם איז השי"ת כביכול מחויב צובאַשאַפען און אויף צוהאַלטען אַלע וועלטען צוליב די אידען כדי זיי זאָלען טאָן זיין רצון.

און דערפאַר דאַמאָלסט דוקא אַז מען טוט דעם רצון פון השי"ת ווערט מען נכלל אין השי"ת וואָס ער מוז עקזיסטירען אַזוי אויך ווער עס איז כלול אין אים מוז אויך עקזיסטירען. אָבער זוכה זיין צו דעם אַז מען זאָל נכלל ווערען אין השי"ת דאָס קען מען נישט אַנדערש נאָר דורך ביטול, דאָס הייסט, אַז ער זאָל זיך אינגאַנצען מבטל זיין ביז ער וועט נכלל ווערען אין השי"ת. און עס איז אום מעגלעך אַז מען זאָל צוקומען צו דעם ביטול נאָר דורך התבודדות וואָרום דורכדעם וואָס ער איז זיך מתבודד און רעדט אויס דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען דורך דעם איז ער זוכה מבטל צו זיין אַלע תאוות און מדות ביז ער איז זוכה מבטל זיין די גאַנצע גשמיות און ער ווערט נכלל אין שורש. אָבער דער עיקר התבודדות איז ביי נאַכט ווען די מענטשען זיינען פריי פון אַלע טרדות העולם הזה וואָרום ביי טאָג דורך דעם וואָס די מענטשען יאָגען נאָך דעם עולם הזה דאָס איז מבטל און מבלבל דעם מענטשען פון זיך מדבק זיין און נכלל ווערען אין השי"ת און אפילו אַז דער מענטש אַליין איז נישט

טרוד פונדעסטוועגען וויבאלד אַז די גאַנצע וועלט איז יאָ טרוד איז אים שוין שווער צו קומען צו דעם דאָזיגען ביטול.

און אויך באַדאַרפמען אַז דאָס התבודדות זאָל זיין אויף אַן אָפּגעזונדערטען פּלאַץ, דאָל מיינט מען אין דרויסען פון שטאָט, און אויך אויף אַן אָפּגעזונדערטען וועג, וואָרום אויף דעם פּלאַץ וואו מענטשען גייען דאָרטען ביי טאָג האָט זיי יאָגען נאָך דעם עולם הזה, כאָטש אַצינדערט ביי נאַכט גייען זיי דאָרטען ניט, איז דאָס אויך מבלבל דאָס התבודדות און ער קען זיך נישט מבטל זיין און נכלל ווערען אין השי"ת. איבער דעם באַדאַרפמען אַליין צו גיין ביי נאַכט אויף אַ באַזונדערען וועג אויף אַ פּלאַץ וואו מענטשען זיינען דאָרטען נישטאָ און דאָרטען זאָל ער זיך מתבודד זיין און ער זאָל אָפּטאָן פון זיין האַרצען און פון זיין געדאַנק אַלע עסקים פון די וועלט און ער זאָל אַלעס מבטל זיין ביז ער וועט זוכה זיין צו דעם אמת'ן ביטול, און דאַמאָלסט וועט זיין נפש נכלל ווערען אין דעם שורש, דאָס הייסט אין השי"ת וואָס ער איז מחויב המציאות, דאַמאָלסט ווערט נכלל די גאַנצע וועלט מיט זיין נפש אין דעם שורש וואָס ער איז מחויב המציאות. דאַמאָלסט מוז שוין די גאַנצע וועלט עקזיסטירען אין דעם זכות פון דעם מענטשען.

נאָכער האָט דער רבי ז"ל דעם גאַנצען שמועס איינגעטייטשט אין די משנה אין אבות פרק ג', רבי חנינא בן חכינאי אומר הניעור בלילה והמהלך בדרך יחידי ומפנה לבו לבטלה הרי זה מתחייב בנפשו. הניעור בלילה, דאָס הייסט אַז איינער איז אויף ביי נאַכט כדי צו האָבען התבודדות, והמהלך בדרך יחידי, דאָס הייסט אַז דער בעסטער התבודדות איז אַז מען גייט אויף אַ באַזונדערען וועג וואָס אפילו ביי טאָג גייען דאָרטען נישט קיין מענטשען, ומפנה לבו לבטלה, דאָס הייסט ער זאָל אָפּטאָן פון זיין האַרצען אַלע עניני עולם הזה און ער זאָל זיך מבטל זיין צום אויבערשטען, הרי זה מתחייב בנפשו, דאָס הייסט אַז ער האָט דאָס מקיים געווען דאַמאָלסט איז די וועלט מחויב צו עקזיסטירען צוליב אים.

איז פון דעם שטאַרק זיכקייט וואָס ר' נתן ז"ל האָט דערשפּירט אין די דאָזיגע זיסע ווערטער פון דעם רבי'ן ז"ל איז ער בטל געוואָרען פון זיין גשמיות און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען, גוואַלד, איך וועל לויפען אין די גאַסען, און איך וועל שרייען, וואָס קלערען די מענטשען און זיי זיינען זיך עוסק אין פוסטע נאַרישקייטען. און פון דעם גרויסען ברענונג פון זיין האַרצען וואָס

ער איז ממש אַרוים מגדר אנושי האָט ער טאַקע באמת געוואָלט
ליפען און שרייען. איז באַלד האָט דער רבי ז"ל אים אָנגעכאַפּט
ביי זיין בגד און האָט אים געזאָגט, שטיי, דו וועסט גאָרנישט פועל'ן.

נאָכער האָט ער זיך געזעגענט מיטן רבי'ן ז"ל און ער איז אַ
היים געפאָרען, און פון דאָרטען איז ער געפאָרען קיין באַרדיטשוב
איינקויפען די סחורה, און זיין לעבען איז אים ממש נמאס געוואָרען
פון זיין גרוים פאַרביטערט האַרץ וואָס עס שטערט אים אַ ביסעל
פון עבודת ה', איבער דעם באַלד ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון
באַרדיטשוב מיט די סחורה קיין נעמירוב, נאָך איידער ער האָט
נאָך באַוויזען צו זאָגען זיין ווייב דעם פרייז פון יעדער סאָרט סחורה,
איז ער געגאַנגען אויף גיך אין בית המדרש זיך אומצוקערען צו
עבודת ה'. און זיין ווייב איז געווען די טאָכטער פון אַן אב בית
דין, ר' דוד צבי ז"ל, און זי האָט קיינמאָל נישט געפּרואווט צו זיצען
אַ גאַנצען טאָג אין אַ געשעפט, און ווער שמועסט נאָך אַז זי זאָל
וויסען פון די רשימות פון די צעטלען וואָס ער האָט געבראַכט
צוזאַמען מיט די סחורה אַז זי זאָל פון דעם אַלעמען וויסען גענוי די
פרייזען, דאָס איז אַ ודאי אוממעגליך געווען. און אַז עס איז אַריין
אַ קונה אין געשעפט אַריין האָט זי געמוזט לויפען צו אים אין בית
המדרש אַריין פרעגען אים דעם פרייז, און אַז די משפחה האָט דאָס
געזעהן האָבען זיי געזאָגט אַז דאָס איז אויך נישט קיין עצה און
זיי האָבען געזען אַז אַן אַנדער מענטש זאָל איינקויפען די סחורה,
און זיין ווייב האָט גענומען אויף זיך דעם גאַנצען עול פון די קליידט
פון אינדערפרי ביז אויף דער נאַכט.

אין אַ שטיק צייט אַרום איז בּאַ אים אַסאַך ווייניגער געוואָרן
זיין געלט, וואָרום דער רווח פון דעם געשעפט איז געווען זייער
קליין און עס איז שוין געווען אַ שטיק צייט וואָס ער איז שוין
אַראָפּ אויף אייגענע קעסט. און זיין ווייב איז שוין געווען איין
געוואוינט זיך צו פירען אַזוי ווי דער שטייגער איז פון די גבירים,
און אַזוי ווי זי האָט פון שטענדיג אָן געזען ביי איר פאָטער און
ביי איר שווער. איז צוליב דעם אַלעמען האָט שוין געפעלט ביי אים
זייער אַ סאַך פון זיין געלט. האָט זי אָנגעהויבען צו טענה'ן מיט
אים איבער אַנייעס פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי אָפּגעלאָזט פון די
וועלט. און ער ווייטער האָט אָנגעהויבען איבער אַנייעס צו פאַרשטאָפּן
די אויערען כדי ער זאָל נישט הערען אירע רייד.

איינמאָל איז ער אהיים געקומען פאַר נאַכט-מאָל און זי האָט אָנגעהויבען צו ריידען מיט איס, און האָט אים פאַרגעשטעלט דעם שווערען מצב. האָט ער באַקומען פון דעם אַ גרויסען חלישות הדעת. וואָרום זי האָט אים דערציילט פון איר גרוים ענגשאַפט און אַז זי איז שוין אפילו שולדיג אַ ביסעל געלט פאַר סוחרים וועגען די שטוב זאַכען, וואָרום דער ריווח פון דעם געשעפט איז זייער קליין און די הוצאה איז זייער גרוים. איז ער זייער פאַרביטערט געוואָרען פון אירע רייד און ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער און האָט זיך אָנגערופען, רבוש"ע איידער מען ווערט אַן ערליכער איד מוז דאָך זייער לאַנג געדויערען, דערהוויל גיב מיר פרנסה. האָט ער דערציילט אַז עס איז דאַמאָלסט ביי אים מקוים געוואָרען אַזוי ווי אין פסוק שטייט, והי' טרם יקראו ואני אענה, עס וועט זיין נאָך איידער זיי וועלען רופען וועל איך ענטפערען. וואָרום נאָך איידער ער האָט גערעדט די דאָזיגע רייד האָט דער אויבערשטער שוין מקדים געווען די רפואה פאַר די מכה. און האָט אים שוין צוגעגרייט אַן אָרט וואָס ער זאָל זיך פון דעם מפרנס זיין און ער זאָל גאָרנישט באַדאַרפען צו טאָן. וואָרום אין דער זעלבער צייט האָט זיך צוזאַמען געטראָפען זיין פאָטער מיט זיינע שותפים, און דער אויבערשטער האָט געהאָלפען אַז זיי האָבען באַקומען זייער אַ גרוים רחמנות אויף ר' נתן ז"ל. און זיי האָבען אָנגעהויבען צו ריידען אין שטאַרק אויסצו'מוסר'ן ר' נתנ'ס פאָטער פאַרוואָס ער וויל נישט וויסען און רחמנות האָבען אויף אַזאַ טייערען זון וואָס ער פאַרמאָגט. און ער האָט זיך פאַרענטפערט וואָס קען איך אים טאָן, ער האָט שוין געגעסען ביי מיר עטליכע יאָר קעסט, און איך האָב אים אויך געהאָלפען אַ ביסעל מיט געלט, און וואָס קען איך אים נאָך טאָן. איך האָב דאָך נאָך קליינע קינדער וואָס זיי זיינען מוטל אויף מיר.

האָבען אים די שותפים אַן עצה געגעבען, אַז ער זאָל צונעמען דאָס ביסעל סחורה וואָס עס געפינט זיך נאָך ביי ר' נתן אין געשעפט, און ער זאָל דאָס אָפשאַצען וויפיל דאָס האָט געווערט, און זאָל דאָס אַריינעמען אין זייער שותפות געשעפט וואָס זיי האָבען געהאַט אין אַדעס, און וויפיל עס וועט אויסקומען ריווח אויף זיין חשבון אַחוץ וואָס זיין פאָטער וועט מוותר זיין און אים צולייגען אַ ביסעל איז פון דעם אַלעמען וועט ער האָבען פון וואָס זיך מפרנס זיין.

און טאַקע באַלד האָט זיין פאָטער אים געשיקט רופען און האָט אים דאָס אַלעס מודיע געווען און מען האָט אַזוי געמאַכט, און

דאָס האָט זיך אַזוי געצויגען ביז עטלעכע יאָר נאָך דעם רבי׳נס הסתלקות, וואָס ער האָט געהאַט פרנסה בכבוד. און שפּעטער אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט אָנגעהויבען זיין פאָטער זייער אָרעם ווערען און דאָס האָט דערלאַנגט ר׳ נתן׳ען אַ גרויסען היזק. און פונדעסטוועגן האָט ער נאָך נישט באַדאַרפט אָנצוקומען צו מענטשען ביז אַכט יאָר נאָך דעם רבי׳נס הסתלקות. דאַמאָלסט ערשט האָט ער אָנגעוואָרן זיין גאַנץ פאַרמעגען, ביז ער האָט פאַרקויפט אַלע זיינע טייערע כלים וואָס ער האָט פאַרמאָגט וואָס זיי זיינען ביי אים געווען פון דער צייט וואָס ער איז נאָך רייך געווען. און ער האָט געזאָגט אַז דעם ערשטען מאָל וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו עסען מיט אַ הילצערנעם לעפעל זיינען אַריבער געגאַנגען וויפיל וואָכען וואָס ער האָט נישט געשפּירט קיין טעם אין עסען. און סיי ווען ער איז אָרעם געווען און סיי ווען ער איז רייך געווען האָט ער עוסק געווען סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט אין תורה און תפלה, און ער פלעגט אויך עוסק זיין צו שמועסען מיט מענטשען אַז זיי מעורר זיין צו עבודת ה׳, אַזוי ווי דער רבי ז״ל האָט אים אָנגעזאָגט.

זיין גאַנץ פירונג איז געווען מיט זייער אַ גרויס גיכקייט און זריזות, אַזוי ווי למשל זיין גיין אין מקוה אַריין יעדען אינדערפרי. ער פלעגט גיין און זיך אויסטאָן און זיך אָנטאָן מיט אַ שטאַרק שנעלקייט אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אַז איינער זאָל קענען זיך אויסגלייכען מיט אים, און אַזוי אויך ביים שרייבען פלעגט די פען פליען פון אונטער זיין האַנט וואָס דאָס איז געווען אַ וואונדער אין די אויגען פון די אַלע וואָס האָבען געזען. און אַזוי אויך די איבעריגע זיינע מעשים זיינען געווען מיט זייער אַ גרויס וואונדערלעך גיכקייט. און אויך דער רבי ז״ל האָט זיך געהאַט אַמאָל פאַרוואונדערט אויף זיין גרויס זריזות און ער האָט געזאָגט אַז ער וועט בוודאי זוכה זיין צו זיין דורך דעם אַ באַגלייבטער פאָסטוך אויף די אידען, אויך פלעגט ער שטענדיג האַלטען אַ זייגער אַנטקעגען זיינע אויגען און ער האָט געהיט אַלע זיינע שעות און מינוטען מיט די גרעסטע שמירה. און אפילו ווען ער האָט אַמאָל באַדאַרפט צופאָרען ערגעץ איז אפילו דאַמאָלסט זיצענדיק אויף דעם וואָגאָן פלעגט ער אויך אַסאַך לערנען און דאַווענען און שרייען צום אויבערשטען בבלות הנפש ממש און קיין זאַך אין דער וועלט האָט נישט מבלבל געווען זיין געדאַנק עס זאָל אים מבטל זיין פון זיין עבודה אפילו אַ רגע.

און אויב מיר וועלען מערען אין זיינע שבחים וועט זיין

ווייניק פּאַפּיר אַלעם אַרויסצוגעבען. אַזוי ווי ער איז געווען באַוואוסט ביי די אַלע וואָס האָבען אים געקענט ביז דעם טאָג פון זיין הסתלקות, דאָס פון דעם טאָג וואָס ער איז מקורב געוואָרען צום רבי'ן ז"ל האָט זיך אָנגעצונדען זיין הארץ מיט זייער אַ שטאַרקען פלאַם פייער וואָס מען קאָן דאָס נישט באַגרייפען. און דער געדאַנק אַז מען וועט מוזען שטאַרבען האָט זיך גאָר נישט אָפּגעטאָן פון זיין געדאַנק אפילו אויף איין שעה. און וועדליג דאָס טיפעניש פון זיינע געדאַנקען וואָס ער האָט אַריינגעטראַכט אין דעם גיבקייט ווי עס פליט אַוועק די צייט פון דעם לעבען פון דעם מענטשען אויף די וועלט וואָס אַזוי ווי גאָרנישט ווערט דאָס גערעכענט אַנטקעגען דאָס לעבען פון די אייביגע וועלט. און אויך אין דעם גיבקייט ווי די צייט פליט אין די וועלט איז דער מענטש איינגעשטעלט יעדען רגע.

און ביי אים אין די אויגען זיינען געווען גערעכענט די אַלע וואָס זיינען עוסק אין די נאַרישקייטען פון די וועלט אַזוי ווי משוגעים ממש. כאָטש ער איז אויפגעוואַקסען געוואָרען ביי רייכע עלטערען אין פונדעסטוועגען האָט ער פאַר'מיאוס'ט דאָס גאַנצע רייכקייט מיט דעם גאַנצען כבוד, און ער האָט מקבל געווען אויף זיך אַלע סאָרטען בזיונות און רדיפות וואָס האָבען אים געיאָגט זיין פאָטער און זיין ווייב און זיין גאַנצע משפחה און ער האָט געמערט צו שרייען און צו בעטען דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אים העלפען אַז ער זאָל זיין אַזוי ווי זיין רצון איז מיט אַלע פאַרבאַרגעניש פון הארצען ביז דעם אינווייניקסטען פינטעל פון הארצען. ביז ער האָט אויך זוכה געווען צו גאָר אַ גרויסע מדריגה.

און דאָס הייליגע פייער פון דעם רבי'ן ז"ל און פון זיינע פאַרכטיגע ווערטער האָט געברענט אין ר' נתן'ס הארצען אַזוי ווי אַ פלאַם פייער ממש, און נישט אומזיסט האָט דער שטן געמאַכט רעש'ן אויף אים ארץ ומלואה. וואָרום ווען נישט דאָס מחלוקת וואָלט ער געווען אומגעקערט דעם גאַנצען כלל ישראל בתשובה שלימה ווען מען וואָלט נישט זיך דערהויטערט פון אים און פון זיינע פאַרכטיגע ווערטער.

— ב —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר' שמעון ז"ל, דעם רבי'נס ערשטער תלמיד.**

**ר' שמעון** ז"ל פלעגט טאָן אין געשעפט און פונדעסטוועגן פלעגט ער אין מיטען עוסק זיין אַ סך אין עבודת ה', און אויך

האָט ער אַ סך עוסק געווען אין התבודדות אויף דעם פעלד אַמאָל ביי טאָג און אַמאָל ביינאַכט. אַמאָל האָט ער זיך באַזעצט אויף אַ קרעטשמע וואָס איז געווען נאָענט צו אַ שטאָט כדי עס זאָל אים גרינג זיין צוגיין אין וואַלד אַריין ווען ער וועט וועלען האָבען התבודדות. און אויך ווען ער איז געקומען אין ארץ ישראל האָט ער זיך דאָרטען אויסגעקליבען אַ אָרט אין דרויסען פון שטאָט וואָס איז נאָענט צו אַ פעלד אויף אַ פלאַץ וואו מענטשען געפינען זיך דאָרטען ווייניג, און דאָרטען האָט ער אַ סך עוסק געווען אין עבודת ה' בפרט אין תפלה מיט התבודדות ביז זיין פטירה.

אויך פלעגט ער עוסק זיין צו מאַכען חידושי תורה. און אַמאָל איז ער געפאָרען צוזאַמען מיט ר' נתן ז"ל האָט ר' נתן ז"ל געזען זיינע כתבים זיינען זיי אים שטאַרק געפעלען, האָט ר' נתן ז"ל זיי צוגענומען כדי ער זאָל זיי מעתיק זיין און זיי נאָכדעם דרוקען, האָט זיך ר' שמעון געמאַכט אַזוי ווי ער שוויגט און ער זאָגט גאָרנישט, און ער האָט געוואַרט ביז זיי זיינען אָנגעקומען אויף אַן אכסניא, און ער האָט אַלעם נאָכגעקוקט ביז ר' נתן ז"ל האָט זיך מסיח דעת געווען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די כתבים פון ר' נתן ז"ל און האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין אויבען אַריין, און זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען.

— ג —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר' דוב מטשערין ז"ל.**

**ר' דוב** מטשערין ז"ל האָט אַלע זיינע יאָרן עוסק געווען אין משא ומתן, און דער רבי ז"ל האָט אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל אָפּשיידען אַ פינפטעל פון אַלעם וואָס ער וועט פאַרדינען און דאָס זאָל ער צוטיילען פאַר אָרעמעלייט. און אַזוי האָט ער זיך געפירט כל זמן ער האָט געלעבט. און פאַר זיין פטירה האָט ער זיך אָנגערופען מיט דעם לשון: מיט מיין חומש האָב איך קיין מורא נישט אפילו פאַר דעם בית דין של מעלה וואָרום עס וועט נאָך מיר קומען רעשט. און ער איז מקורב געוואָרען צום רבי'ן ז"ל נאָך אַ סך יאָרען פריער פאַר ר' נתן ז"ל, און דורך אים איז מקורב געוואָרען ר' יודעל און ר' שמואל אייזיק ז"ל פון דאשיב.

און די מעשה איז אַזוי געווען: אַלס אַ יונגערמאַן האָט ער געגעסען קעסט ביי זיין שווער אין דער שטאָט דאַשיב, און דאָרטען האָט ער זיך באַקענט מיט ר' יודעל און מיט ר' שמואל אייזיק.

ווען ער האָט באַדאַרפט זיך אומקערען מיט זיין ווייב צו זיין פאָטער וואָס האָט געוואוינט אין אַ דאָרף וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון מעדוועדובקע, האָט אים ר׳ יודיל ז״ל אָנגעזאָגט אַז ער זאָל נישט אַריינגיין צום רבי׳ן ז״ל. און מחמת דאָס גרויסע ליבשאַפט וואָס איז געווען צווישען אים מיט ר׳ יודיל זיינען אַריינגעגאַנגען די ווערטער אין זיין האַרצען און ער איז צוליב דעם געווען דער־ווייטערט פון דעם רבי׳ן ז״ל.

נאָכדעם אַז עס איז אַריבער אַ שטיקעל צייט האָט אַמאָל פּאַסירט אַז עס האָט זיך געשטאַרקט איבער אים די מרה שהורה מיט אַ גרויסען צער פון עפּעס יסורים וואָס זיינען אַריבער דאַמאָלסט איבער אים, און עס איז מקויים געוואָרען ביי אים אַזוי ווי אין פסוק שטייט: ווען עס וועט דיר איינג זיין און עס וועט דיר טרעפן דאָס אַלעס איז דעמאָלט וועסטו זיך אומקערען ביז דעם אויבערשטען. אַזוי אויך ביי אים דורך די יסורים וואָס ער האָט דאַמאָלט געהאַט איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן ז״ל, און האָט דערקענט זיין אמת און דעם אמת פון זיינע פאַרכטיגע ווערטער. און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אָנגעהויבען עוסק זיין אין עבודת ה׳ מיט אַ גרויס התעוררות ויראת שמים און אויך מיט אַ וואונדערליכען צמצום, אַזוי ווי דער רבי ז״ל האָט אים אָנגעזאָגט. ווערדליג ער האָט געוואוסט דעם צוגאַנג פון זיין נפש אַז ער באַדאַרף שטאַרק אכטונג געבען אויף זיין געזונט און ער טאָר נישט טאָן מערער וויפיל ער קען.

אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָט השי״ת מסבב געווען אַז ער האָט באַדאַרפט צופאָרען נאָכאַמאָל צו זיין שווער קיין דאַשיב מיט זיין ווייב, האָט ער געפרעגט דעם רבי׳ן ז״ל ווי אַזוי ער זאָל זיך פירען מיט ר׳ יודיל, האָט אים דער רבי ז״ל געזאָגט אַז ער זאָל אים נישט פאָלגען און זיך גאָרנישט צוהערען צו אים.

דער דאָזיגער ר׳ דוב ז״ל האָט געוואָלט אויפשטיין האלבע נאַכט פראַווען תיקון חצות. האָט ער אָנגעזאָגט אַ גוי אַז ער זאָל אים אויפוועקען, און אַז דער גוי האָט אים איפגעוועקט און ער איז זיך אָוועקגעגאַנגען פלעגט ער זיך צוריק לייגען שלאָפען. האָט ער געזען אַז דאָס איז נישט קיין עצה, האָט ער זיך באַרעכענט און האָט אָנגעזאָגט דעם גוי אַז ער זאָל נישט אַוועקגיין פון אים ביז ער וועט זיך טאַקע אויפהויבען און אָנטאָן זיינע קליידער, און ער האָט אַזוי געטאָן. און צוליב דעם איז ער אַ ביסעל מבולבל געוואָרען אין באַקומען קאַפּ-ווייטאָג, און ער האָט געהאַט זייער

גרויסע יסורים און ער איז כמעט פון די געדאנקען אראפ. אבער ווען ער איז מקורב געווארען צום רבי'ן ז"ל, האט זיך ר' דוב'ס מוטער פארקלאגט פאר'ן רבי'ן ז"ל אז ער איז א ביסעל מבולבל פון וויייניג שלאפען. האט אים דער רבי ז"ל געזאגט מיט דעם לשון: שלאף און עס, נאר היט די צייט. אין א שטיקעל צייט ארום וועסטו קומען צו מיר און דו זאלסט מיך פרעגען וויאזוי זיך נוהג זיין. און אזוי איז טאקע געווען און דער רבי ז"ל האט אים געזאגט אז ער זאל אויפשטיין יעדער נאכט 3 אזייגער. און אזוי איז טאקע געווען. און די אידען וואס פלעגען אויף זיין ביינאכט אין בית המדרש און לערנען, האבען שוין געוואוסט אז ר' דוב גייט איז א סימן אז עס איז שוין 3 אזייגער.

און דער רבי ז"ל האט געזאגט אויף אים אז ער האט אזוי שטארק מורא פאר דעם אויבערשטען אזוי ווי מען לייגט איינעם אוועק שמייסען באַ דעם הסישען, און דער דאזיגער ר' דוב האט שפעטער גענומען פאר אן אידעם דעם רבי'נס אן אייניקעל וואס ער האט געהייסען ר' אברהם דוב ז"ל, נאכער וואס ער האט אפ גע'גט משה חינקעס טאכטער. און דער ר' דוב האט אים געגעבען 10 טויזענט רובעל נדן.

נאך ר' נתן'ס הסתלקות פלעגט ר' משה ברסלבר זיין איין געוואוינט צו קומען צו ר' אברהם דוב ז"ל דעם רבי'נס אייניקעל און שמועסען מיט אים פון ר' נתן ז"ל. אמאל איז ער געקומען און ער האט נישט געטראפען דעם ר' אברהם דוב ז"ל, האט ער שוין געוואלט אוועקגיין. רופט זיך אן ר' דוב צו ר' משה ברסלבר, איר קענט דאך שמועסען מיט מיר. האט ער אים געענטפערט, איר זענט דאך נאך פון די תלמידים פון דעם רבי'ן ז"ל, ווייס איך דען ווי צו ריידען מיט אייך. האט זיך ר' דוב ז"ל צו אים אנגערופען, זאלסט מיר גלייבען אז איר ווייסט מערער פון דעם רבי'ן דורך ר' נתן'ען א סך מערער וויפיל מיר ווייסען פון דעם רבי'ן ז"ל דורך דעם רבי'ן אליין.

און אזוי ווי ר' דוב איז אנגעקומען צוריק קיין דאשיב, און ר' יודיל איז באלד געוואויר געווארען אז ר' דוב איז שוין מקורב געווארען צום רבי'ן ז"ל ווען ער איז געווען אין מעדוועדעווקע, און ווייל דאס הארץ פון ר' יודיל האט אויך זייער געביינקט צום אמת, דערפאר האט ער גארנישט מקפיד געווען אויף ר' דוב צוליב דעם. ווארום ער האט זיך גוט איינגעקוקט און ער האט געזען אז

ר׳ דוב האָט זיך פאַרבעסערט אין תורה און תפלה, וואָס פריער האָט ער דאָס נישט געזען ביי אים. דערפאַר איז פונקט פאַרקערט, ער איז צו אים געגאַנגען און האָט אים געבעטען אַז ער זאָל אים דערציילען אַ פּאָר סיפּורים פון דעם רבי׳ן ז״ל. און ער האָט אַזוי געטאָן ביז ר׳ יודיל ז״ל מיט זיין חבר ר׳ שמואל אייזיק ז״ל זיינען זייער נתלהב געוואָרען צופאָרען צום רבי׳ן ז״ל. און כאָטש זיי האָבען נישט געהאַט אויף הוצאות אויף צופאָרען אַזוי וויט, וואָרום פון דאַשיב ביז מעדוועדובקע איז וויט בערך 200 מייל, אָבער פון זייער גרוים התעוררות און בייגקעכץ וואָס זיי האָבען געהאַט איז ביי זיי מוסכם געוואָרען צו גיין צום רבי׳ן ז״ל צופוס. אויף דעם וועג זיינען זיי אַדורכגעגאַנגען די שטאָט טיראַוויצע, זיינען זיי אַריין אין בית המדרש פון דעם טיראַוויצער מגיד ז״ל. און זיי האָבען געמאַכט דאָרטען אַ גרוים התעוררות ביי אַפּאָר מענטשען אַז זיי זאָלען אויך פאָרען און מקורב ווערען צום רבי׳ן ז״ל.

און דער דאָזיגער ר׳ יודיל איז געווען אַ חשוב׳ער מענטש ביי זיינע שטאָט מענטשען, און ער האָט אויך געהאַט אַ ידיעה אין כתבי האר״י ז״ל, וואָרום ער איז געווען אַ איידעם ביי הצדיק הקדוש ר׳ לייב מסטרעסטיניץ ז״ל, און זיין שווער האָט מיט אים געלערענט קבלת האריז״ל. און אַז ער איז אָנגעקומען צום רבי׳ן ז״ל האָט ער אָנגעהויבען צורעדען מיט גרויסקייט, און ער האָט אים געזאָגט, זאָל אונז דער רבי לערנען אַ וועג וויאַזוי צו דינען דעם אייבערשטען. האָט אים דער רבי ז״ל געענטפערט מיט אַ לשון ווי איינער פאַרוואונדערט זיך „לדעת בארין דרכך?״ — דאָס מיינט מען, אַז מען ליגט טיף אין דער ערד, איז וויאַזוי וויל מען וויסען אַ וועג ווי אַזוי צודינען דעם אויבערשטען (אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין דעם ספר שיחות הר״ן אות רצ״ב). און דאַמאָלסט האָט דער רבי ז״ל אויף אים אַרויפגעוואָרפען זייער אַגרויסע מורא מיט גאָר אַגרויסען שרעק. ביז ער האָט זיך אָפּגעדוקט אויף צוריק מיט אַ גרויסע בהלה און ער איז געבליבען שטיין ביי די טיר, און ער האָט מורא געהאַט צוגיין ווייטער. האָט דער רבי ז״ל אָנגעהויבען אים צו ווייזען אַ פריילעך פּנים און האָט פון אים אַראָפּגענומען דעם פחד אַביסעל, און ער האָט אים געזאָגט וואָס האָסטו מורא פאַר מיר איך בין דאָך אַ מענטש פונקט ווי דו, נאָר איך בין קליגער פון דיר. און ער האָט אים צוגעזויגען מיט זיינע זיסע ווערטער ביז ער האָט זיך צוריק דערנענטערט צום רבי׳ן ז״ל. נאָכדעם האָט דער

רבי ז"ל ווייטער אַרויפגעוואָרפען אויף איםאַ אימה ופחד ביז ער האָט זיך ווייטער אָפגערוקט אויף צוריק ביז צו דער טיר. האָט ווייטער דער רבי ז"ל אָנגעהויבען איםצוווייזען אַ פריילעך פנים און האָט ווייטער אַראָפגענומען דעם פחד פון אים, און האָט אים ווייטער דאָס זעלבע געזאָגט, פאַרוואָס האָסטו מורא פאַר מיר איך בין דאָך אַ מענטש גלייך ווי דו נאָר איך בין קליגער פון דיר. ביז ער האָט אים ווייטער צוגעצויגען צו זיך נאָכאַמאָל, אַזוי איז געוועןאַ סך מאָל. ביז דער רבי ז"ל האָט אים געהייסען זיך מתוודה זיין, דאָס הייסט, ער זאָל אַלס דערציילען וואָס עס איז אויף אים אַריבער געגאַנגען.

און פון דאַמאָלט אָן זיינען זייער שטאַרק פאַרבונדען געוואָרען ר' יודיל ז"ל און ר' שמואל אייזיק ז"ל צום הייליגען רבי'ן ז"ל. און זיי האָבען מרבה געווען פון טאָג צו טאָג עוסק זיין אין עבודת ה' מיט תורה און תפלה און מעשים טובים מיט זייער אַ שטאַרק התעוררות ביז דעם טאָג פון זייער פטירה. און זיי האָבען אויך אַ סך געמערט מחדש זיין חידושי תורה און זיי זיינען געוואָרען גרויסע צדיקים. (אמר המו"ל: איך האָב געהערט אַז דער צדיק ר' לייב מסטרעסטינעץ ז"ל איז געקומען נאָך זיין הסתלקות צום רבי'ן ז"ל און האָט אים געבעטען אַז ער זאָל מקרב זיין זיינע קינדער און אַזוי איז טאַקע געווען אַז עס זיינען מקורב געוואָרען כמעט אַלע זיינע קינדער צום רבי'ן זצ"ל).

אין דער צייט וואָס דער דאָזיגער ר' יודיל ז"ל איז מקורב געוואָרען צום רבי'ן ז"ל אין מעדוועדובקע האָט ער געבעטען דעם רבי'ן ז"ל אַז ער וויל זען עפּעס אַ מופת פון אים. האָט אים דער רבי ז"ל געזאָגט וואַרט דאָ צו ביז נאָך שבת און דאַמאָלסט וועסטו זען. האָט ער אַזוי געטאָן און ער האָט צוגעוואַרט. און דער רבי ז"ל האָט אים דערציילט, אַז אין אַ דאָרף דאָ נאָענט זיצט דאָרטען איינער וואָס ער איז אַביסעל מקורב צו מיר, און ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, און ער איז געפאָרען אַ פאָר מאָל צו מיר און ער האָט מיך געבעטען אַז איך זאָל מעורר רחמים זיין פאַר אים אַז ער זאָל נפקד ווערען מיט קינדער, און איך האָב אים צוגעזאָגט אַז מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף וועט אים געבוירען ווערען אַ זון. אָבער איך האָב אויסגענומען מיט אים אַ תנאי אַז יעדען האַלבען יאָר זאָל ער מיר געבען אַ רענדעל, און אַזוי איז געווען. און דער מענטש איז נפקד געוואָרען מיט אַ בן זכר, און ביז איצט האָט

ער מקיים געווען דעם תנאי, און יעדען האלבען יאר האט ער מיר געגעבען דעם רענדעל.

און איצט דעם דינסטאג וואס עס וועט זיין נאך שבת באדארף דער דאזיגער מענטש מיר בריינגען דאס רענדעל, און איך ווייס אז ער וועט נישט היטען איצט זיין צוזאג, און ער וועט מיר איפהערען צו געבען דאס רענדעל, ווייל זיין שוואגער רעט אים איין אז ער זאל מיר נישט געבען, און ער זאגט אים אז דאס קינד איז א מופת פון אנדערע צדיקים פון דעם דור, ווארום ער האט זיי אויך געגעבען פדיונות פון זיינט וועגען אז ער זאל געהאלפען ווערען מיט א קינד. און אזוי האט דער שוואגער גערעדט צו אים אזוי לאנג ביז ער האט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און ער האט ביי זיך אפגעמאכט אז ער זאל מיר מער נישט געבען דעם רענדעל. און איצט וועסטו זען אז אנשטאט דעם רענדעל וואס ער באדארף מיר בריינגען דינסטאג נאך שבת, וועט ער בריינגען זיין קינד אהער טויט, און אזוי איז געווען פינקטלעך אזוי ווי דער רבי ז"ל האט געזאגט (און עס זעט אויס אז מיט דעם רענדעל פלעגט דער רבי ז"ל מאכען א פדיון נפש כדי ממתיק צו זיין די דינים אז דאס קינד זאל זיך האלטען ביי אים. און אז ער האט איפגעהערט צו געבען דאס רענדעל פאר א פדיון האבען זיך געשטארקט די דינים אויף אים ביז דאס קינד איז נפטר געווארען, און ווען ער וואלט געפאלגט דעם רבי'ן ז"ל וואלט דאס קינד געווען געלעבט).

און נאך איז געווען א מעשה, וואס אמאל האט דער רבי ז"ל זיך מפלפל געווען מיט עטלעכע מענטשען וועגען א פשט אין גמרא, האבען זיך די מענטשען אנגערופען, זאל ר' יודיל זאגען ווער עס זאגט ריכטיג דעם פשט, זיי אדער דער רבי ז"ל. האט ר' יודיל געזאגט אז זיי זאגען ריכטיגער דעם פשט. האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופען צו אים, און אויב איך וועל דיר איפווייזען אז מיין פשט איז ריכטיגער וועט מען דיר געבען שמיץ? האט זיך ר' יודיל אנגערופען, אז ער איז מסכים. האט אים דער רבי ז"ל געוויזען אז ער איז גערעכט. און מען האט ר' יודיל געשמיסען. און ביי די שמיץ האט ר' יודיל געהאט חלישות הדעת, און עס האט אים אביסעל געארט, פארוואס קומט עם שמיץ. נאכדעם איז ער א היים געפארען און ער האט געטראפען זיין טאכטער שטארק קראנק. איז ער באלד צוריק געפארען צום רבי'ן ז"ל. האט דער רבי ז"ל אים דערציילט א מעשה, עס איז געווען אמאל אין דער

שטאָט דאַנציג אַ מיל וואָס זי פלעגט מאָלען אויף 24 שטיינער, האָט זיך דאָרטען אַריינגעכאַפּט דער נישט-גוטער און ער האָט נישט געלאָזט מאָלען. האָט אַ מכשף געגעבען אַן עצה אַז מען זאָל נעמען אַ שטיין פון די 24 שטיינער און ער זאָל זיך מאָלען מיט דעם זאמד, און דאַמאָלסט וועט ער אַפּלאָזען, און די איבעריגע שטיינער וועלען קענען אַרבעטען ווי געוויינלעך.

מיט דעם האָט דער רבי ז״ל אים מרמז געווען אויף זיין פאָטער אַז איינס פון די 24 ראשי אברים וועלען אָפּשטאַרבען און זי וועט געזונט ווערען. און אויך האָט דער רבי ז״ל אים דאַמאָלסט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען פאַרדראָסיג ווען מען האָט אים געגעבען די שמיץ וואָלט זי אינגאַנצען געזונט געוואָרען. און אַזוי איז טאַקע געווען אַז דער קליינער פינגער פון איר האַנט איז אינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען און זי איז געזונט געוואָרען.

און נאָך אַ מעשה איז געווען, אַז דער רבי ז״ל האָט אים געזאָגט ווען ער איז מקורב געוואָרען, איך וועל מיט דיר אויסנעמען אַ תנאי אַז דו זאָלסט קיין חסיד נישט זיין. און דער רבי ז״ל האָט דאַמאָלסט מסביר געווען, אַז זיין כוונה דערביי איז, אין דעם ענין פון נקיות מיט דעם טיי טרינקען, און מיט רויכערען די לולקע וואָס חסידים פאַרברייינגען צופיל צייט ביי דעם פאַר דעם דאַווענען.

און אַמאָל האָט פּאַסירט אין אָנפאַנג פון זיין התקרבות צום רבי׳ן ז״ל האָט מען אים געזאָגט אַז דער רבי ז״ל איז אין כעס אויף אים. האָט ער מורא געהאַט אַריינצוגיין צום רבי׳ן ז״ל. און נאָך דריי טעג וואָס ער איז נישט געווען ביים רבי׳ן ז״ל האָט ער זיך מיישב געווען אין ער האָט זיך געשטאַרקט און ער איז אַריין. האָט אים דער רבי ז״ל געזאָגט, אַז מען וויל מקורב ווערען צום אמת דאַמאָלסט שטאַרקט זיך דער שקר. און אַז דער מענטש שטאַרקט זיך אויף דעם שקר מיט די מניעות און ער צוברעכט זיי, דאַמאָלסט ווערט פון שקר קשר, דו וועסט שוין זיין מקושר צו מיר די גאַנצע צייט כל זמן דו וועסט לעבען.

און ר׳ יודיל ז״ל פלעגט זיך פירען ווען ער פלעגט פאָרען פון מעדוועדובקע קיין אומין אויף דעם רבי׳נס ציון ז״ל, איז ער געפאָרען דורך ברסלב, און ער פלעגט איינשטיין ביי ר׳ הירש לייב דער ברסלבר רב, און ער פלעגט אים יעדער יאָר דערציילען וויאַזוי ער איז מקורב געוואָרען צום רבי׳ן ז״ל. און ער פלעגט פאַרענדיגען אפשר ביי אייך איז דאָס אַלט, אָבער ביי מיר איז דאָס שפּיגעל ניי.

— ד —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ יצחק, החתן המגיד ר׳ יקותיאל מטירהאוויצע.**

**הרב** הצדיק ר׳ יקותיאל דער טיראוויצער מגיד ז״ל, ער איז געוועזן וואס ער האט זוכה געווען מערער פון אלע מפורסמים פון זיין דור זיך מכניע זיין פאר דעם רבי׳ן ז״ל, און צו שטיין פאר אים באימה ופחד. און אויך א סך פון זיינע מענטשען און זיינע קינדער זיינען דורך אים מקורב געווארען צום רבי׳ן ז״ל.

דער דאזיגער ר׳ יקותיאל ז״ל האט געהאט אן איידעם וואס ער האט געהייסען ר׳ יצחק ז״ל, און ער איז געווען אן איש מצויין און א מושלם בכל המעלות, א גרויסער למדן אין תורה, און ער האט כל ימיו עוסק געווען אין עבודת ה׳. ער איז נתגדל געווארען בבית הצדיק יסוד עולם ר׳ זוסיא זצ״ל, און פאר ר׳ זוסיא׳ם פטירה ז״ל האט אים זיין תלמיד ר׳ יצחק ז״ל געפרעגט צו וועלכען צדיק זאל ער מקורב ווערען. האט אים ר׳ זוסיא ז״ל געענטפערט, דער צדיק וואס ער וועט הייסען זיינע מענטשען אז זיי זאלען זיך מתוודה זיין פאר אים און ער וועט זיי געבען תיקונים אויף יעדער זאך, איז צו אים זאל ער מקורב ווערען.

אין א צייט ארום האט ער געהערט אז מען רופט די ברסלבר חסידים, די ווידוי׳ניקעס, איז ער געפארען צום רבי׳ן ז״ל. אנקומענדיג האט ער געזען ווי די מענטשען גייען ארוים פון דעם רבי׳ן ז״ל מיט פארוויינטע אויגען פון דעם ווידוי דברים. איז ער אריין אין בית המדרש און הארטען זיינען געווען א סך מענטשן. האט דער רבי ז״ל מרמז געווען אז די מענטשן זאלען ארויסגיין אין דרויסען. האבען אלע אויסגעטאן דעם טלית און תפילין און זיי זיינען ארוים אין דרויסען. האט דער ר׳ יצחק אויך געוואלט ארויסגיין. האט דער רבי ז״ל אנגענומען די קלאמקע און האט פארשלאסען די טיר, און עס איז קיינער נישט געבליבען אין בית המדרש נאר דער רבי ז״ל מיט ר׳ יצחק ז״ל. און דער רבי ז״ל האט געדרויכערט די לולקע, און ער איז געגאנגען אהין און צוריק אין בית המדרש. איז געפאלען אויף ר׳ יצחק גאר א גרויסער שרעק און ער האט זיך אנגעהויבען צודערמאנען אלס וואס עס איז אויף אים אריבערגעגאנגען פון קליינערהייט-אן ביז דעם דאזיגען טאג. און דער רבי ז״ל איז צו אים צוגעגאנגען און האט אים געזאגט מיט דעם לשון, היינט זאג.

האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצורײדען פאַר דעם רבי'ן ז"ל די גאַנצע הארץ. און דער רבי ז"ל האָט מיט אים גערעדט. און פון דאַמאָלסט אָן איז ער מקורב געוואָרען צום רבי'ן ז"ל מיט זייער אַ שטאַרק וואונדערלעך התקרבות, און ער האָט עוסק געווען כל ימיו אין תורה ותפלה און איז געווען אַ צדיק ירא אלקים אַזוי ווי עס איז באַוואוסט צו די אַלע וואָס האָבען אים געקענט.

— ה —

## אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט די התקרבות פון ר' יצחק אייזיק ז"ל.

**דער** ר' יצחק אייזיק (וואָס עס ווערט געבראַכט פון אים אין דעם ספר חיי מוהר"ן, אין דעם סיפור מעלת המתקרבים אליו, אות כ"ג) איז אויך געווען פון דעם טיראַוויצער מגיד'ס מענטשען. און זיין פרנסה איז געווען ער האָט עוסק געווען אין בייטען מטבעות.

אַמאָל האָט דער רבי ז"ל געזען, גאָר אויף אַ הויכען פלאַץ, ווי די נשמות האָבען זיך געשטופּט כדי צו הערען תורה, און זיי האָבען געזאָגט צו איינעם, זאָג דו אונז תורה, און ער האָט זיי געזאָגט. און דעם רבי'ן ז"ל איז זייער געפעלען די תורה, וואָרום ער איז דאָך אַ מבין אויף תורה, און דאַכט זיך אַז ער האָט געזאָגט אַז ער האָט נאָך אַזוינס נישט געהערט. האָט דער רבי ז"ל געפרעגט אויב די דאָזיגע נשמה געפינט זיך אויף די וועלט, האָט מען אים געוויזען דעם ר' יצחק אייזיק ז"ל. האָט דער רבי ז"ל געשיקט נאָך אים. און אַז ער איז געקומען צום רבי'ן ז"ל האָט ער צופלאַקערט זיין הארץ אין עבודת ה' אַזוי ווי אַ פלאַם פייער ממש. און האָט אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיך פירען מיט ספּעציעלע סאָרטען פירונגען לויט דעם שורש פון זיין נשמה. און איין הנהגה האָט ער אים אָנגעזאָגט, וואָס דאָס איז געווען שווערער פון אַלס, אַז ער זאָל אַגאַנץ יאָר נישט ריידען מיט קיין שום מענטשען אפילו קיין איין וואָרט נישט, נאָר מיט דעם מגיד ז"ל מעג ער יאָ ריידען. נאָכער איז ער אַהיים געפאָרען, און באַלד האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון אַלע עסקי עולם הזה אינגאַנצען און ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, אַזוי ווי דער רבי ז"ל האָט אים אָנגעזאָגט. און פון זיין איפּשטיין ביז זיין לייגען זיך האָבען זיך זיינע ליפּען נישט אָפּגעשטעלט פון תורה און תפלה. און באַלד איז אויפגעשטאַנען אויף אים גאָר גרויסע קריגערייען פון זיינע שטוב-מענטשען, און בפרט פון זיין שווער, און פון זיין ווייב. און זיי האָבען אָנגעהויבען צו ריידען אַנטקעגען אים

מיט זייער שטעכעדיגע ווערטער, און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן אַז ער איז אַ יוצא מן הדעת ר"ל, און נאָך אַזעלכע סאָרטען ווערטער.

און דער רבי ז"ל האָט געזען מיט זיין רוח הקודש דאָס גרויסע ביטערניש פון זיין הארצען פון זייערע שלעכטע רייד. האָט ער זייער מורא געהאַט אַז ער זאָל חלילה נישט קראַנק ווערען, אָדער ער וועט ח"ו אַראָפּפאַלען פון זיין עבודה. האָט ער באַלד גערופען איינעם פון זיינע מענטשען און האָט אים געהייסען אַז ער זאָל דינגען פאַר אים אַ בעל עגלה צו פאָרען קיין טיראַוויצע. און ער איז געפאָרען אַהין מיט גרויס שנעלקייט און ער איז אָנגעקומען אַהין ביינאַכט, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דעם וואָגען לעבען די שטוב פון ר' יצחק אייזיק'ס שווער, וואָס זיי זיינען געזעסען צוזאַמען, און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אַז מען זאָל אים עפענען, און ער איז אַריין אינוויניק. האָט ר' יצחק אייזיק'ס שווער אויף געהויבען די אויגען און ער האָט דערזען אַז דער רבי ז"ל איז געקומען צו אים אין שטוב אַריין, איז ער זייער פאַרוואונדערט געוואָרען, וואָרום ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס איז. און ר' יצחק אייזיק ז"ל איז געזעסען ביי זיך אין צימער און ער האָט דאַמאָלסט געליינט קריאת שמע פאַרן שלאָף מיט אַ גרויסען כח און מיט זייער אַ שטאַרק-וואונדערליך דביקות. און דער רבי ז"ל האָט נישט געוואָלט אַריינגיין צו אים אין צימער אַריין און זיך באַוויזען פאַר אים כדי ער זאָל אים נישט שטערען אין מיטען.

און דערווייל האָט דער רבי ז"ל אָנגעהויבען צו שטראָפען זיין שווער פאַר זיין שלעכטע פירונג, פאַר וואָס ער מוטשעט זיין איידעם אָן מום אים אָן אַזעלכע שרעקליכע יסורים. און דער רבי ז"ל האָט אים געפרעגט, גאַנץ פרי ווען דו לייגסט תפילין און מיט דיין האַנט וויקעלסטו אַ לעדערנעם פאַס אויף די צווייטע האַנט פון אַ בהמה און מיט דיין מויל שווייגסטו און דו ווילסט נישט רעדען קיין איין וואָרט. און אויב דאַמאָלסט וועט שטיין אַנטקעגען דיר אַ גוי וואָס ער האָט אַזוינס נישט געהערט און נישט געזען, צי וועט ער דען נישט זאָגען אַז דו ביזט אַראָפּ פון די געדאַנקען? אַזוי אויך פונקט דאָס זעלבע פאַרשטייט ער נישט זיין איידעם, און ער קוקט אויס ביי אים ווי אַ חסר דעת, ווייל ער טוט דעם רצון הבורא יתברך וועדליג די באַהאַלטענע וועגען זיינע, וואָס ער איז זיי מודיע דורך זיינע באַגליבטע קנעכט, און נאָך אַזעלכע סאָרטען רייד האָט דער

רבי ז״ל מיט אים גערעדט און האָט אים געשטראָפט, ביז זיין שווער האָט זייער הרטה געהאַט אויף דעם און ער האָט אויף זיך גענומען אַז ער זאָל מער נישט טשעפּען זיין איידעם פון היינט אָן און וויטער. נאָכדעם האָט ר׳ יצחק אייזיק ז״ל געענדיקט לייענען קריאת שמע האָט זיך דער רבי ז״ל באַוויזען פאַר אים, האָט זיך זייער דערפילט זיין הארץ מיט אַ גרויסע פרייד וואָס דער רבי ז״ל האָט אים ממש מחי׳ געווען. און אינדערפרי האָט זיך דער רבי ז״ל אויפגעהויבען און האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

און פון דאַמאָלסט אָן און וויטער האָט ר׳ יצחק אייזיק ז״ל עוסק געווען אין עבודת ה׳ אָן קיין שום שטערונג. און פאַר פסח איז ער געפאָרען צום רבי׳ן ז״ל און אויף דעם וועג האָט ער גענעכטיגט אין אַן אכסניא, האָט זיך אים ביי נאַכט גע׳חלומ׳ט און ער האָט געהערט די תורה וואָס דער רבי ז״ל האָט געהערט. האָט ער זיך אויפגעהויבען אינדערפרי און ער איז וויטער געפאָרען ביז ער איז אָנגעקומען צום רבי׳ן ז״ל. און האָט דערציילט פאַר דעם רבי׳ן ז״ל דעם גאַנצען חלום מיט זייער אַ גרויסען שרעק. און ער איז אַנידער געפאַלען אין חלשות. האָט מען אים אויפגעמינטערט, און אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער נפטר געוואָרען.

און ווען דער ר׳ יצחק אייזיק ז״ל איז געלעגען אויף דעם קראַנקען בעט האָט דער רבי ז״ל גענומען אַביסעל יויך און האָט אים דערלאַנגט אַז ער זאָל עסען, און ער האָט זיך אָנגערופען אַז היינט האָב איך באַדינט אַן אמת׳ן תלמיד חכם. און נאָך ר׳ יצחק אייזיק׳ס פטירה ז״ל האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַז דער רבי ז״ל איז אַדורכגעפאָרען די שטאָט טיראַוויצע, האָט ער אַ פרעג געטאָן איוב דער צדיק האָט איבערגעלאָזט קינדער? האָט מען אים גע-ענטפערט אַז יאָ, האָט ער זיך אָנגערופען מיט דעם לשון, ווי קומט צו אים קינדער? זיינען זיינע קינדער אויך געשטאָרבען (און ווער קען פאַרשטיין די זאַכען פון דעם הייליגען רבי׳ן ז״ל און זיינע ענינים וואָס ער האָט עוסק געווען מיט אַלע אידישע נשמות סיי מיט די לעבעדיגע און סיי מיט די געשטאָרבענע — המעתיק, אלתר ב״ר זעליג מטעפליק ז״ל).

— ו —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר' מענדיל ז"ל, וואס ער האט געוואוינט אין א דארף לעבען משערין.**

דער ר' מענדיל ז"ל האט עוסק געווען אין משא ומתן כל ימיו. און זיין עבודת ה' בפרט זיין דאווגען איז געווען אויסער געוויינלעך, ווארום ער פלעגט דאווגען מיט מסירת נפש און מיט א וואונדערלעך דביקות, ביז עס פלעגט ממש בטל ווערען זיין גשמיות. אמאל האט אויסגעבראכען א שרפה ביי אים אין שטוב, און ער האט דאמאלסט געהאלטען אינמיטען דאווגען, און ער איז געווען אזוי פארטיפט אין דאווגען אז ער האט גארנישט געהערט דעם גאנצען רעש, און א פאר גוים האבען אים געמוזט אננעמען ביי די הענט און אים ארויספירען אין דרויסען ווייט פון די שריפה. און דארטען איז ער ווייטער געשטאנען און ער האט זיך נישט גערירט פון זיין ארט און פון זיין דביקות ביז ער האט געענדיקט דאווגען.

— ז —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר' מענדיל פון לאדיזען ז"ל.**

ר' מענדיל ז"ל פון לאדיזען איז געווען לכתחילה מצד המתנגדים, און ער איז מקורב געווארען צו ר' נתן ז"ל דורך ר' יצחק חזן פון ברסלב, וואס ער האט זיך צוזאמען געטראפען מיט אים אין א דארף וואס ער איז געווען דארטען פארדונגען אלס מלמד. און דער דאזיגער ר' יצחק איז געווען א ווערטעל זאגער. און אז ער האט זיך צוזאמען געטראפען מיט ר' מענדעל און ער האט אים געזאגט א ווערטעל, האט ר' יצחק זיך אנגערופען צו אים, דו ביזט טאקע קלוג, אבער אין ברסלב איז דא איינער וואס ער איז קליגער פון דיר. האט אים ר' מענדיל געפרעגט, ווער איז דאס. האט ער אים געענטפערט, ר' נתן ז"ל. איז דער דיבור אריין אין די אויערען פון ר' מענדיל, ווארום ער האט געזען און פארשטאנען אין דעם דאזיגען ר' יצחק אז ער איז א קלוגער מענטש. און ער האט אנגעהויבען צו בייגקען און ער האט געוואלט פארען קיין ברסלב זיך זעען מיט ר' נתן ז"ל. אבער ער האט נישט געקענט אוועקפארען אין מיטען זמן וואס ער האט זיך פארדונגען לערנען מיט די קינדער. און דאס איז געווען אין ווינטער, האט ער געמוזט ווארטען ביז פאר פסח און

דאמאלסט איז ער צוריק אהיים געפארען קיין טאלטשין. און חול המועד פסח האט ער געטראפען און מיטען מארק ר' מאיר יהודה וואס ער איז דאמאלסט געזעסען אין טאלטשין און ער האט געוואלט פארען צו ר' נתן ז"ל אויף די לעצטע טעג פסח, איז ר' מענדיל נאכאמאל נתעורר געווארען זיך צו זען מיט ר' נתן ז"ל דורך דעם דאזיגען ר' מאיר יהודה ביז ער האט געדונגען צוזאמען מיט אים א וואגען און ער איז געקומען צו ר' נתן ז"ל.

און ער האט פאר אים אויסדערציילט זיין גאנץ הארץ, וועגען דעם וואס ער איז פארבלאנדזעט געווארען און ער איז פארקראכען מיט די ספרים וואס זיי ריידען פון הקירה פאר זיין קומען צו ר' נתן ז"ל. און ר' נתן ז"ל האט געוואוסט אים אלס צו פארענטפערען. ביז ער איז איבערגעקערט געווארען און איז געווארען אן ערליכער איד כל זמן ער האט געלעבט, אזוי ווי עס ווערט ווייטער דערציילט פון אים.

און פון ר' נתן ב"ר לייביל ראובן ז"ל האב איך געהערט אז ער האט אמאל געזען ר' מענדל'ן אין בית המדרש ווען ער האט אנגעטאן דעם טלית און תפילין, איז ער דאמאלסט זייער פריילעך געוועזן. און ער האט אים דערציילט, אז אין דעם טאג וואס ער האט זיך באגעגענט מיט ר' יצחק איז אים דאמאלסט אריין אין הארצען לויט זיינע שטארקע פארקרימטע וועגען אז ער זאל אינגאנצען אויפהערען צוליגען טלית און תפילין. אבער באלד ווי ער האט געהערט דעם לויב פון ר' נתן ז"ל פון דעם מויל פון ר' יצחק ז"ל האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער זאל צוואווארטען על כל פנים ביז ער וועט פריער ריידען מיט ר' נתן ז"ל. און אזוי איז טאקע געוועזן אז ר' נתן ז"ל האט זוכה געווזען מיט דעם אויבערשטענ'ס הילף ארויסצונעמען פון זיין הארץ אלע זיינע פארקרומקייטען ביז ער איז איבערגעקערט געווארען און איז געווארען אן ערליכער איד אין א מאמין. און ער האט זיך געפרייט מיט דעם אלע זיינע יארען אזוי ווי איינער וואס ער געפינט א גרויסען אוצר.

— ח —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט ווי אזוי מען האט אנגעהויבען בויען די ברסלב'ער קלויז אין אומין.**

אמאל האב איך געהערט פון מיין פאטער ז"ל די מעשה ווי אזוי מען איז געגאנגען בויען די ברסלבר קלויז אין אומין. און ער האט דאס געהערט פון ר' נתן ז"ל:

דעם ערשטען יאָר נאָך דעם רבי'נס הסתלקות, האָבען זיך נישט געפונען מער פון 60 מענטשען וואָס זיי זיינען געקומען זיך משתטח זיין אויף דעם רבי'נס קבר ערב ראש השנה. און אויך דער קליינער צאָל מענטשען האָבען אויפגעהויבען זייער שטאַרק דעם בטחון, אין ר' נתן'ס הארץ, אַז די אסיפה פון ערב ראש השנה וועט נקבע ווערען לדורות. אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט ביז די צווייטע וועלט מלחמה. ווארום אין אָנפאַנג האָט זיך ר' נתן ז"ל גאָרנישט פאַרגעשטעלט אַז עס וועלען נתעורר ווערען אפילו אַזאַ קליינער צאָל מענטשען צו פאָרען צום רבי'ן ז"ל נאָך זיין הסתלקות.

און ערב ראש השנה איז מוסכם געוואָרען אין די הערצער פון ר' יודיל און ר' שמואל אייזיק ז"ל און ביי נאָך גדולים פון דעם רבי'נס מענטשען, אַז זיי זאָלען דאַווענען אויף דעם זעלבען אָרט וואו דער רבי ז"ל האָט אַליין געדאַווענט אין דעם לעצטען ראש השנה פאַר זיין הסתלקות (דעם פּלאַץ האָט מען גערופען מיט דעם נאָמען „האמבאר", אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין דעם ספר חיי מוהר"ן). אָבער ר' נתן ז"ל האָט זיך איינגעשפּאַרט און האָט זיך אַנטקעגען געשטעלט מיט זיין טענה וואָס ער האָט געהערט פון דעם רבי'ן ז"ל וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט צו אים און צו זיין חבר ר' נפתלי ז"ל „איך וויל אַז איר זאָלט זיין אויסגעמישט מיט די וועלט". און ר' נתן ז"ל האָט צוליב דעם געוואָלט אַז אַלע דעם רבי'נס מענטשען זאָלען דאַווענען אין דער שול וואָס זי האָט געהייסען מיט דעם נאָמען „שומרים לבוקר", וואָס איז נישט לאַנג אויפגעבויט געוואָרען דורך איין מענטשען. און דער האָט השק געהאַט אַז אונזערע מענטשען זאָלען דאַווענען דאָרטען, און דער גאַנצער ציבור פון די שול האָבען אויך מסכים געווען אויף דעם (ווארום דאָס מחלוקת וואָס איז געווען ביי דעם רבי'נס לעבען איז איינגעשטילט געוואָרען נאָך דעם רבי'נס הסתלקות. און דאָס שטילקייט האָט געדויערט ביז דעם אָנפאַנג פון דעם יאָר תקצ"ה, וואָס דאַמאָלסט איז אויפגעשטאַנען ווער עס איז אויפגעשטאַנען, אַזוי ווי עס וועט ווייטער דערציילט ווערען פון דעם. און ביז דעם יאָר תקצ"ה זיינען נאָך געווען איינגעוואוינט די מענטשען פון שטאָט צו בעטען אורחים פון אונזערע מענטשען אַז זיי זאָלען עסען ביי זיי ראש השנה).

אָבער וויבאַלד די אַנדערע תלמידים פון דעם רבי'ן ז"ל האָבען זיך אַנטקעגען געשטעלט ר' נתן ז"ל, איז מוסכם געוואָרען אַז מען זאָל דאַווענען אין דעם דאָזיגען האמבאר וואָס דער רבי ז"ל האָט

דאָרטען געדאַווענט. און פאַרנאַכט ווען מען איז זיך צונויפגעקומען צו תפלת המנחה, האָט זיך שטאַרק צופלאַקערט דאָס הארץ פון ר׳ נתן ז״ל און ער האָט געהאַט גרויס צער מיט יסורים אויף דעם וואָס אונזערע מענטשען זיינען עובר אויף דעם רבי׳נס רייד, וואָס ער האָט געוואָלט אַז מען זאָל זיין אויסגעמישט מיט נאָך נפשות ישראל. און ער האָט זיך אָנגעטאָן זיין אויבערשטע מלבוש און האָט אָנגעהויבען צו גיין אין דער ריכטונג פון דער אויבענדערמאַנטע שטאָט-שול. און אַז ר׳ נפתלי ז״ל האָט דאָס געזען איז ער אויך נתעורר געוואָרען צו גיין אין דעם בית המדרש. און אַזוי זיינען נתעורר געוואָרען אויך די אַנדערע רבי׳נס תלמידים און זיי זיינען אַלע געגאַנגען אין דעם בית המדרש, און מען האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און זיי האָבען דאָרטען געדאַווענט אַן ערך פון צען יאָר. און אַזוי ווי פון יאָר צו יאָר זיינען נתרבה געוואָרען מענטשען וואָס פלעגען פאָרען קיין אומין אויף ראש השנה, האָט מען נאָכער געזען אַז עס איז אוּם מעגלעך צו פאַרטראָגען דאָס איינגשאָפט אין דער דאָזיגער שול. האָט מען זיך אומגעקערט צו דעם דאָזיגען פלאַץ וואָס דער רבי ז״ל האָט דאָרטען געדאַווענט. נאָכדעם אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום איז הורך עפּעס אַ סיבה חרוב געוואָרען דער פלאַץ, ביז מען האָט שוין דאָרטען נישט געקענט דאַווענען. האָט ר׳ נתן ז״ל אָנגעהויבען צו דינגען אַ גרויסען צימער וואָס ער האָט יעדען יאָר געזוכט און געפונען, וואָס עס זאָל האָבען די מעגליכקייט אַז דער גאַנצער ציבור זאָל דאָרטען קענען אַריינגיין אום ראש השנה דאַווענען.

אָבער נאָך דעם האָט דער אויבערשטער געפירט אַז אַ פּאָר יאָר איז זייער שווער געווען צוקריגען אַזאַ סאָרט פּאַסיגען צימער. האָט ר׳ נתן ז״ל געזען אַז אויב ער וועט זיך נישט משתדל זיין צו בויען ווענגען דעם צוועק אַ בית הכנסת אַז מען זאָל דאָרטען קענען דאַווענען, וועט די אסיפה פון דעם קיבוץ נישט קענען האָבען קיין קיום. וואָרום בלי שום ספק וועט זיך אַמאָל טרעפען אַ יאָר וואָס מען וועט נישט קענען קריגען קיין צימער צו דינגען און עס וועט ח״ו בטל ווערען די אסיפה אינגאַנצען צוליב דעם. דערפאַר איז ר׳ נתן ז״ל נתעורר געוואָרען אַז ער זאָל אין מיטען יאָר אַרומפאָרען אין אַלע שטעט וואָס מען פאָרט פון זיי קיין אומין אויף ראש השנה, און ער וועט פאַרשלאָגען פאַר אונזערע מענטשען פון יעדער שטאָט אַז יעדער איינער זאָל מנדב זיין געלט ווענגען בויען דעם בנין. דאָס

ערשטע איז ער געפארען קיין לאדיזין, וואס דארטען האבען זיך יענע צייט געפונען אביסעל פון אונזערע מענטשען. און ער האט זיי מסביר געווען דאס גרויסקייט פון דעם רבי'ן ז"ל און דאס גרויסקייט פון דעם צוזאמען קומען זיך אינאיינעם אויף ראש השנה קיין אומין.

און דער דאזיגער ר' מענדיל, וואס מיר האבען פריער געשמועסט פון אים, איז דאמאלסט געווען פון די איינוואוינערס פון לאדיזין, און ער האט זיך מפרנס געווען ממעשה ידיו אבער זיין ארעמקייט איז געווען זייער גרויס אין יענער צייט. אבער פונקט דעם טאג וואס ר' נתן ז"ל איז אנגעקומען האט זיך ביי אים געפונען צוויי רובעל, וואס דאס איז געווען זיין גאנץ פארמעגען. און ער איז שטארק דערוואַרעמט געווארען פון ר' נתן'ס ז"ל ווערטער און ער איז אהיים געלאפען און האט א כאפנעטאן די דאזיגע צוויי רובעל און האט זיי געבראכט פאר ר' נתן ז"ל אז דאס זאל זיין צושטייער אויף צו בויען דעם בנין. און ר' נתן ז"ל האט דאס נישט געוואלט צונעמען פון אים (ווארום כאטש עס ווערט געברייגגט אין די הייליגע ספרים אז צוליב תשובה מעג מען צוטיילען צדקה מער פון א חומש אבער פונדעסטוועגען צוליב זיין גרויס ארעמקייט האט ר' נתן ז"ל בשום אופן נישט געוואלט נעמען פון אים). האט אנגעהויבען דער דאזיגער ר' מענדיל ז"ל זיך שטארק צו בעטען ביי ר' נתן ז"ל אז ער זאל אויף אים רחמנות האבען און אים מזכה זיין מיט דעם דאזיגען גרויסען זכות און ער זאל צונעמען פון אים דאס געלט. האט זיך ר' נתן ז"ל באַרעכענט אז אין אמת'ן קען מען גארנישט וויסען וואס איז א גרעסערער רחמנות, ווארום עס איז מעגלעך אז אויך ר' מענדיל'ס נשמה איז א גרעסערער רחמנות ווי אויף זיין גוף. און מיט דעם וואס ער וועט ביי אים צונעמען די צוויי רובעל טוט ער אים גאר א גרויסע טובה פאר זיין נשמה, און ער האט צוגענומען ביי אים דאס געלט.

און אזוי ווי ר' נתן ז"ל האט צוגעזען דאס גרויס מסירות נפש פון ר' מענדיל ז"ל מיט דעם וואס ער האט געגעבען די צוויי רובעל כדי ער זאל האבען דעם ערשטען חלק אין דעם דאזיגען בנין, האט ער געוואוסט און געגלייבט אז דאס וועט זיין מיט דעם אייבערשטענס הילף א גרויסער און א שטארקער יסוד צו דעם דאזיגען בנין און עס וועט מעגלעך זיין אים צו ענדיגען.

— ט —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ יצחק אייזיק יוסף ז״ל.**

ר׳ יצחק אייזיק יוסף ז״ל, דער פאָטער פון ר׳ פנחס יהושע פון טשערין, ער איז געווען פון די ערשטע מקורבים פון ר׳ נתן ז״ל. אַמאָל אין אַ פּורים ווען ער איז געווען אָנגעטרונקען, האָט ער זיך באַרימט פאַר ר׳ נתן ז״ל אַז ער האָט שוין קיין מורא נישט פאַר דעם יצר הרע. און נאָך פּורים, צומאָרגענס, איז ער נאָכאַמאָל אַריינגעקומען צו ר׳ נתן ז״ל, האָט אים ר׳ נתן ז״ל געפרעגט אויב ער געדיינקט וואָס ער האָט זיך נעכטען באַרימט ווען ער איז געווען אָנגעטרונקען, האָט ער געענטפערט, אַז היינט זאָגט ער אויך אַזוי. און איך האָב געהערט פון ר׳ פנחס יהושע ז״ל אַז ר׳ נתן ז״ל האָט אים אַמאָל געזאָגט דיין טאַטע איז געווען אַ צדיק.

[אמר המעתיק, וואָס האָט איבערגעזעצט די בריף פון ר׳ אברהם ב״ר נחמן ז״ל דורך ר׳ מאיר אנשין ז״ל]: פאַר דעם התקרבות פון ר׳ יצחק אייזיק יוסף ז״ל, איז אַמאָל יום כיפור ביינאַכט ר׳ נתן ז״ל אַדורכגעגאַנגען דורך דעם בית המדרש און ער האָט געזען ווי דער ר׳ יצחק אייזיק יוסף ז״ל שטייט און זאָגט תהלים אויף׳ן קול און מיט גרויס התלהבות, און ער איז געוואויר געוואָרען אַז ער ענדיגט איצט דעם צווייטען מאָל תהילים כמנין כפ״ר, און ווען ער פאַרענדיגט דעם צווייטען מאָל איז נאָך אַלס מיט אַ גרויס התעוררות אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבען דעם ערשטען מאָל. ובכן האָט ר׳ נתן ז״ל געזען אַז אַזאַ סאָרט טייער נפש וואָלט רעכט געווען אַז אונזערע מענטשען זאָלען אים מקרב זיין. און ער האָט אָנגעהויבען עוסק זיין אין דעם. נאָר עס איז נישט געווען אָפּענערהייט ביז דעם פּורים פון דעם יאָר וואָס ער איז געווען אַ ביסעל אָנגעטרונקען איז ער אַליין געקומען צו ר׳ נתן ז״ל און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיין טיר און ער האָט געשריען, דער רבי, דער רבי זיין גרויסקייט.

פאַר פּורים האָט ער באַדאַרפט זיין אין טולטשין, און וויל ער איז געווען אַן אָרימאַן, אַזוי ווי דער שטייגער פון די סופרים, איז ער געגאַנגען צופוס, און צוריק גייענדיג קיין ברסלב האָט זיך אים מוזדמן געווען אַ גרויסער נסיון, און ער איז ביייגעשטאַנען דעם נסיון.

ר׳ נתן ז״ל האָט זייער געלויבט דאָס שרייבען תפילין זיינס, און ער האָט זייער געוואָלט אַז אַלע אונזערע מענטשען זאָלען דאַווענען

ווערט דערמאָנט אין חיי מוהר"ן. און ביי דער נסיעה האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ רייכען בכבוד'יקען מענטש, און אויך אַ ירא אלקים, ער האָט געהייסען ר' שמואל פון טעפליק. זיין פרנסה איז געווען ער האָט געהאַט אַ מאַנופעקטשער געשעפט, וואָס זיין ווייב אליין האָט אויך געקענט פירען דאָס געשעפט. און מיט דעם ר' שמואל האָט דער רבי ז"ל אויך מיטגענומען אין אָנפאַנג ר' נפתלי פון נעמירוב, און ער איז מיטגעפאָרען ביז ליפיוועץ. און פון דאָרטען האָט ער געמוזט אומקערען ר' נפתלי ז"ל צוריק אַהיים ווייל ער איז געווען אַ שוואַכער מענטש און ער האָט נישט געקענט זיין געונד אַזאַ ווייטען וועג און בפרט ווינטער אין אַזאַ שטאַרקע קעלט, ווי פון האַלב טבת און ווייטער. און ער האָט גענומען אין ליפיוועץ אַנשטאָט ר' נפתלי ז"ל, ר' אייזיק יוסף פון ליפיוועץ.

און ער און ר' שמואל טעפליקער דאָס זיינען די צוויי מענטשען וואָס זיי זיינען מרומז אין די דאָזיגע מעשה. און דער רבי ז"ל האָט משנה געווען זיין לבוש אין אָנפאַנג פון די נסיעה אַז ער זאָל אויסזען אַזוי ווי אַ סוחר, און ער האָט שטאַרק אָנגעזאָגט די צוויי מענטשען אַז זיי זאָלען אין קיין פלאַץ נישט מודיע זיין ווער ער איז. און פאַר דער נסיעה האָט דער רבי ז"ל גענומען 30 רענדלעך און האָט דאָס געגעבען דעם דאָזיגען ר' שמואל און ער האָט פאַר דעם געקויפט אַ וואָגען מיט פערד, און ער האָט אויך געדונגען אַ מענטשען וואָס זאָל פירען די פערד, און די דאָזיגע מענטשען האָבען גאָרנישט געוואוסט וואוהין זיי פאָרען. נאָר באַ יעדען פרשת דרכים האָבען זיי געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל אויף וועלכען וועג זאָל מען פאָרען און ער פלעגט זיי ווייזען. און ר' שמואל טעפליקער מיט ר' אייזיק יוסף האָבען געהאַט אַ סך סיפורים פון די דאָזיגע נסיעה.

און די דאָזיגע צוויי סיפורים האָב איך געהערט פון מיין פאָטער ז"ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון דעם דאָזיגען ר' שמואל. אַמאָל האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט מיט דעם וואָגען ביי אַן אַכסניא, און דער רבי ז"ל מיט ר' שמואל זיינען אַריינגעגאַנגען, האָבען זיי געטראָפען דאָרטען דעם בעל הבית און ער האָט געהאַלטען אַ קינד פון צוויי יאָר אויף די הענט, און אַזוי ווי דער רבי ז"ל איז אַריין געקומען האָט דער דאָזיגער ר' שמואל געזען ווי דאָס קינד ווייזט דעם פאָטער אויף דעם רבי'ן ז"ל, און ער זאָגט צו אים מיט דעם לשון, אָט אַ גוטער איד. און דער פאָטער פון דעם קינד איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דעם פאַרקויפען בראָנפען פאַר די גוים,

איבער דעם האָט ער זיך גאָר נישט צוגעהערט צו די רייד פון דעם קינד. און ר׳ שמואל איז זייער דערשראָקן געוואָרען הערענדיג די ווערטער פון דעם קינד, וואָרום פון די אַלע טויזענטער מענטשען וואָס זיי האָבען זיך באַגעגנט אין זייער ווייטען וועג, האָט זיך נישט געפונען קיין שום מענטש וואָס ער זאָל וויסען און דערקענען אין דעם פנים פון דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער איז אַ גדול בישראל אַ גוטער איד. ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ סוחר. און ווייל ר׳ שמואל איז געשטאַנען לעבען דעם רבי׳ן ז״ל האָט ר׳ שמואל איבערגעקלערט אפשר ווייזט דאָס קינד מיט דער האַנט אויף אים (וואָרום ער איז געווען אַ בעל צורה אַזוי ווי אַ גרויסער רבי), האָט ר׳ שמואל אַרויס גענומען פון זיין קעשענע אַ מטבע און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם קינד און האָט אים געגעבען און האָט אים געזאָגט, אַיאַ איך בין אַ גוטער איד? האָט זיך דאָס קינד אָנגערופען ניין, און האָט געוויזען נאָכאַמאָל מיט דער האַנט אויף דעם רבי׳ן ז״ל, און האָט אים געזאָגט, דאָס איז אַ גוטער איד.

און דער רבי ז״ל איז באַלד אַרויס אינדרויסען און האָט זיך אויפגעזעצט אויף דעם וואָגען. אין מיטען פאָרען האָט ר׳ שמואל אָנגעהויבען זיך צו פאַרוואונדערען אויף דעם קינדס רייד. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען און האָט געזאָגט, ווער דען זאָל זיין אין היינטיגע צייטען אַ מבין? און אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט מיט זייער נסיעה דאָס ווען זיי פלעגען קומען צו אַ פרשת דרכים, פלעגען זיי פרעגען דעם רבי׳ן ז״ל און ער פלעגט זיי ווייזען וואוהין פאָרען, פלעגט זיך אַ סך מאָל טרעפען אַז זיי פלעגען קומען אויף דעם זעלבען וועג נאָכאַמאָל.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך די מעשה מיט דעם קינד האָט זיך געטראָפען אַז זיי זיינען נאָכאַמאָל געפאָרען דורך די זעלבע אכסניא וואָס דאָרטען איז געווען דער קינד. אין אַז ר׳ שמואל האָט געזען אַז דאָס איז די זעלבע אכסניא האָט ער געבעטען פון דעם וואָס פירט דעם וואָגען אַז ער זאָל שטיין בלייבען, און ער איז אַריין געגאַנגען אין די אכסניא כדי צו זען נאָכאַמאָל דאָס קינד, און ער האָט געטראָפען אַז דער בעל הבית זיצט שבעה נאָך דעם קינד.

**(דער צווייטער סיפור וואָס האָט פּאַסירט אויף דעם וועג)**

**אַמאָל** זיינען זיי אָנגעקומען אין אַן אכסניא וואָס דאָרטען האָבען זיך געפונען אַ סך אורחים פון די אַרומיגע שטעט, וואָס זיי

האָבען זיך געקענט איינער דעם אַנדערען, און זייער גאַנצע נסיעה פלעגט זיין אין די לאַנד פאליסע, וואָס זייער עיקר מסחר איז געווען מיט אַלס וואָס גייט אַרוים פון די גרויסע וועלדער וואָס געפינען זיך דאָרטען האָלץ און ריידער און פעך און נאָך פאַרשידענס. אין ווינטער צייט ווען די נעכט זיינען זייער לאַנג זיינען געזעסען אַ סך סוחרים אַרום דעם גרויסען טיש וואָס איז דאָרטען געשטאַנען אין מיטען שטוב און זיי האָבען גערעדט איינער מיט דעם אַנדערען אין זייערע מסחרים אַזוי ווי דער שטייגער איז פון די סוחרים. און דער רבי ז"ל איז געזעסען אינמיטען צווישען זיי און זיך אַריינגעמישט אין זייערע רייד, און ער האָט אַלעמאָל פינקטלעך געוואוסט אַלע פרייזען מיט אַלע סאָרטען סחורות מיט די נעמען פון אַלע פריצים וואָס זיי האָבען געהאַנדעלט מיט זיי. דאָס אַלס האָט ער אַזוי גוט געוואוסט אַזוי ווי איינער וואָלט זיך געפונען צווישען די סוחרים אַ לאַנגע צייט.

און דער ר' שמואל איז געשטאַנען הינטער דעם רבי'ן ז"ל און האָט זיך אויף דעם אַלעמען זייער שטאַרק פאַרוואונדערט, הערענדיג און זעענדיג דאָס אַלס. און נאָך מערער האָט ער זיך פאַרוואונדערט וואָס קיין איינער פון די אַלע סוחרים האָט דעם רבי'ן ז"ל נישט געפרעגט ווער ער איז און פון וועלכען אָרט איז ער, וואָס ער איז אַזוי בקי אין אַלע זייערע מסחרים. אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיך די סוחרים צוגאַנגען יעדער איינער אויף זיין פּלאַץ זיך לייגען שלאָפען. און ביי דעם טיש איז קיינער נישט געבליבען נאָר דער רבי ז"ל מיט נאָך איינעם פון די סוחרים. און דער דאָזיגער סוחר האָט גענומען קוקען דעם רבי'ן אין פּנים אַריין, און רופט זיך אָן, איר זענט מיר זייער קענטלעך. האָט אים דער רבי ז"ל געענטפערט, איר קלערט אפשר אַז איך בין דער און דער? און ער האָט אים דערמאָנט אַ נאָמען, און ער האָט צוגעטראָפען דעם סוחר'ס געדאַנק וואָס ער האָט דאַמאָלסט געטראַכט. נאָכדעם האָט דער סוחר געזען אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, עס איז נישט דער וואָס ער האָט געמיינט, און אַזוי טראַכטענדיג האָט זיך דער סוחר אָנגערופען, איך ווייס שוין. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען נאָכאַמאָל איר קלערט אוודאי אַז איך בין דער און דער? און ער האָט דערמאָנט ווייטער פּעסע אַ נאָמען פון אַ סוחר און ער האָט ווייטער צוגעטראָפען דעם סוחר'ס געדאַנק. און דערוויל האָט זיך דער סוחר אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און ער איז געגאַנגען שלאָפען. און עס איז געווען

אַ וואונדערלעכע השגחה וואָס עס איז גאָרנישט אַרויף אויף דער מחשבה פון דעם דאָזיגען סוחר אַז ער זאָל זיך פאַרוואונדערען און ער זאָל דוקא וועלען וויסען ווער איז דער מענטש וואָס ער טרעפט אַזוי צו פינקטליך זיין געדאַנק און ער איז אַזוי שטאַרק באַקאַנט אין אַלע סאָרטען מסחרים. און פאַרטאָג האָט זיך דער רבי ז״ל אויפגעהויבען און זיי זיינען געפאָרען אין זייער וועג.

און אַזוי ווי איך בין אַרויסגעגאַנגען באוואוסט צו מאַכען אַ ביסעל מעשיות פון דעם רבי'ן ז״ל, איז אין איין וועג וועל איך דערציילען וואָס איך האָב געהערט פון ר' יחיאל מענדיל ז״ל וואָס ער האָט געהערט פון ר' שמואל יצחק ז״ל פון טשערין וואָס ער איז געפאָרען מיט דעם רבי'ן ז״ל קיין וואלטשיסק ווען ער האָט התונה געמאכט זיין טאָכטער מרים ז״ל. ווען זיי זיינען געווען אין מיטען וועג, אַמאָל אין מיטען נאַכט האָט דער רבי ז״ל אים געהייסען אַז ער זאָל זיך אויפזעצען מיט אים אויף דעם וואָגען, און ער האָט געהייסען אַז דער בעל עגלה זאָל צובינדען די שטריק צום וואָגען און זאָל נישט האַלטען אין די הענט, נאָר ער זאָל לאָזען די פערד אַליין גיין. און באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט איבער זיי די פינסטעניש פון די נאַכט אַזוי שטאַרק אַז זיצענדיג אויף דעם וואָגען לעבען דעם רבי'ן ז״ל האָט ער נישט געקאַנט זען דעם רבי'ן ז״ל. און זיי זיינען אַזוי געפאָרען אַ שעה אָדער צוויי, און דער וואָגען מיט די פערד זיינען אָנגעקומען אין אַ שטאָט, וואָס אין אָנפאַנג האָט דער ר' שמואל יצחק נישט געוואוסט דעם נאָמען פון דער שטאָט. און די פערד האָבען זיך אַליין אָפּגעשטעלט ביי אַן אכסניא וואָס האָט נישט געהאַט קיין דאַך איבער די שטוב. און זיי זיינען אריין אין דער שטוב און דאָרטען האָט זיך געפונען אַ משרת וואָס ער האָט באַלד צוגעגרייט פאַר דעם רבי'ן ז״ל אַ באַזונדער צימער, און דער רבי ז״ל האָט זיך צוגעשפּאַרט צו שלאָפען דאָרטען. און דער ר' שמואל יצחק איז געזעסען אין די גרויסע שטוב צוזאַמען מיט דעם משרת.

און איידער דער רבי ז״ל האָט זיך צוגעשפּאַרט האָט ער געהייסען אַז מען זאָל אים צוגרייטען אַ געקעכץ אויף צו עסען הערטשערע, און דערוויל האָט זיך דער רבי ז״ל צוגעשפּאַרט אין זיין צימער ביז עס איז פאַרטיג געוואָרען דאָס געקעכץ, ביז די דינסט האָט געזאָגט צו דעם משרת אַז דאָס עסען איז שוין פאַרטיג. האָט דער משרת געזאָגט ר' שמואל יצחק'ן אַז ער זאָל אויפוועקען דעם רבי'ן ז״ל פון שלאָף, ווארום דער משרת האָט גאָרנישט געוואוסט

ווער ער איז. און ר׳ שמואל יצחק האָט פאַרשטאַנען אַז אַזוי איז דער רצון פון דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער זאָל נישט אויסזאָגן ווער ער איז, און ר׳ שמואל יצחק האָט נישט געוואָלט אַליין אויפוועקן דעם רבי׳ן ז״ל. האָט ער זיך אָנגערופען צו דעם משרת אויב דו ווילסט גיי וועק אים אויף. איז געגאַנגען דער משרת און האָט אים אויפ- געוועקט מיט דעם לשון: איד, איד שטייט אויף עסען וועטשערע. האָט זיך דער רבי ז״ל אויפגעכאַפּט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט עסען, אָבער ער האָט געהייסען באַצאָלען פאַר דעם עסען אַזוי ווי עס פירט זיך. און זיי זיינען צוריק אַרויף אויף דעם וואָגען און ער האָט ווייטער געהייסען אַז דער בעל עגלה זאָל צובינדען די שטריק צום וואָגען און די פערד זאָלען אַליין לויפען, ביז זיי זיינען צוריק געקומען צו די שטאָט מיט די אכסניא וואָס זיי זיינען פון דאָרטען אַוועקגעפאָרען אין אָנפאַנג נאַכט.

און בשעת ר׳ שמואל יצחק איז געזעסען מיט דעם משרת האָט ער געפרעגט דעם משרת דעם נאָמען פון דער שטאָט און ער האָט אים געענטפערט. האָט ר׳ שמואל געוואוסט אַז די שטאָט איז ווייט עטלעכע הונדערט מייל פון דעם פלאַץ וואָס זיי זיינען אַרויסגעפאָרען און צוריק געקומען. אין מיטען וועג צוריק פאָרענדיג האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען, אַז ער באַדאַנקט דעם משרת וואָס ער האָט אים אויפגעוועקט.

און נאָך אַ מעשה האָב איך געהערט פון ר׳ יחיאל מענדיל ז״ל וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ שמואל יצחק ז״ל מטשערין. אַמאָל איז ער געפאָרען צום רבי׳ן ז״ל קיין ברסלב, און ביי דעם רבי׳ן ז״ל איז געווען פון פאָרענט אַ גרויסע שטוב וואָס דאָרטען פלעגען זיין די אורחים. און פון דעם גרויסען צימער איז אַריינגעגאַנגען אַ טיר צום דעם רבי׳נס צימער, און אַחוץ די טיר האָט דער רבי ז״ל נישט געהאַט קיין אַנדרע טיר אין דרויסען אַרויס. און דער ר׳ שמואל יצחק האָט זיך צוגעשפּאַרט שלאָפען אין די גרויסע שטוב. אין פלוצלונג אין מיטען נאַכט האָט ר׳ שמואל יצחק געהערט אַ רעש פון דעם רבי׳נס חדר אַזוי ווי פון טויזענטער מענטשען. און ער האָט געוואוסט זיכער אַז ביי דעם רבי׳ן איז קיינער נישט דאָ אַחוץ דער רבי ז״ל, ווייל עס איז גאָר נישטאָ קיין שום טיר פון דעם רבי׳נס חדר אין דרויסען אַרויס אַחוץ די טיר אין דעם גרויסען צימער אַריין וואָס ר׳ שמואל יצחק איז דאָרטען געשלאָפען. און אויך די גרויסע שטוב איז געווען ביי נאַכט פאַרשלאָסען פון אינווייניג אַזוי ווי מען פירט

זיך, און אויך דעם רבי'נס חדר איז געווען צו קליין אויף אריינצונעמען א סך מענטשען, און ווער שמועסט נאך טויזענטער מענטשען וועדליג דעם האזיגען רעש. און פון גרוים פחד איז ער אראפגעפאלען פון זיין געלעגער אויף דער ערד און ער האט זיך מורא געהאט צורירען פון דעם ארט ביז עס איז שטיל געווארען, נאכדעם האט ער זיך אויפגעהויבען און ער איז ארוים אינדרויסען און ער האט זיך דארטען פארזאמט ביז עס האט אנגעהויבען טאגען.

און נאכדעם האט ער זיך געשעמט און ער האט מורא געהאט פאר דעם רבי'ן ז"ל אים איבער צו פרעגען וואס דאס איז געווען, ווארום ער האט פארשטאנען אז עס איז נישט זיין רצון אז ער זאל אים פרעגען.

— יב —

## אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר' צבי, דער שוואגער פון דעם רבי'ן זצ"ל.

ר' צבי ז"ל, דעם רבי'נס שוואגער, איז געזעסען אין טשערין און ער האט כל ימיו עוסק געווען אין משא ומתן, און אמאל האט ער געהאט א וויכוח מיט איינעם אויב דער רבי ז"ל ווייסט די מחשבות פון די מענטשען וואס זיי שטייען פאר אים. און דער איינער האט אים אויפגעוויזען אז דער רבי ז"ל ווייסט דאס אויך. אין דער זעלבער צייט האט דער ר' צבי געהאט א גרוים דחקות אין פרנסה, האט ער ביי זיך אפגעמאכט אז ער זאל דער מאנען דעם רבי'ן ז"ל אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים. און פונקט צו יענער צייט איז דער רבי ז"ל אנגעקומען קיין טשערין אזוי ווי זיין שטייגער איז דאמאלסט געווען וואס ער פלעגט דארטען קומען צוויי מאל א יאר (אזוי ווי עס ווערט געבראכט אין דעם ספר חיי מוהר"ן, אין דעם סיפור מקום ישיבתו ונסיעותיו אות כ"ד). און אזוי ווי דער רבי ז"ל איז דארטען אנגעקומען זיינען אריינגעגאנגען צו אים אונזערע מענטשען מקבל פנים זיין, און אויך זיין שוואגער דער דאזיגער ר' צבי איז אויך געווען צווישען דעם עולם, און דער רבי ז"ל האט גערעדט מיט זיי טייערע זיסע רייד ער זאל צוציען זייער הארץ צו עבודת ה'. און ער האט גערעדט מיט זיי א וואונדערלעכען שמועס ביז עס זיינען דערוועקט געווארען די הערצער פון אלע וואס האבען דאס צוגעהערט.

און דעם רבי'נס שוואָגער האָט צוגעוואַרט ביז דער שמועס האָט זיך געענדיגט און דער עולם איז זיך צוגאַנגען און ער אַליין איז געבליבען מיט דעם רבי'ן ז"ל, האָט ער געוואָלט צוגיין צו דער טיר און זי פאַרשליסען פון אינווייניק און אַריין ראַמען דעם רבי'ן אין אויער אַריין זיין בקשה וועגען פרנסה, אָבער דער שטייגער פון דעם דאָזיגען ר' צבי איז געווען אַז יעדער זאַך וואָס ער פלעגט גיין טאָן פלעגט ער פריער באַטראַכטען וואָס ער גייט טאָן, און איבער דעם אויך איצט ווען ער האָט אָנגעהויבען גיין פאַרמאַכען די טיר האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ווארום ער האָט זיך באַרעכענט וואָס פאַר אַ פנים וועט ער האָבען ביי דעם רבי'ן ז"ל אים צודערמאָנען וועגען פרנסה נאָך דעם וואָס ער האָט ערשט געשמועסט מיט אונז אַזאַ וואונדערלעכער שמועס פון דעם גרויסען שטות און שגעון פון אַלע הבלי עולם הזה. און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז דער רבי ז"ל וועט אים מוכיח זיין און וועט אים זאָגען היתכן, אַז מען זאָל אַזוי פאַרשטאָפּען די אויערען און דאָס האַרץ פון יראת שמים ביז אפילו נאָך אַזאַ שמועס האָט ער נישט וואָס איין צוזאָמען און מיך דערמאָנען נאָר וועגען פרנסה.

און צוליב די דאָזיגע מחשבה איז ער געבליבען שטיין אויף זיין אָרט און ער איז שוין מער נישט געגאַנגען צו דער טיר. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבען צו באַטראַכטען נאָכאַמאָל אפשר אין אמת'ן ווייסט טאַקע דער רבי ז"ל מיין געדאַנק אַזוי ווי עס האָט מיר אויפגעוויזען דער מענטש וואָס ער האָט געהאַט אַ וויכוח מיט מיר, איז אויב אַזוי ווייסט ער זיכער אַז נאָך זיין גאַנצען שמועס איז נאָך אַלס פאַרשטאָפּט מיין האַרץ ביז איך האָב אים נישט וואָס צו דערמאָנען נאָר פרנסה, און דאָס וואָס איך האָב אָפּגעהאַקט פון דעם איז ווייל איך שעם זיך אַז ער זאָל מיך נישט מוכיח זיין אויף דעם און איך וויל זיין אַ גונב דעתו ח"ו, קומט דאָך אוים נאָך פיל ערגער און מיאוס'ר. און אַזוי ווי ער טראַכט די דאָזיגע מחשבות האָט זיך דער רבי זצ"ל אָנגערופען מיט דעם לשון: דיך האָב איך שוין פאַרזאָרגט, דיין ברודער משה וועט זיין אַ ציכטיגער אָרימאַן, דיין חיים, אויף אים איז אַ רחמנות ער וועט נישט האָבען קיין מעל אויף שבת. און אַזוי איז מקויים געוואָרען ביי אַלע דריי, כל זמן זיי האָבען געלעבט פּינקטלעך אַזוי ווי די רייד פון דעם רבי'ן ז"ל.

[דאָס האָב איך געהערט פון זיין זון ר' יעקב, וואָס ער האָט דאָס געהערט אַ סך מאָל פון זיין פאָטער אַליין].

— יג —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר' אברהם פון באַרדיטשוב.**

ר' אברהם פון באַרדיטשוב איז געווען אַן איידעם ביי אַ גרויסען גביר, און ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ סך געלט. און דער רבי ז"ל ווערדליג ער האָט געוואוסט מיט רוח הקודש דעם שורש פון זיין נפש רוח ונשמה און מיט אַלע באַהאַלטענע ענינים וואָס עס איז איבערגעגאַנגען אויף אים, און אפילו בגשמיות איז אויך געווען אַ סיבה צוליב דעם, האָט דער רבי ז"ל אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל נישט עוסק זיין אין קיין שום עסק נאָר ער זאָל עוסק זיין יומם ולילה אין תורה און תפלה. האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם רבי'ן ז"ל די באַוואוסטע שלאה, וואָס וועט מען עסען, האָט אים דער רבי ז"ל געענטפערט, וועסט זיין אַ מקבל. איז דער ר' אברהם געוואָרען שטאַרק ברוגז אויף דעם און ער איז אַ משך פון צוויי יאָר נישט געפאָרען צו דעם רבי'ן ז"ל.

און דערווייל האָבען געוויירקט דעםרבי'נס רייד און דער ר' אברהם האָט פאַרלוירען זיין גאַנץ פאַרמעגען. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען מיט כח און ער איז נאָכאַמאָל געפאָרען צום רבי'ן ז"ל. און דאַמאָלסט האָט דער רבי ז"ל אים אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע און האָט געזאָגט, נו אָברמעל וואָר האָט אויסגעפירט... וועסטו מיך כאָטש איצטער פאָלגען וועסטו זיין אַ שיינער מקבל, און אַז ניט וועסטו זיין אַפאַרזשאַווערטער מקבל. און אַזוי איז געווען, וואָרום דער ר' אברהם האָט ווייטער נישט געוואָלט פאָלגען דעם רבי'ן ז"ל וואָרום ער איז געווען זייער אַ פעאיגער מענטש אַ קלוגער און אַ מבין אין אַלע סאָרטען מסחרים, און אויך האָט ער געהאַט אַ ברייטע האַנט אין שפּראַכען. איז צוליב דעם אַלעמען איז אים געווען זייער שווער צו בייגען זיין אָקסעל צו ליידען בפשיטות דעם עול התורה און צו ווערען אַ מקבל אַזוי ווי דער רבי ז"ל האָט אים געהייסען. ביז עס איז מקויים געוואָרען ביי אים פּינקטלעך אַזוי ווי דער רבי ז"ל האָט געזאָגט, און ער אַליין האָט מודה געווען און ער האָט זיך נישט געשעמט, און ער אַליין פלעגט דערציילען די מעשה אַ סך מאָל.

און איך האָב דאָס געהערט אַביסעל פון מיין פאָטער, הכ"מ, און אַביסעל פון אונזער גוטער פריינט ר' אהרן, וואָס זיי האָבען דאָס געהערט פון זיין מויל אַליין.

— יד —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט ווי אזוי דער רבי ז״ל איז אמאל געזוען פורים אין די שטאט קאמיניץ.**

דער רבי ז״ל איז אמאל אנגעקומען אין די שטאט קאמיניץ אום תענית אסתר, און ער איז אריינגעגאנגען צום שוחט און האט אים געבעטען אז ער וויל איינשטייען ביי אים, און דער דאזיגער שוחט איז פונקט דאמאלסט געווען פארנומען שטארק מיט שעכטען די עופות לכבוד פורים. האט ער אים מדחה געווען און ער האט אים געענטפערט אז ער האט נישט קיין פלאץ. איז דער רבי ז״ל אוועקגעגאנגען פון אים. און דער דאזיגער שוחט איז אויך געווען דער בעל קורא פון דער מגילה. ביי נאכט פאר דער מגילה׳לייענען האט זיך דער שוחט ארום געקוקט אויף דעם קהל כדי ער זאל וויסען ביי ווען צו נעמען מגילה געלט. האט ער דערווייל דערזען דעם רבי׳ן ז״ל ווי ער קוקט אריין אין עפעס א מגילה, איז דער רבי ז״ל אים זייער געפעלען און ער האט זייער הרטה געהאט פאר וואס ער האט דעם רבי׳ן ז״ל אנטזאגט פון איינשטייען ביי אים. און ער האט ביי זיך מהליט געווען אז תיכף נאך קריאת המגילה וועט ער דעם רבי׳ן ז״ל נעמען צו זיך אהיים. אבער באלד נאך די מגילה איז דער רבי ז״ל ארויסגעגאנגען, און דער שוחט האט אים שוין מערער ניש געזען, און ער האט געהאט פון דעם גרויסע יסורים, און ער האט נישט געקענט אהיים גיין מחמת גרויס צער. און ער האט גענומען צוויי מענטשען און ער איז אומגעגאנגען זוכען אים, און זיי האבן אים געזוכט אין אלע האטעלען אין אלע הכנסות אורחים און זיי האבען אים נישט געפונען.

און דער רבי ז״ל איז אריינגעגאנגען צו א קארגען גביר און האט אים געזאגט אז ער וויל איינשטייען ביי אים און דער פאר זאגט ער אים צו עשירות, און די זאך איז שטארק אריין אין די הארץ פון דעם קמצן און ער האט דעם רבי׳ן ז״ל אויפגענומען כאטש עס איז נישט געווען זיין שטייגער. וזארום די ליכט פון דעם רבי׳ן ז״ל האט אים אשיין געטאן אין מוח אזוי ווי ער וואלט שוין געזען דאס עשירות. און ער האט געשיקט זיין טאכטער אלעמאל עפעס קויפען געבעקס און משקה לכבוד דעם אורח. און דער שוחט האט געזען וויאזוי די טאכטער פון דעם קמצן גייט אלעמאל קויפען, האט ער איר געפרעגט וואס איז ביי אייך, האט זי אים דערציילט דעם גאנצען ענין.

איז באַלד דער שוחט געגאַנגען מיט די צוויי מענטשען וואָס זיי זיינען געווען מיט אים, און דער שוחט איז אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן ז"ל און די צוויי מענטשען זיינען געבליבען אין דרויסען. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען זאָלען זיי אויך אַריינקומען, זיינען זיי אויך אַריין. האָט דער רבי ז"ל אָנגעהויבען צו שטראָפען דעם שוחט און ער האָט אים געזאָגט היתכן, ווי אַזוי נעמט מען אַן אַלטען איד און מען פאַרקאַטשעט אים די באָרד און מען שעכט אים מיט אַ סכין פגום. האָט זיך דער שוחט אָנגערופען פאַרוואָס עפּעס מיט אַ סכין פגום. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען אַז דער שוחט זאָל דאָ בלייבען ביי אים און די צוויי מענטשען זאָלען ברענגען דעם הלף, און אַזוי איז טאַקע געווען אַז דער סכין איז געווען פגום. האָט דער שוחט גע'חלש'ט און מען האָט דערמינטערט. און דער רבי ז"ל האָט דאַמאָלסט געזאָגט צו דעם שוחט אַז ער זאָל פאָרען צו אים אויף ראש השנה.

און עס איז אַריבער אַלאַנגע צייט און ער איז נישט געפאָרען ביז ער איז קראַנק געוואָרען האָט ער אויף זיך מקבל געווען אַז ער וועט געזונט ווערען וועט ער שוין פאָרען, און נאָכדעם האָט ער נאָך אַלס נישט מקיים געווען ביז זיין ווייב האָט אים געגעיט און זי איז אויך מיטגעפאָרען. און דער רבי ז"ל האָט אים געהייסען אַז ער זאָל האָבען ווידוי דברים, און עס זעט אויס אַז ער האָט זיך געמוזט אָנטזאָגען פון זיין שחיטה...

— טו —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר' חייקיל'ס שפּע.**

**אַמאָל** איז דער רבי ז"ל געפאָרען אין וועג צוזאַמען מיט ר' חייקיל און דער רבי ז"ל איז דאַמאָלסט געווען אין וואונדערלעכען דבקות, האָט זיך געדאַכט ר' חייקיל'ן אַז דער רבי דרעמעלט. און אַביסעל אין אַ זייטיגע וועג האָט דאָרטען געוואוינט איינער וואָס ער איז געווען אַביסעל מקורב צום רבי'ן ז"ל און דער איז אויך געווען אַ שטיקעל קרוב מיט ר' חייקיל'ן. האָט ר' חייקיל אַוואונק געטאָן צו דעם בעל עגלה אַז ער זאָל אַריינפאָרען אין דעם דאָזיגען זייטיגען וועג, און אַזוי אַרום איז ער צוגעקומען צו זיין קרוב. און ר' חייקיל האָט געהייסען אַז דער בעל עגלה זאָל זיך אָפּשטעלען. און דער שטייגער פון דעם רבי'ן ז"ל איז געווען זיך נישט צושפּאַרען זיך אויף קיין זאַך. און ער האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער ווייסט

נישט, און ער איז אראפ פון דעם וואגען און ער איז אריין צו דעם דאזיגען מענטש.

און אז דער בעל הבית האט געזען דעם רבי'ן ז"ל האט ער זיך זייער פארוואונדערט און האט אים געגעבען שלום בשמחה. האט אים ר' חייקל געפרעגט אפשר האסטו אביסעל לעקעך מיט בראנפען אויף כיבוד. האט ער געענטפערט אז ער האט גארנישט און זיין שטוב איז ליידיג. האט ער זיך אנגערופען צו אים גיי צו די נאענטע קרעטשמע און ברייננג עפעס פון דארטען אויף כיבוד, האט ער אים געענטפערט אז ער האט נישט פאר וואס צו קויפען. האט ער אים געזאגט נעם עפעס א חפץ פון שטוב פאר א משכון. האט ער גענומען די שבת'דיקע לייכטער פון זיין ווייב און האט זיי פאר משכנ'ט און ער האט געבראכט כיבוד. און אז ער האט אנגעפילט דעם כוס לכבוד דעם רבי'ן ז"ל און דערוויל זיינען אדורכגעגאנגען די קינדער נאקעט און בארוועס, האט ר' חייקיל אוואונק געטאן צום רבי'ן ז"ל אז ער זאל צוזען דאס ארעמקייט און ער האט געבעטען אז דער רבי ז"ל זאל עפעס משפיע זיין א שפע. האט דער רבי ז"ל געענטפערט איך האב נישט קיין שפע פאר אים, נאר אויב דו ווילסט גיב אים שפע. האט זיך ר' חייקיל אנגערופען, רבי איך האב מורא אז איר וועט זיין אין כעס אויף מיר צוליב דעם, און איר וועט זיך אנרופען אז חייקיל זאל שטארבען, און ער וועט טאקע שטארבען. האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופען און האט אים געזאגט האב קיין מורא נישט, און ער האט אזוי אים איבער געפרעגט דריי מאל, און יעדעס מאל האט אים דער רבי ז"ל געענטפערט האב נישט קיין מורא איך גיב דיר רשות. איז דארטען געוועזן אין שטוב א כלי מיט וואסער, האט ר' חייקיל אויסגעגאסען די כלי מיט וואסער אינמיטען שטוב, און האט גענומען א ברייטען שטיק האלץ און האט אנגעהויבען צושפרייטען די וואסער, און האט געזאגט מיט דעם לשון, שפע קיין מזרח, שפע קיין מערב, שפע קיין דרום, שפע קיין צפון. נאכדעם זיינען זיי אוועקגעפארען פון דארטען.

און נאך זייער אוועקפארען זיינען אנגעקומען אהין עטלעכע גויים וואס זיי פירען סחורות אין שטאט אריין צו פארקויפען. האבען זיי געפרעגט דעם דאזיגען בעל הבית אויב ער האט צו פארקויפען בראנפען, הערינג, אדער געבעקס און נאך פארשידענס. האט ער זיי געענטפערט, אז ער האט גארנישט. האבען זיי אים געפרעגט פארוואס ? האט ער זיי געענטפערט ווייל ער האט נישט קיין געלט.

האבען זיי אים געזאגט אז זיי ווילען אים אויסלייזען געלט און ער זאל פארען אין שטאט אריין און זאל אלס איינקויפען און דערנאך ווילען זיי ביי אים קויפען, און וויל דו ביזט א גלייכער מענטש האבען מיר נישט וואס צו זארגען פאר די געלט. און זיי האבען אים געליען אסומע געלט. און נאכדעם יעדער מאל ווען די גויים פלעגען דארטען אדורכפארען, פלעגען זיי זיך דארטען אפשטעלען און עסען און טרינקען ביי אים. און זיי פלעגען אים אויך פארקויפען אלע סארטען סחורות וואס זיי האבען געהאט פון דעם פעלד, און ער פלעגט די דאזיגע סחורות פארקויפען אין שטאט און ער האט גוט פארדינט. און אז ער האט אנגעהויבען צו באקומען אביסעל געלט האט ער זיך געקויפט עטליכע בהמות און ער האט געמאכט פוטער מיט קעז און ער האט אנגעהויבען צופירען מילך אין שטאט אריין צו פארקויפען, און אז ער פלעגט קומען אין שטאט אריין צו פארקויפען אדער קויפען אלס וואס ער האט באדארפט, איז אין איינוועג פלעגט ער אריינגיין צום רבי'ן ז"ל געבען שלום.

נאכדעם אין א שטיקעל צייט ארום איז ער געווען אזוי שטארק פארנומען ביז ער האט שוין נישט געהאט קיין צייט אפילו אריינצוגיין צום רבי'ן ז"ל, און ער פלעגט זיך טאקע מונע זיין פון אריינצוגיין צום רבי'ן ז"ל, ווארום ער האט מורא געהאט אז דער רבי ז"ל וועט אנהויבען ריידען מיט אים אדער איינער פון אונזערע מענטשען וועט אנהויבען ריידען מיט אים.

אמאל איז געווען א יריד אין דער שטאט ברסלב און ער איז געלאפען אין גרויס איילעניש אויף דעם מארק צוקויפען און צופארקויפען. און די פענסטער פון דעם רבי'ן ז"ל זיינען געווען ארויס אין מארק אריין, און אז מען איז געגאנגען אין מארק אריין איז נישט געווען קיין אנדער וועג מען האט געמוזט אדורכגיין דעם רבי'נס פענסטער. און ער איז אזוי געלאפען און ער האט געוואלט אריבער לויפען גיך אז מען זאל אים נישט זען פון דעם רבי'נס פענסטער. האט דער רבי ז"ל אנגעקלאפט פון אינעווייניג אין פענסטער און האט אים גערופען, האט ער שוין געמוזט אריינקומען, ווארום עס האט אים שוין נישט געפאסט, אז דער רבי אליין האט אים גערופען. און אז ער איז אריינגעקומען האט אים דער רבי ז"ל געפרעגט זאג נאר צי האסטו שוין היינט א קוק געטאן אויף דעם הימעל? האט ער געענטפערט ניין. האט אים דער רבי ז"ל צו גערופען צום פענסטער און האט אים געזאגט קוק אין פענסטער

אריין און זאָג מיר וואָס דו זעסט. האָט ער געענטפערט איך זע וועגענערס מיט פערד און מענטשען לויפען אהער און אהין. האָט זיך דער רבי ז״ל צו אים אנגערופען אין פופציג יאָר אַרום וועט זיין גאָר אַן אַנדער יריד. און דאָס אַלס וואָס דו זעסט וועט שוין מער נישט זיין, נאָר אַנדערע פערד און וועגעלעך מיט סהורות מיט אַנדערע מענטשען, און אויך איך וועל שוין דאַמאָלסט נישט זיין און דו וועסט שוין אויך נישט זיין. איז היינט פרעג איך דיר פאַרוואָס ביזטו אַזוי שטאַרק פאַרנומען אַז דו האָסט נישט קיין צייט אפילו אַ קוק צוטאָן אויף דעם הימעל. און דער רבי ז״ל האָט באַלד אַ רוף געטאָן ר׳ חייקיל׳ן, וואָס ער איז געוועזן אין דעם אַנדערען צימער און האָט אים געזאָגט, זע חייקיל וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט מיט דיין שפּע אַז ער האָט אפילו קיין צייט נישט אַ קוק צוטאָן אויף דעם הימעל.

[דאָס אַלס האָב איך געהערט פון ר׳ נפתלי כהן ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון זיין איידעם ר׳ אברהם ב״ר נחמן טולטשינער זצ״ל].

— טז —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט ווי אַזוי דער רבי ז״ל האָט געזאָגט פריער, וואָס שפּעטער וועט זיין צו משה חינקים וועגען די געלט וואָס אים האָט געקומט פון דער ממשלה און מען האָט אים נישט געהאַט באַצאָלט**

[איך האָב די מעשה געהערט פון ר׳ אברהם דוב ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון משה חינקים אַליין, און נאָך האָב איך געהערט פון מיין פאָטער ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון ר׳ נתן ז״ל].

**משה** חינקים איז געווען פון די באַגלייבטע ליבהאָבער פון דעם רבי׳ן ז״ל, ווייל ער האָט געזען כמה מופתים פון דעם רבי׳ן ז״ל אַליין, און ער האָט זיי דערציילט פאַר אַנדערע מענטשען, ביז עס איז צוליב דעם מקורב געוואָרען ר׳ יצחק פון דעם דאָרף טשערווין, וואָס געפינט זיך לעבען ברסלב, און דאָס איז דער וואָס מען פלעגט אים רופען ר׳ יצחק טשערוויצער. און דאָס איז איינס פון די מופתים וואָס משה חינקים האָט דערציילט.

ער מיט אברהם פיים זיינען געווען שותפים אין פּאַדרייטשיק געשעפטען (דער מנהג איז געווען דאַמאָלסט ביי די גענעראַלען

פון דער אַרמיי אַז יעדער גענעראַל האָט באַדאַרפט באַזאָרגען זיין אַרמיי מיט עסען און טרינקען און מיט אַלצדינג, דערפאַר פלעגט יעדער גענעראַל באַשטעלען ביי סוחרים אַלם וואָס ער האָט באַדאַרפט און דער סוחר וואָס פלעגט מאַכען אַן אָפּמאַך מיט דעם גענעראַל אַז ער נעמט זיך אונטער צושטעלען ביז אין אַ געוויסע צייט אַזוי פיל און אַזוי פיל סחורה פאַר דעם גענעראַל, דעם האָט מען גערופען „פּאַדריטשיק"). און ווייל אין אָנפאַנג זיינען זיי נאָך נישט געווען גענוג רייך איבער דעם האָבען זיי אָנגענומען קליינע באַשטעלונגען פון די גרויסע פּאַדריטשיקעס, אָבער דערנאָך אַז זיי האָבען מצליח געווען און זיי זיינען רייך געוואָרען, און זיי האָבען שוין געקענט אָננעמען דעם פּאַדראָט פון דעם גענעראַל אַליין, זיינען זיי געקומען צום רבי'ן ז"ל און זיי האָבען אים געפרעגט אויב זיי זאָלען אָננעמען אַזאַ סאָרט פּאַדראַד. און דער רבי ז"ל האָט נישט מסכים געווען צו דעם, און ער האָט דאַמאָלסט געזאָגט דעם מאמר פון ליקוטי מוהר"ן אַז צו זיין אויסגעמישט מיט די גוים איז זייער שווער צו עבודת ה'. ווארום כדי צוצוקומען חן אין די אויגען פון דעם גענעראַל מיט זיינע סחורות וואָס ער שטעלט אים צו, איבער דעם מוז מען אַמאָל זיך משתתף זיין מיט זיי אין אַ פריינדלעכען קאָרטען שפּיל, און ביי אַזאַ סאָרט שפּיל געפינען זיך אויך זייערע טעכטער אָדער זייערע ווייבער, און מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלען ווי עס קען אויסזען די פאַרברייענגעכצען. צוליב דעם אַלעמען האָט דער רבי ז"ל נישט מסכים געווען.

אָבער זיי האָבען נישט געהערט דעם רבי'ן ז"ל און זיי האָבען אָנגענומען אַ פּאַדראַד ביי אַ גענעראַל, און דער סוף איז געווען אַז פאַר אַלע פּאַדראַדען האָט די רעגירונג באַצאָלט ווי דער געזעץ איז נאָר פאַר דעם פּאַדראַד האָט מען נישט באַצאָלט, איז איבער דעם האָבען זיי געמוזט זיין פון די וואָס לייען און באַצאָלען נישט. און ווייל זיי זיינען געווען עשירים, און זיי פלעגען געבען דעם רבי'ן ז"ל יעדעס מאָל ליטישע נתינות, ביז עס האָט זיך אָנגעקליבען ביי אים אַ געוויסע סומע געלט. און אַזוי ווי צוליב די מעשה זיינען זיי געוואָרען זייער געדריקט האָבען זיי ביי דעם רבי'ן ז"ל אויך אויסגעליען, און שפּעטער ווען זיי האָבען שוין געהאַט באַצאָלט אַלע חובות נאָר דעם רבי'ן ז"ל זיינען זיי נאָך שולדיג געווען. און אַמאָל האָט דער רבי ז"ל געמאָנט ביי משה חנקים אַז ער זאָל אים דעם חוב באַצאָלען, האָט ער אים געענטפערט מיט

עזות, מיר האָבען שוין אייך מערער געלט געגעבען. פונדעסטוועגען האָט דער רבי ז״ל אים געזאָגט אַז דער חוב פאַר דעם פּאַדראַד וועט באַצאָלט ווערען, און מען וועט נאָך אים אָנקלאַפּען אין פענסטער אַז ער זאָל אהין פאָרען איינמאָנען דעם חוב.

און אַזוי איז טאַקע געווען, עס איז שוין געהאַט אריבער צוואַנציג יאָר נאָך דער הסתלקות פון דעם רבי׳ן ז״ל האָט די רעגירונג מבקר געווען די חשבונות און עס איז געפונען געוואָרען אַז דער פּאַדראַד איז נאָך נישט באַצאָלט געוואָרען, ובכן האָט מען באַלד געשיקט אַ שליח מיוחד קיין טולטשין, און דאַמאָלסט איז שוין געווען ר׳ יצחק דער זון פון ר׳ נתן ז״ל דער מנהל פון די פּאָסט, און אַז דער שליח איז צו אים אָנגעקומען האָט ער אים געשיקט קיין ברסלב און ער איז דאָרטען אָנגעקומען האַלבע נאַכט און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דעם פענסטער פון משה חינקים און האָט אים געזאָגט די בשורה אַז ער זאָל פאָרען איינמאָנען די געלט פאַר דעם פּאַדראַד, און עס איז מקויים געוואָרען די נבואה פון דעם רבי׳ן ז״ל.

— יז —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט ווי אַזוי דער רבי ז״ל האָט געזאָגט ר׳ מאיר׳ן זיין מחשבה וואָס ער האָט געהאַט אין דער צייט וואָס ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם וואָגען**

[די מעשה האָב איך געהערט פון ר׳ שמחה ז״ל דער זון פון דעם ר׳ מאיר ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון זיין פאָטער].

דער ר׳ מאיר איז געווען אַזוי ווי אַ בן בית ביי דעם רבי׳ן ז״ל, און ווען ער פלעגט קומען צום רבי׳ן ז״ל פלעגט דער רבי ז״ל אים איבערגעבען די שליסלען. אַמאָל איז ער געפאָרען צוזאַמען מיט ר׳ יודיל ז״ל אויף דעם וועג האָט ר׳ יודיל געזאָגט ווען דער רבי וואָלט געווען זיין אין דעם דור פון די תנאים וואָלט ער אויך אַ הידוש געווען, האָט זיך דער דאָזיגער ר׳ מאיר אָנגערופען אַז ער האַלט נישט דעם רבי׳ן ז״ל אַזוי גרויס, ער איז ביי אים דער גדול הדור פון איצט. און אַז זיי זיינען אָנגעקומען צום רבי׳ן ז״ל האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו אים, אַז מען גלייבט נישט אין מיר איז פאַרוואָס פאָרט מען צו מיר. האָט זיך ר׳ מאיר אָנגערופען פאַרוואָס גלויב איך נישט אין אייך? האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו אים איך קען דיר אפילו זאָגען דיין מהשבה וואָס דו האָסט געהאַט ווען דו ביזט אַרויף אויף דעם וואָגען. האָט ער זיך

אָנגערופען, רבי אויב איר ווייסט זאָגט. האָט אים דער רבי ז״ל געזאָגט. איז ר׳ מאיר זייער דערשראָקען געוואָרען פון דעם און האָט זיך אָנגערופען צום רבי׳ן ז״ל אויב אַזוי בלייב איך ביי אייך. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו אים, זיי נישט איבערגעשראָקען פון דעם וואָס איך האָב דיר צוגעטראָפען דיין מחשבה, איך האָב דאָס אַלס פאַרשטאַנען מיט הכמה ווי אַזוי דו ביזט אריינגעגאַנגען אין שטוב אריין און ווי אַזוי דו האָסט מיר געגעבען שלום, פון דעם אַלעמען האָב איך פאַרשטאַנען דיין מחשבה. האָט ר׳ מאיר אָנגענומען דעם רבי׳נס רייד און ער איז אַהיים געפאָרען. אין מיטען וועג האָט ער זיך פאַרוואונדערט אויף זיך אַליין ווי אַזוי האָט ער געקענט גלויבען דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער ווייסט זיין מחשבה מחמת חכמה, עס איז דאָך אומעגלעך צו וויסען יענעמס מהשבה נאָר מיט רוח הקודש, און עס איז געווען ביי אים נאָך אַ גרעסער וואונדער ווי אַזוי דער רבי האָט אים אָפּגענאַרט אַז ער ווייסט זיין מחשבה מחמת הכמה.

דער דאָזיגער ר׳ מאיר האָט געוואוינט אין מעדזועדובקע און ער איז געווען אַ גרויסער גביר וואָס מען פלעגט ביי אים עסען אין זילבערנע כלים און זיך וואַשען אין גאָלדענע כלים. נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער (און אַמאָל איז איינגעשטאַנען ביי אים ר׳ מרדכי מטשערנאָביל ז״ל מיט זיינע זין האָט ר׳ מאיר׳ס ווייב געבעטען פון אים אַז זי זאָל האָבען קינדער, האָט ער זיך אָנגערופען צו איר, נאָך וואָס ווילסטו קינדער? עס איז גענוג פאַר דיר אַז איך מיט מיינע קינדער שטייען איין ביי דיר). און אַמאָל איז זי געפאָרען מיט אַ רעש צום רבי׳ן ז״ל וועגען קינדער. האָט זיך דער רבי ז״ל אַרומגעדרייט אין שטוב פון איין וואַנט צו דער אַנדערער און זיין פנים איז געווען פלאַם פייער ממש, און זי האָט שוין במעט חרטה געהאַט פאַרוואָס זי האָט דעם רבי׳ן ז״ל אַזוי שטאַרק מטריח געווען. נאָכדעם האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען אַז זי וועט האָבען אַ זון נאָר זי וועט פאַרלירען דאָס עשירות און זי וועט האָבען אַזאַ אָרעמקייט ביז זי וועט נישט האָבען פאַר דעם קינד נאָר איין טלית קטן, און אַז זי וועט אים דאָס איבוואַשען וועט ער נישט האָבען קיין אַנדערען אָנצוטאָן און ער וועט דאַרפען וואַרטען ביז עס וועט זיך אויסטריקענען, און זי האָט צודעם אויך מסכים געווען. האָט איר דער רבי ז״ל געזאָגט אַז זי דאַרף פרעגען דעם מאַן אויב ער איז אויך מסכים, האָט ער אויך מסכים געווען, און עס איז זיי געבוירען געוואָרען אַ זון.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז דער רבי ז״ל געפאָרען קיין מעדוועדובקע אויף דעם וועג פון קרעמינטשוק אויף די חתונה פון זיין טאָכטער שרה מיט הר״ר יצחק אייזיק בן הרב ר׳ לייב פון דובראָוונע, און אַז דער רבי ז״ל איז אָנגעקומען קיין מעדוועדובקע איז ער נישט אַריין ביי ר׳ מאיר אין שטוב נאָר ער איז אַריין אין שול און ער האָט גערופן דאָס קינד פון ר׳ מאיר און ער האָט אים פאַרהערט אין לערנען, און האָט זיך אָנגערופען, אוי, עס איז אַ גרויסער שאָד. און ער איז זיך וויטער געפאָרען זיין וועג. און דאָס קינד איז אַהיים געקומען און האָט דאָס אַלס דערציילט זיין מאַמען האָט זי געהאַט גרויסע יסורים פון דעם. און פאַרנאַכט איז דאָס קינד נפטר געוואָרען. נאָכדעם האָט זיך זיין מוטער פאַרשלאָסען אין אַ באַזונדער חדר און האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטען און ריידען מיט קיין מענטש.

נאָכדעם אַז דער רבי ז״ל האָט זיך אומגעקערט קיין מעדוועדובקע איז ער אַריין איינשטייען ביי זיי, איז זי תיכף אַרויס פון איר חדר, און דער רבי ז״ל האָט זיך אָנגערופען אַז ער נעמט פון איר אַוועק די שבעת ימי אבלות וואָרום די חתונה וועט זיין ביי איר. און זי וועט זיין בעלת השמחה, און אַזוי איז טאַקע געווען און זי האָט געמאַכט אַלע צרכי החתונה אַזוי ווי די גרויסע גבירים. און זי האָט אָנגעטאָן די כלה און זיי זיינען געפאָרען אַנטקעגען דעם התן און זי האָט געמאַכט די חתונה מיט גרויס שיינקייט און זי איז געווען אָנגעטאָן אין גאָלדענע צירונג אַזוי ווי די כלה האָלט געווען איר טאָכטער. און זי האָט געגעבען אַ מתנה אַ גרויסע גאָלדענע מנורה. נאָכדעם האָט דער רבי ז״ל איר אַריינגערופען און האָט איר געזאָגט אַז זי וועט האָבען אַ זון און זי זאָל אים אַנאָמען געבען נחמן, און אַזוי ווי מיין נאָמען איז נחמן בן פייגא און אַזוי וועט ער אויך הייסען (וואָרום איר נאָמען איז געווען פייגא). און אַזוי ווי איך בין אַ חידוש אין מיין זאַך אַזוי וועט ער זיין אַ חידוש אין זיין זאַך. נאָר מיט דעם תנאי אַז זי זאָל אויסהאַלטען די דאָזיגע פונקטען, ערשטענס, אַז זי זאָל אים נישט זייגען נאָר אַ זייגערען. צווייטענס, אַפילו די זייגערען זאָל אים נישט זייגען נאָר אין די ריינע טעג. דריטענס אַז זי זאָל נישט אָנקוקען דאָס קינד ווען זי וועט נישט זיין ריין. און אַזוי איז געווען און זי האָט געהאַט אַ זון. אָבער זי האָט די פונקטען נישט אויסגעהאַלטען וואָרום ער איז אַמאָל געווען קראַנק איז זי אים געגאַנגען אָנקוקען און די נישט

ריינע טעג, און אויך די זייגערען האָט אים געזויגען אין די נישט ריינע טעג. איז זי געפאָרען צום רבי'ן ז"ל פרעגען אויב זי זאָל אים געבען צו אַן אַנדערע זייגערען. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען אַז איצט איז שוין קיין חילוק נישט וויבאַלד אַז מען האָט נישט מקיים געווען די אויבענדערמאָנטע פונקטען, און ער וועט שוין נישט זיין קיין חידוש אַזוי ווי אויבען איז געשטאַנען, און אַזוי איז טאַקע געווען.

— יח —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון די פּושעים וואָס זיי האָבען געוואָלט שלאָגען דעם רבי'ן ז"ל, און דער נס וואָס ער האָט געהאַט, און די מפּלה וואָס זיי האָבען געהאַט.**

אַמאָל איז דער רבי ז"ל געפאָרען פון מעזבוז קיין ברסלב, און דער געוויינלעכער וועג איז אַדורכצופאָרען די שטאָט נעמירוב. און אַז די מתנגדים פון די שטאָט נעמירוב זיינען געוואויר געוואָרען פון דעם, זיינען זיי אַרויס אין דרויסען פון שטאָט מיט שטעקינעס אין די הענט כדי זיי זאָלען דעם רבי'ן ז"ל שלאָגען. און אַז אונזערע מענטשען זיינען פון דעם געוואויר געוואָרען האָבען זיי אויך אַזוי געטאָן און יעדער איינער האָט גענומען אַ שטעקען אין דער האַנט און איז אַרויס אינדרויסען כדי צוראַטעווען דעם רבי'ן ז"ל פון זייערע הענט. און די צוויי קאָמפּאַניעס זיינען געשטאַנען אויף דעם וועג און זיי האָבען געוואַרט אויף דעם רבי'נס אָנקומען.

אָבער דער אויבערשטער האָט געהאָלפען אַז דער רבי ז"ל האָט דאָס אַלס צוגעזען מיט רוח הקודש. און אַז ער איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף לעבען נעמירוב האָט ער געפרעגט אויב עס איז מעגלעך צופאָרען קיין ברסלב דורך אַן אַנדער וועג און נישט דורך נעמירוב. האָט מען אים געזאָגט אַז מען קען פאָרען דורך אַ קרומען וועג אין די זייט פון די דערפער. און אַזוי האָט דער רבי ז"ל געטאָן און ער איז אָנגעקומען קיין ברסלב בשלום. און די צוויי קאָמפּאַניעס שטייען גרייט און זיי וואַרטען. און דערווייל איז געקומען די צייט פון מנחה, און מיט דעם דאַזיגען בטחון וואָס איז געווען אין האַרץ פון אונזערע מענטשען אַז עס וועט דעם רבי'ן ז"ל נישט געשען קיין שום היזק. האָבען זיך אונזערע מענטשען אומגעקערט אין שטאָט אריין.

אָבער די מתנגדים זיינען געבליבען שטיין מיט אַ פריילעך האַרץ, וואָרום זיי האָבען געהאָפט אַז זיי וועלען מצליח זיין, וואָרום

קיינער וועט זיי נישט שטערן. פלוצלונג האָבען זיי דערזען פון וויטענס ווי אַ וואָגען דערנענטערט זיך, און צוויי מענטשען שטייען אין דער זייט אַזוי ווי דער מנהג איז געווען ווען אַ רבי מיט זיינע באַדינערס פלעגען פאָרען. האָט זיך די קאָמפּאַניע באַהאַלטען ביי דער זייט פון וועג און אַז דער וואָגען איז אָנגעקומען נאָענט לעבען זיי האָבען זיי באַפאַלען דעם וואָגען מיט די שטעקענעס, וואָרום זיי האָבען געקלערט אַז דער רבי ז״ל געפינט זיך דאָרטען. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען צוגעקומען צום וואָגען האָבען זיי דערזען אַז עס פאָרט אַ רביצין מיט צוויי גבאים. אַז זיי האָבען דאָס דערזען זיינען זיי אַנטלאָפען אין שטאָט אַריין מיט גרויס בהלה און שאַנדע.

און די דאָזיגע רביצין מיט די גבאים האָבען פאַרשטאַנען אַז די דאָזיגע זיינען נישט קיין גזלנים, וואָרום ווען דאָס וואָלט געווען אַבאַנדע גזלנים ורוצחים וואָלטען זיי זיך נישט איבערגעשראָקען פאַר זייער געשריי און אַנטלאָפען געוואָרען. אויך האָבען זיי באַמערקט אַז די אָנפאַלערס זיינען גאָר חסידים. איז די זאַך געווען ביי זיי אַוואונדער. און אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין און זיי האָבען דאָס דערציילט און די מעשה איז באַוואוסט געוואָרען, און די אָנפאַלערס זיינען געווען ביי אַלעמען צו גרויס שאַנדע. און איינער פון זיי מחמת גרויס בושה און חרטה האָט ער געשיקט דעם רבי׳ן ז״ל אַ מתנה כדי אים איבערצובעטען. און דער רבי ז״ל האָט געזאָגט אַז ער האָט זייער גוט געטאָן וואָס ער האָט געשיקט אים איבערבעטען אָבער פונדעסטוועגען וועט ער נאָך מוזען ליידען עפּעס אַן עונש. און אויך צו אונזערע מענטשען וואָס זיי זיינען אַרום מיט שטעקענעס אים צוראַטעווען האָט דער רבי ז״ל געזאָגט אַז זיי האָבען נישט באַדאַרפט האָבען אַזאַ גרויסען בטחון און זיך פאַרלאָזען צוליב דעם גרויסען זכות און צדקות פון דעם רבי׳ן ז״ל וועט דער אויבערשטער טאָן אַ נס, נאָר זיי האָבען געדאַרפט וואַרטען די גאַנצע צייט וואָס די מתנגדים זיינען דאָרטען געווען, כדי מקיים זיין „לא תעמוד על דם רעך״, און דער אויבערשטער וועט העלפען...

— יט —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט ווי אַזוי דער רבי ז״ל האָט געראַטעוועט אַ אידישע מיידעל פון שמד׳ן זיך.**

אמאָל איז דער רבי ז״ל געווען אין אַ דאָרף אויף אַ ברית, איז צוגעקומען איינער צום רבי׳ן ז״ל און האָט אים דערציילט אַזוי ווי אַ גוי האָט איבערגערעדט זיין טאָכטער אַז זי זאָל זיך שמד׳ן ר״ל

אין זי איז פארלוירען געווארען, און ער האט איר שוין ארומגעזוכט אין אלע דערפער און ער האט איר נישט געפונען. האט דער רבי ז״ל אים געזאגט אז זיין טאכטער געפינט זיך ביי דעם גלח פון דעם דארף. האט זיך דער מענטש זייער פארוואונדערט, ווארום ער האט זיך גארנישט פארגעשטעלט אז דער גלח וועט אים אזוינס טאן, ווייל ער האט זיך גוט געהאלטען מיט אים. האט ער געפרעגט דעם רבי׳ן ז״ל ווי אזוי זאל ער ארויסנעמען זיין טאכטער פון דעם גלח׳ס הענט. האט דער רבי ז״ל געזאגט אז מען זאל נעמען צוויי מענטשען מיט א וואגען און זיי זאלען פארען צום גלח׳ס שטוב און זיין טאכטער וועט דאמאלסט שטיין אינדרויסען און אזוי ווי זי וועט זיי דערזען וועט זי תיכף מרוצה ווערען זיך אומצוקערען אהיים, און אזוי איז טאקע געווען. און דער רבי ז״ל איז נאך געזעסען אויף די סעודת מצוה.

און אז די גוים פון דעם געגענט זענען געוואויר געווארען אז די אידען האבען צוגענומען פון דעם גלח די מיידעל, האבען זיי גענומען שטעקינעס מיט העק און זיי זיינען געקומען מלחמה האלטען מיט די אידען, איז געפאלען א גרויסער פחד אויף די אידען. האט דער רבי ז״ל געזאגט אז זיי זאלען נישט מורא האבען נאר זיי זאלען אויך נעמען שטעקינעס און זיי זאלען ארויסגיין אנטקעגען וועלען די גוים מורא באקומען און זיי וועלען זיי אפלאזען. און אזוי איז טאקע געווען אז די גוים האבען דערזען אז די ביסעל אידען גייען זיי ארויס אנטקעגען מיט שטעקענעס זיינען זיי אוועק, כאטש דאס איז נישט געווען בדרך הטבע.

נאכדעם האט זיך דער רבי ז״ל משתדל געווען אז די מיידעל זאל התונה האבען מיט א בחור א בעל מלאכה פון דעם שטעטעל, און ער האט אנגעזאגט דעם בחור אויב עס וועט זיך מאכען אז ער וועט זיך קריגען מיט איר, זאל ער איר נישט פארווארפען אז זי האט זיך געוואלט שמד׳ן, און דערפאר זאג איך דיר צו אז דו וועסט האבען גוטע קינדער. און אזוי איז טאקע געווען זיי האבען געהאט גוטע קינדער רבנים לומדים מופלגי תורה.

— כ —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט ווי אזוי דער רבי ז״ל האט באוויזען פאר ר׳ חייקיל א נשמה פון א מת.**

עס איז באוואוסט אז ר׳ חייקיל איז געווען דער חזן פון דעם רבי׳ן ז״ל. אמאל האט ער געבעטען פון דעם רבי׳ן ז״ל אז ער

זאָל אים באַווייזען אַ מת. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען דו וועסט דאָך מורא האָבען פאַר אים. האָט ער געענטפערט אַז איך בין נאָך נישט אַזאַ טיפּש וואָס איך זאָל מורא האָבען פאַר אים. אַזוי האָט דער רבי אים דריי מאָל געפרעגט און ער האָט אַלס געענטפערט אַז ער וועט נישט מורא האָבען. האָט דער רבי ז"ל אים באַוויזען אַ נשמה פון אַ נפטר. האָט ער זיך אַזוי שטאַרק פאַרטרייסעלט ביז דער רבי ז"ל האָט הושש געווען אַז עס זאָל אים נישט שאַטען דער פחד. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען צו אים, אַזאַ חכם ווי דו ביזט זאָל מען קענען אָפּנאַרען מיט אַ דמיון. איז דער פחד אַוועק פון אים. נאָכדעם אין אַ צייט אַרום האָט ער נאָכאַמאָל געבעטען דעם רבי'ן ז"ל אַז ער זאָל אים ווייזען אַ נפטר נאָר אויף אַזאַ אופן אַז ער זאָל נישט מורא האָבען, האָט אים דער רבי ז"ל צוגעזאָגט.

אין די זעלבע גאַס וואו דער רבי ז"ל האָט געוואוינט איז דאָרטען געזעסען אַ בעקער, און אונזערע מענטשען האָבען זיך געפירט אַז זיי האָבען זיך געזעצט צו סעודת מלוה מלכה, איז אַ סך מאָל פלעגט זיי אויספעלען ברויט, זיינען זיי געווען איינגעוואוינט אַריינצוגיין צו דעם דאָזיגען בעקער און אָפּקויפען ביי אים די שיריים פון שבת וואָס עס פלעגט אים איבערבלייבען וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרקויפען ווייל עס איז נישט געווען גאַנץ אָדער געבאַקען נאָר אויף איין זייט. און דער בעקער איז געווען איינגעוואוינט מטיב צו זיין מיט זיי מיט דעם מקח. דערווייל איז דער דאָזיגער בעקער נפטר געוואָרען, און דאָס איז געווען פאַר חנוכה. אין חנוכה האָט דער רבי ז"ל געזאָגט ר' חייקיל'ן איצט וועסטו זען אַ נפטר. האָט ער אויפגעהויבען די אויגען האָט ער געזען ווי דער דאָזיגער בעקער שטייט פאַר דעם רבי'ן ז"ל מיט גרויס ציטערניש און מיט גרויס דרך ארץ און ער בעט זיך ביי דעם רבי'ן ז"ל אַזוי ווי איך פלעג ביים לעבען מטיב זיין מיט אייערע מקורבים און איך פלעג זיי פאַרקויפען ביליג ברויט מיט חלה אויף די סעודת מלוה מלכה, דערפאַר בעט איך ביי אייך אַ תיקון. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען צו אים ווייל דו פלעגסט מטיב זיין מיט מיינע מענטשען, דערפאַר וועל איך עוסק זיין אין דיין תיקון, און דער נפטר איז נעלם געוואָרען.

[דאָס אַלס האָט מיר דערציילט ר' נפתלי כהן ז"ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון זיין איידעם ר' אברהם ב"ר נחמן טולטשינער].

— כא —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר' לייב פון דאָרף וואטשעק.**

**דער** רבי ז"ל איז אַמאָל געווען ביי אים אויף אַ ברית, און ער האָט געזאָגט אַז עס וואָלט געווען גוט צו שטעלען דאָ אַ חופה, נאָכדעם האָט טאַקע פּאַסירט אַז מען איז געפאָרען אויף אַ חתונה אין דער שטאָט טשיקעוו, אינמיטען וועג זיינען אָנגעקומען אַלע מחותנים און עס איז אַראָפּ אַ רעגען, און זיי האָבען שוין נישט געוואָלט ווייטער פאָרען, און מען האָט געפּראַוועט די חתונה אין דעם דאָרף וואטשעק.

נאָכער אין דעם שבת נאָך די חתונה האָט ר' לייב גענומען צוויי עמערם מיט משקה אויף די אַקסלען און ער האָט דאָס געבראַכט צום טיש און ער האָט געזאָגט צום רבי'ן ז"ל אַז ער זאָל אים בענטשען אַז איבעראיאָר זאָל ער אויך אַזוי געבען דעם רבי'ן ז"ל. האָט אים דער רבי ז"ל געענטפערט, דער אויבערשטער ווייסט. איז ער זייער דערשראָקען געוואָרען פון דעם דאָזיגען ענטפער און ער האָט געבעטען פון ר' ארי' אפטיר וואָס ער איז געווען דער מלמד פון זיינע קינדער, אַז ער זאָל פרעגען דעם רבי'ן ז"ל וועגען דעם. האָט ער אים געפרעגט. האָט דער רבי ז"ל אים געענטפערט אַז ר' לייב זאָל אַליין קומען. איז ער געקומען. האָט דער רבי ז"ל אים געהייסען קומען אין צוויי וואָכען אַרום. און אַז ער איז צו אים געקומען האָט ער אים געזאָגט אַז ער האָט דאָס איבערגעביטען אויף אָרעמקייט און ער וועט מוזען אַרומגיין איבער די הייזער. האָט ער אָנגעהויבען זייער שטאַרק צו וויינען האָט דער רבי ז"ל אים געהייסען קומען אין צוויי וואָכען אַרום. און אַז ער איז געקומען האָט ער אים געזאָגט אַז ער זאָל נישט זיין קיין אָרימאַן איז אוממעגלעך, נאָר על כל פנים איבער די הייזער וועט ער נישט דאַרפען גיין. און מען וועט אים דאָס יאָר עטלעכע מאָל באַ'גנב'נען און נאָכדעם וועט אויף אים דער פריץ רחמנות האָבען און וועט אים אויפבויען אַ קליין קלייטעל אין דעם דאָרף, און פון דעם וועט ער זיך מפרנס זיין בדוחק גדול כל זמן ער וועט לעבען. און זיינע קינדער וועלען זיך מוזען אָפּשיידען פון אים, און זיי וועלען אַרבעטען ביי אַנדערע. אויך האָט דער רבי ז"ל אים דאַמאָלסט מגלה געווען ווי לאַנג ער וועט לעבען, און אין איין וואָך וועט ער מיט זיין ווייב נסתלק ווערען. און אַלס איז געווען פּינקטלעך אַזוי ווי דער רבי ז"ל האָט אים געזאָגט.

און פון דעם גרויסען אָרעמקייט זיינעם האָט ער מצמצם געווען וויפיל ער האָט נאָר געקענט און ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון דעם ביסען פון זיין מויל אויף צושרייבען אַ ספר תורה און ער האָט אויסגעקריצט זיין נאָמען אויף דעם און ער האָט דאָס אַוועק געגעבען אין דער ברסלבר קלויז פון די שטאָט אומין אויף דעם ראש השנה פאר זיין פּטירה. און דאַמאָלסט ווען דער רבי ז״ל האָט אים געזאָגט אַז ער וועט פאַרלירען זיין פאַרמעגענס, האָט ער באַלד צוטיילט אַ סך אויף צדקה וויפיל ער האָט נאָר געקענט. ווייל ער האָט געוואוסט זיכער אַז עס וועט אים גאָרנישט העלפען, אויב ער וועט זיך וועלען חכמ׳נען.

— כב —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ חיים שרה׳ס פון ברסלב**

**אין** דער צייט ווען דער רבי ז״ל איז געזעסען אין ברסלב, איז ער אַמאָל געזעסען ביים טיש מיט זיינע מענטשען, און צווישען זיי האָט זיך אויך געפינען דער דאָזיגער ר׳ חיים שרה׳ס. און פלוצלונג האָט דער רבי ז״ל אַזאָג געטאָן אַז דער מענטש איז אַזוי נאַריש, אַז אפילו ווען דער מלאך המות גייט אים נאָך הינטער זיינע פּלייצעס און ער האַלט זיך נאָך ביי זיינע נאַרישקייטען. און אַלע מענטשען האָבען זיך שטאַרק פאַרוואונדערט אויף די דאָזיגע רייד, און זיי האָבען נישט געוואוסט אויף וואָס זיי זיינען מרמז. אָבער דער דאָזיגער ר׳ חיים שרה׳ס איז זייער שטאַרק דערשראָקען געוואָרען וואָרום די ווערטער זיינען אים אַריין גוט אין הארצען, און ער האָט ביי זיך געוואוסט אַז דער רבי ז״ל איז אויף אים מרמז. נאָכדעם זיינען אַלע מענטשען אַוועקגעגאַנגען, און דער דאָזיגער ר׳ חיים איז געבליבען זיצען ביים טיש. האָט אים דער רבי ז״ל געפרעגט, וואָס זיצטו? האָט ער נישט געקענט ענטפערען מחמת גרויס פחד. איז דער רבי ז״ל אַריינגעגאַנגען ביי זיך אין חדר אַריין און דער ר׳ חיים איז אים נאָכגעגאַנגען און ער האָט אָנגעהויבען זייער שטאַרק צו וויינען און ער האָט געזאָגט צום רבי׳ן ז״ל, איך ווייס גאַנץ גוט אַז די ווערטער וואָס איר האָט געזאָגט ביים טיש האָט איר מיר געמיינט, דערפאַר בעט איך אייך זייער שטאַרק אַז איר זאָלט בעטען רחמים אויף מיר אַז איך זאָל בלייבען לעבען. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו אים, עס איז ריכטיג איך האָב טאַקע דיך געמיינט מיט דעם, נאָר אַזוי ווי איך באַדאַרף צופאַרען אויף דעם קבר פון

מיין הייליגען זיידען הבעל שם טוב זצ״ל, און איך וועל מתפלל זיין פאַר מיין קינד אַז ער זאָל האָבען אַ רפואה, איבער דעם פאַר אויך מיט מיר וועל איך פאַר דיר אויך מתפלל זיין. איז דער דאָזיגער ר׳ חיים מיטגעפאָרען מיט דעם רבי׳ן ז״ל קיין מעזבוז. און דער רבי ז״ל איז געגאַנגען אויף דעם קבר פון דעם בעש״ט, און האָט זיך געזאַמט דאָרטען אַ לאַנגע צייט. און אַז דער רבי ז״ל איז אַראָפּגעקומען האָט ער געזאָגט צו ר׳ חיים, פאַר דיר האָב איך גע׳פועל׳ט און פאַר מיר האָב איך נישט גע׳פועל׳ט, און דו באַדאַרפסט שוין נישט אפילו מתפלל זיין אויף דעם, נאָר וויבאַלד אַז דו ביזט שוין דאָ גיי אויך אַרויף צו דעם בעל שם טוב׳ס קבר זצ״ל. נאָכדעם האָט דער רבי ז״ל אים געזאָגט וויפיל יאָרען ער וועט נאָך לעבען, און זיי זיינען געפאָרען צוריק קיין ברסלב.

און דערוועיל האָט פּאַסירט נאָך אַ מעשה, אין די שטאָט ברסלב איז געווען אַ גביר און ער איז געווען מקורב צום רבי׳ן ז״ל, און ער האָט געהאַט אַ בן יחיד האָט ער אַ שידוך געטאָן מיט אַ אייניקעל פון דעם בעל שם טוב ז״ל, און אַז עס איז געקומען די צייט פון די חתונה איז דער התן שטאַרק קראַנק געוואָרען איז מען געגאַנגען פרעגען דעם רבי׳ן ז״ל וואָס זאָל מען טאָן. און אַזוי ווי דער רבי ז״ל איז געווען אויף דעם וועג פון מעזבוז, האָט מען געשיקט אַ שליה מיוחד מיט אַ פערד אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען צום רבי׳ן ז״ל און אים פרעגען, און ער זאָל נאָך אָניאָגען צוריק צוקומען צו די מהותנים און זיי ברייגגען דעם רבי׳נס ענטפער. און די נאָכט פריער פאַר די מעשה איז דער רבי ז״ל אויפגעשטאַנען און האָט אויך אויפגעוועקט דעם ר׳ חיים, און זיי האָבען זיך געוואַשען די הענט, און דער רבי ז״ל האָט אים אַרויסגענומען אינדרויסען, און דער רבי האָט אָנגעהויבען לויפען צווישען די ביימער, איז ר׳ חיים זייער דערשראָקען געוואָרען. איז דער רבי ז״ל צוגעקומען צו אים און האָט אים געזאָגט, האָסטו געזען? עס איז געקומען צו מיר דער בעש״ט זצ״ל וואָס ער איז דער זיידע פון די כלה און ער האָט געזאָגט אַז ער וויל נישט דעם דאָזיגען חתן, און האָט אים געוואָלט צונעמען פון דער וועלט. און אַז ר׳ חיים האָט דאָס דערהערט איז ער נאָך מער דערשראָקען געוואָרען ביז עס האָט אין אים געקלאַפּט אַצאָן אין אַצאָן. נאָכדעם איז דער רבי ז״ל נאָכאַמאָל צוגעקומען צו אים און, האָט אים געזאָגט איך האָב גע׳פועל׳ט ביי דעם בעל שם טוב זצ״ל אַז ער זאָל דעם חתן נישט

צונעמען נאָר זיי זאָלען קיין קינדער נישט האָבען. צומאָרגענס מיטאָג צייט איז דער דאָזיגער ר׳ חיים געשטאַנען אינדרויסען, האָט ער געזען ווי דער שליח קומט אָן מיט דעם פערד, און ער האָט דערציילט דעם רבי׳ן ז״ל אַז דער חתן איז קראַנק געוואָרען אויף דעם וועג און מען קען בשום אופן נישט פאָרען מיט אים אויף די חתונה, איבער דעם זאָל דער רבי ז״ל בעטען רחמים פאַר אים. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו דעם שליח פאַר צוריק און דער חתן וועט האָבען אַ רפואה און איר זאָלט פאָרען מיט אים אויף די חתונה. איז דער דאָזיגער ר׳ חיים זייער שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרען ווייל ער האָט געוואוסט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן די פריערדיגע נאַכט, און מען האָט געפּראַוועט די חתונה. און דעם רבי׳נס ווערטער זיינען אויך מקויים געוואָרען וואָס ער האָט געזאָגט פאַר ר׳ חיים אַז זיי וועלען נישט האָבען קיין קינדער.

אין יאָרען ארום נאָך די פּטירה פון דעם רבי׳ן ז״ל. האָט ר׳ הירש לייב וואָס ער איז געווען דער רב פון ברסלב זיך משתדל געווען אַז זיי זאָלען זיך גט׳ן, און דער דאָזיגער רב איז געווען דער איידעם פון דעם ר׳ חיים שרה׳ס, און ווייל ער האָט געהערט פון זיין שווער די דאָזיגע מעשה, איבער דעם האָט ער זיך אריינגעמישט אַז זיי זאָלען זיך גט׳ן. נאָכדעם האָבען ביידע געהאַט קינדער.

אויך אין די זעלבע צייט וואָס דער רבי ז״ל האָט דערציילט פאַר ר׳ חיים אַז דער בעל שם טוב זצ״ל וויל צונעמען דעם חתן פון דער וועלט, האָט אים דאַמאָלסט דער רבי געזאָגט אַז דער בעל שם טוב זצ״ל האָט שוין געהאַט צוגענומען די יאָרען פון דעם חתן, און דער רבי ז״ל האָט אים געמוזט געבען אַנדערע יאָרען, און אויך האָט ער איך געזאָגט וויפיל יאָרען ער וועט לעבען. און די צייט פון דעם מחלוקת האָט דער דאָזיגער חתן אויך געוואָלט קריגען אויף ר׳ נתן ז״ל, האָט זיך דער דאָזיגער ר׳ חיים אָנגערופען צו דעם חתן, שווייג, איך ווייס וויפיל יאָרען דו וועסט לעבען.

אין איצט מיט דעם רבי׳נס קינד וואָס ער איז געפאָרען מתפלל זיין פאַר אים אויף דעם בעל שם טוב׳ס זצ״ל קבר און ער האָט געזאָגט אַז ער האָט נישט גע׳פועל׳ט פאַר אים, דאָס קינד איז נפטר געוואָרען אין די זעלבע צייט ווען דער רבי ז״ל איז צוריק געפאָרען פון מעזבוז.

— כג —

**אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט ווי אזוי דער רבי ז"ל האט געהאויגען א רענדעל פאר דעם בית דין של מעלה.**

**אין** א דארף לעבען די שטאט זלאטיפאלי האט געוואוינט א איד וואס ער האט געהאלטען די ארענדע פון דעם פריץ פון דעם דארף, און די קרעטשמערס וואס האבען זיך געפונען ארום דעם דאזיגען דארף פלעגען צאלען די שטייערען פאר דעם דאזיגען אידען. און ער האט געהאט א אשה צנועה א נדיבת לב, און זי פלעגט שטענדיג רחמנות האבען אויף די אידען וואס האבען געהאלטען די קרעטשמעס, און אויב עס האט פאסירט אז זיי האבען אמאל נישט געהאט צו באצאלען פאר איר מאן די שטייערען, דאמאלסט פלעגט זי זיי געבען געלט אז זיי זאלען האבען צו באצאלען. ויהי היום און די אשה איז קראנק געווארען מיט א געפערלעכע קריינק און זי האט שוין געהאלטען ביים שטארבען, און איר מאן האט געבריינגט גרויסע דאקטוירים און זיי האבען גארנישט איר געהאלפען, און אלע וואס האבען געהאלטען די קרעטשמעס האט זיי זייער ווי געטאן דאס הארץ אויף די אשה, ווארום זיי האבען געוואוסט אז אויב חס ושלום די דאזיגע אשה וועט שטארבען וועט זיי זייער ביטער זיין, און עס וועט נישט זיין ווער עס זאל אויף זיי רחמנות האבען, דערפאר האבען זיין זיך א סך משתדל געווען וועגען איר רפואה און זיי זיינען געפארען ברייגגען די דאקטוירים.

און צווישען די דאזיגע קרעטשמערס איז געווען איינער וואס ער איז געווען א ביסעל מקורב צום רבי'ן ז"ל ווען ער האט נאך געוואוינט אין זלאטיפאלי, האט דער דאזיגער מענטש גערעדט מיט דעם מאן אז ער זאל שיקען א פדיון צום רבי'ן ז"ל, האט ער אזוי געטאן און האט אים געשיקט מיט א פדיון צום רבי'ן ז"ל. אין דער דאזיגער צייט איז געווען זייער נאענט אז איר נפש זאל ארויסגיין, און ער איז אנגעקומען צום רבי'ן מיט דעם פדיון. האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופען צו אים אז ער זאל אים ברייגגען א רענדעל, האט דער רבי ז"ל גענומען דאס רענדעל אין דער האנט און ער האט געזאגט אז דער רענדעל האט נישט די ריכטיגע וואג, איז געגאנגען דער מענטש און ער האט אים געבראכט אן אנדער רענדעל, און אויך דער האט נישט געהאט די געוויכט, און אזוי איז געווען א סך מאל וואס יעדער מאל האט ער געבראכט א רענדעל און דער רבי ז"ל האט דאס געוואויגען און עס איז אים נישט

געפעלען. איז געגאנגען דער דאָזיגער מענטש און האָט אים געבראַכט א חלפן מיט א סך רענדלעך, און דער רבי ז״ל האָט זיך אויסגעקליבען איין רענדעל וואָס האָט געהאַט די געוויכט אויף די וואָג אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. און דער רבי ז״ל האָט זיך אָנגערופען צו אים פאַר אהיים וואָרום די דאָזיגע אשה איז שוין געזונט. האָט דער דאָזיגער מענטש א קוק געטאָן אויף דעם זייגער כדי צו זען אין וועלכע שעה דער רבי ז״ל האָט אים געזאָגט אַז זי איז שוין געזונט. און ער האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף אריין.

און אַז ער איז אָנגעקומען האָט מען אים דערציילט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן נאָך זיין אַוועקפאָרען צום רבי'ן ז״ל. וואָרום באַלד האָט זי אָנגעהויבען אויסצוגיין, איז געוואָרען א געוויין מיט א גרויסען רעש און שטוב, און זי האָט זיך צוריק אויפגעכאַפּט און זי האָט געבעטען א ביסעל וואַסער. און זי האָט דערציילט אַז זי איז שוין נפטר געוואָרען און זי איז געקומען פאַר דעם בית דין של מעלה האָט מען אָנגעהויבען וועגען די עוונות מיט די מצוות, און די עוונות האָבען איבערגעוואויגען, האָט מען גוזר געווען אַז זי זאָל שטאַרבען. אינמיטען איז אָנגעקומען א יונגערמאַן און וועדליג זי האָט אויסגע׳משל׳ט ווי אַזוי ער זעט אויס איז דאָס געווען דער רבי ז״ל, און ער האָט געבראַכט א רענדעל און האָט דאָס אַרויפגעוואָרפען אויף דער געוויכט פון די מצוות און די מצוות האָבען איבערגעוואויגען און די אשה איז אינגאַנצען געזונט געוואָרען.

— כד —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט באַשריבען ווי אַזוי דער רבי ז״ל האָט זיך געפירט מיט די אַריסטאָקראַטען פון דער שטאָט אומין.**

(אַריסטאָקראַטען מיינט, אַזעלכע סאָרט מענטשען וואָס האָבען אָפּגעלאָזט דעם וועג פון אונזער הייליגע תורה, און האָבען אָנגעהויבען זיך פירען אויף נייע פרעמדע וועגען)

**אַז** דער רבי ז״ל איז געפאָרען פון דער שטאָט זלאַטיפּאָלי צו דער שטאָט ברסלב, איז ער אַדורכגעפאָרען דורך די שטאָט אומין, און ער איז דאָרטען געבליבען אויף שבת קודש (און דאַמאָלסט איז געווען די מעשה וואָס ער האָט געזאָגט אַז דאָ וואָלט גוט געווען אַז עס זאָל זיין, זיין מקום מנוחתו לאחר פטירתו). אין יענער צייט איז געווען אין אומין דריי גרויסע אַפּיקורסים, איינער האָט געהייסען חייקעל, מיט זיינע צוויי איידימס, וואָס דער ערשטער האָט געהייסען

הירש בער, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער אַפּיקורס אין זיין צייט, דער מצח הנחש ממש. און דער צווייטער האָט געהייסען לאַנדאָ וואָס ער איז געווען דער דאָקטאָר פון דער שטאָט אומין, און ער איז אויך געווען אַ גרויסער אַפּיקורס, אָבער נישט ווי דער הירש בער. און זיי זיינען געווען חשובים וקרובים למלכות, און זיי האָבען געהאַט אַ גאָלדענע שווערד אַ מתנה פון דעם מלך, ווארום זיי זיינען געווען גרויסע חכמים און זייער נאָמען איז געווען באַוואוסט אין גאַנץ רוסלאַנד, און אויך אין אַנדערע לענדער. און זייער שטייגער איז געווען ווען עס פלעגט קומען עפּעס אַ צדיק מפורסם אין דער שטאָט אומין, פלעגען זיי גיין צו אים כדי זיי זאָלען קענען אָפּלאַכען פון אים, און אויב ער איז באמת קלוג פלעגען זיי ריידען מיט אים. און אַמאָל האָט דער באַרדיטשיבער רב זצ״ל געוואָלט באַזעצען זיך אין אומין, האָבען זיי אים געשטערט. און די זעלבע זאַך האָט פּאַסירט מיט דעם שפּיטיבקער גאון.

און אַז אונזער רבי ז״ל האָט געהאַלטען שבת אין אומין האָט זיך אָנגערופען דער אַפּיקורס חייקעל צו זיינע צוויי איידימס, איך וועל גיין צום רבי׳ן זען ווער ער איז, און איר וועט זיך דערווייל אָפּרוען, און אַז איך וועל זען אַז עס איז דאָ מיט וועמען צוריידען דאַמאָלסט וועט איר אויך גיין צו אים. און דער חייקעל איז געקומען צום רבי׳ן ז״ל, האָט אים דער רבי ז״ל געפרעגט, וואָס וויל אַ איד? האָט ער געענטפערט, איך האָב געהערט אַז עס איז געקומען אַ גרויסער מענטש בין איך אים געקומען זען, האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו אים, אַנטקעגען מיר איז דאָ אַ האָטעל און דאָרטען געפינט זיך איצט איינער פון די מיניסטאָרען, פאַרוואָס גייסטו אים נישט זעען? און דער דאָזיגער ענטפער איז אויסגעקומען ווי אַ פּאַטש אין פּנים. און דער חייקעל האָט געשוויגען, און ער איז אַהיים געגאַנגען און ער האָט געזאָגט צו זיינע איידימס, איך האָב אפילו גאַנץ ווייניג גערעדט מיט אים פונדעסטוועגען זע איך אַז עס איז דאָ מיט וועמען צו ריידען, איבער דעם רוהט זיך אַביסעל אָפּ און דערנאָך וועלען מיר צוזאַמען גיין צו אים וועלען מיר אים פּונקט טרעפען אין מיטען עסען. און אַזוי איז טאַקע געווען, זיי זיינען אָנגעקומען אין מיטען דער סעודה. און דער רבי ז״ל האָט דאַמאָלסט געזאָגט תורה. און אַז זיי זיינען אַריינגעקומען האָט ער אויפגעהערט צו זאָגען תורה און האָט פאַרדרייט מיט חכמה ביז ער איז אַריין אין אַ טיפען חשבון (עס זעט אויס, פון די גמרא אין מסכת סוכה,

כל אמתא בריבוע וכו׳). און אז זיי האָבען דאָס געהערט האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטען, אז מיט דעם דאָזיגען חשבון מיינט ער אונז אָבער נישט זיינע חסידים. און זיי האָבען אָנגעהויבען פּאַרטיפען זיך אין דעם דאָזיגען חשבון און זיי האָבען אים נישט געוואוסט. האָבען זיי געבעטען דעם רבי׳ן ז״ל אז ער זאָל זיי זאָגען דעם חשבון, האָט ער זיי געזאָגט.

און דער רבי ז״ל איז זיי זייער געפעלען, און זיי האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ גרויסען חכם, און זיי האָבען אים געבעטען אז ער זאָל בלייבען אין דער שטאָט אומין. און דער רבי ז״ל האָט געבעטען פון זיי אז זיי זאָלען אים שיקען דאָס ספר יין לבנון. נאָכדעם איז דער רבי ז״ל אַוועקגעפאָרען קיין ברסלב, און ער איז דאָרטען געוועז אַכט יאָר ביז עס האָט אויסגעבראָכען דאָרטען די גרויסע שריפה. און דער רבי ז״ל האָט דאַמאָלסט געזאָגט עד כאן עד כאן. נאָך די שריפה דעם זונטאָג איז געקומען פון זיי אַ שליח מיוחד מיט דעם ספר יין לבנון, און אויך בעטען זיי אים אַז ער זאָל קומען קיין אומין. און די דאָזיגע אַפּיקורסים האָבען געהאָט אָפּגעמאַכט צווישען זיך אַז זיי זאָלען נישט דערמאָנען דעם אויבערשטנס נאָמען, אָן אַז זיי זיינען געקומען צום רבי׳ן ז״ל און זיי זיינען געוועזן ביי אים עטלעכע שעה, האָט זיי געהאַלטען אין איין אַריינקומען אין מויל דעם אויבערשטענס נאָמען. האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן, אַז ווען זיי קומען צום רבי׳ן ז״ל הויבט זיי אָן קומען אויף דעם רעיון אַז עס איז דאָ אַ רבונו של עולם אויף דער וועלט. און דער רבי ז״ל האָט אַכטונג געגעבען נישט צו זאָגען פאַר זיי קיין תורה, און אַז זיי פלעגען אָנקומען צום רבי׳ן ז״ל אין מיטען זאָגען תורה פלעגט ער דאָס פאַרדרייען אויף עפּעס אַנדערש.

און צו ר׳ נפתלי האָט דער רבי ז״ל געזאָגט אַז ער זאָל ריידען נאָר מיט דעם לאַנדאָ, און מיט הירש בער זאָל ער גאָרנישט ריידען. און צו ר׳ נתן האָט דער רבי ז״ל געזאָגט אַז ער זאָל יאָ ריידען מיט הירש בער. אַן אַמאָל האָט דער רבי ז״ל אים געזאָגט אַז ער זאָל זיי דערציילען אַ מעשה פון דעם בעל שם טוב זצ״ל, און דאָס איז געוועזן אַוואונדער ביי ר׳ נתן ז״ל, וואָרום ער האָט דאָך געהערט פריער פון דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער זאָל אַכטונג געבען נישט צו זאָגען תורה פאַר זיי. האָט דער רבי ז״ל אים געענטפערט וואָס זאָג איך אַז איר זאָלט דערציילען צווישען גוים דעם אויבערשטנס כבוד.

אין אָנפאנג האָבען זיי געהאלטען דעם רבי'ן ז"ל פאר א חכם אָבער נישט אזוי זייער לערער ווייזעל, און דערנאָך האָבען זיי שוין געהאלטען דעם רבי'ן ז"ל אז ער איז אזוי קלוג ווי ווייזעל, און דערנאָך זיינען זיי געקומען צו דער מסקנה אז ער איז קליגער אפילו פון זייער לערער ווייזעל. ווארום אמאָל זיינען זיי געקומען צום רבי'ן ז"ל און זיי האָבען אים געוואלט פרעגען א קשיא וואָס זייער לערער ווייזעל האָט געפרעגט און ער האָט נישט געוואוסט קיין תירוץ אויף דעם, און באלד ווי זיי זיינען אריין צום רבי'ן אין שטוב נאָך איידער זיי האָבען נאָך אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם, האָט באלד דער רבי ז"ל געפרעגט די קשיא און ער האָט גלייך געענטפערט א תירוץ אויף דעם, זיינען זיי שטארק פארוואונדערט געוואָרען, און זיי האָבען געקושט דעם רבי'נס פיס, און זיי האָבען אים געזאָגט מיט דעם וואָס איר האָט יא געוואוסט א תירוץ אויף די דאזיגע קשיא, און אונזער לערער וויזעל האָט נישט געוואוסט, זיינט איר קליגער פון אים. אָבער פונוואנען האָט איר געוואוסט אונזער מחשבה, האָט זיי דער רבי ז"ל געענטפערט, אז דאָס איז מחמת חכמה, ווארום ווער עס האָט א ריינעם און קלאָרען מוח דער קאָן דערקענען די מחשבה פון דעם צווייטען דורך די האר. האָבען זיי אָנגענומען דעם תירוץ, אָבער דערנאָך ווען זיי זיינען ארויס פון דעם רבי'ן ז"ל, האָבען זיי זיך שטארק פארוואונדערט און זיי האָבען געזאָגט אזעלכע חכמים ווי מיר זיינען קען מען אזוי אָפנארען, עס איז דאָך אוממעגליך אזא זאך אז מען זאל קענען זעען די מחשבות פון א מענטשען, דאָס מוז נאָר זיין רוח הקודש.

און אמאָל האָט דער רבי ז"ל געמאכט א וויזיט ביי זיי, און זיי האָבען געהאלטען עפעס א פראנצויזיש בוך, האָט זיי דער רבי ז"ל געפרעגט וואָס דאָס איז? האָבען זיי אים געענטפערט, דאָס איז נישט פאר אייך. האָט דער רבי ז"ל אָנגענומען א פאק בלעטער פון דעם בוך אין דער האנט און האָט זיי געזאָגט אויסווייניג וואָס עס שטייט דאָרטען. זיינען זיי זייער פארוואונדערט געוואָרען. הכלל זיי האָבען זיך שטארק פארבונדען מיט אים און זיי האָבען אים שטארק ליב געהאט פאר זיין גרויסע חכמה. און זיי זיינען געווען איינגעוואוינט אריינצוגיין צו אים. און אמאָל האָבען זיי גערעדט פון משיח, האָבען זיי זיך אָנגערופען מיר ווילען אייך פאר משיח. און אמאָל האָבען זיי אים געזאָגט ווען דער אלטער מלך וואלט נאָך געלעבט וואלט ער גענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און וואלט

דאָס אייך אַנגעטאָן מחמת אייער גרויסע חכמה, אָבער וואָס קען מען טאָן אַז דער איצטיגער מלך איז אַ טיפש.

און אַמאָל האָט פּאַסירט אַז זיי האָבן געשפּילט ביים רבי'ן ז"ל אין שאַך, און דער שטייגער איז ביי די שפּיל אַז מען פאַרגעסט דעם דרך ארץ, ווייל מען איז שטאַרק פאַרטאָן אין שפּילען. אין מיטען שפּילען זיינען אַריינגעקומען ר' נתן מיט ר' נפתלי ז"ל צום רבי'ן זצ"ל באימה וביראה, אַזוי ווי דער שטייגער איז געווען. און אַז זיי האָבן דאָס געזען האָבן זיי געהאַט חלישות הדעת. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען צו זיי, איר זיינט נישט פון מיין חיל. און ער האָט זיי דערציילט אַ מעשה פון אַ מלך וואָס ער האָט געהאַט אַ ידיד, אַמאָל האָט ער אים גענומען אין אַבאַזונדער צימער און ער האָט געשפּילט מיט אים אַ שאַך, און צוליב דעם שפּיל האָט דער מלך פאַרגעסען אַז ער איז אַ מלך און דער ידיד האָט אויך פאַרגעסען אַז ער שפּילט מיט דעם מלך, און זיי האָבן געשפּילט אַזוי ווי צוויי פּראָסטע מענטשען, אַמאָל האָט דער מלך מנצח געווען און אַמאָל דער ידיד. אינמיטען דער שפּיל זיינען אַריינגעקומען צוויי מיניסטאָרען באימה וביראה אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין און אַז דער ידיד האָט דאָס דערזען האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער שפּילט מיט דעם מלך, האָט ער אָנגעהויבען פאַרשפּילען אין דער שפּיל כדי ער זאָל נישט מנצח זיין דעם מלך. האָט זיך דער מלך אָנגערופען צו אים, דאָס גייט דיר גאָרנישט אָן מיט זיי, מיט די מיניסטאָרען פיר איך מדינות, און מיט דיר שפּיל איך שאַך. אַזוי האָט דער רבי ז"ל אָנגעוויזען מיט זיין האַנט אויף ר' נתן ז"ל און אויף ר' נפתלי ז"ל און ער האָט געזאָגט, מיט זיי פיר איך מדינות און מיט אייך שפּיל איך שאַך.

און עס איז דאָ אַ סך צודערציילען ווי אַזוי דער רבי ז"ל האָט מיט זיי עוסק געווען, און דער סוף איז געווען אַז דעם לעצטען ראש השנה אין אומין אין דעם יאָר תקע"א האָבן זיי שוין געדאַוונט צוזאַמען מיט דעם רבי'נס קיבוץ, איז געקומען די דינסט פון הירש בער אים רופען אַז ער זאָל גיין טרינקען קפה האָט ער געענטפערט אַז ער וועט ניש גיין טרינקען פאַר תקיעת שופר. און ער האָט זיך אויך אָנגעהויבען לאָזען וואַקסען אַ באָרד. און ווען ר' נתן ז"ל האָט איבער גע'חזר'ט די תורה ח' פון לקוטי מוהר"ן ח"ב האָט ער גענומען הירש בער אַז ער זאָל אים צוהעלפען. וואָרום ווען דער רבי ז"ל האָט געזאָגט די תורה ראש השנה איז געווען זייער אַ גרויס

ענגשאפט, און ר׳ נתן ז״ל האט נאר געהאלטען די אויערען לעבען דעם רבי׳ן ז״ל אבער אויף דעם גאנצען גוף האט מען זיך שטארק געשטופט, אבער פאר הירש בער׳ן האט מען מורא געהאט ווייל ער איז געווען א קרוב למלכות, איבער דעם האט ער גוט געהערט די תורה פון דעם רבי׳ן ז״ל. און נאך דעם רבי׳נס הסתלקות ווען ר׳ נתן ז״ל מיט די אנדערע דעם רבי׳נס מענטשען האבען באוויינט דעם רבי׳ן ז״ל. האבען זיי זיך אנגערופען צו דעם רבי׳נס מענטשען אייך פעלט דער רבי ז״ל? אונז פעלט דער רבי ז״ל. ווארום ווען דער רבי ז״ל וואלט נאך געווען געלעבט וואלט ער געווען געמאכט פון אונז בעלי תשובה און צדיקים גמורים.

און נאך איז געווען א מעשה. נאך דער הסתלקות פון דעם רבי׳ן ז״ל, איז געווען חילוקי דיעות אוואו מען זאל לייגען דעם רבי׳ן ז״ל, ווארום די חברה קדישא האט נישט געוואלט לייגען דעם רבי׳ן ז״ל נאר אויף דעם נייעם פעלד, ווארום אויף דעם אלטען פעלד האט מען שוין פון לאנג נישט געלייגט קיין שום נפטר. און אונזערע מענטשען פון די שטאט טעפליק האבען דווקא געוואלט נעמען דעם רבי׳ן ז״ל קיין טעפליק, און אונזערע מענטשען פון דער שטאט טהיראוויצע האבען געוואלט נעמען דעם רבי׳ן ז״ל קיין טיהראוויצע. נאר ר׳ נתן ז״ל איז געווען דער איינציגער וואס ער האט געשריגען אז ער ווייסט אז דער רבי ז״ל האט דווקא געוואלט אז מען זאל אים לייגען אויף דעם אלטען פעלד. איז פארשטענדליך אז ר׳ נתן׳ס געדאנק וואלט בטל געווארען ווייל ער איז דאך נאר איינער. אבער באלד איז אנגעקומען הירש בער צו ר׳ נתן ז״ל און ער האט אים געזאגט אויב איר ווייסט אז דעם רבי׳נס רצון איז געווען אז מען זאל אים לייגען אויף דעם אלטען פעלד זאלט איר צוווארטען אביסעל וועל איך אראנדזשירען אזוי ווי איר ווילט. און ער איז באלד געגאנגען צום ראש העיר און ער האט גענומען אן ערלויבעניש אויף צוויי קברים אויף דעם אלטען בית החיים. איבער דעם איז געווען פלאץ אויף צומאכען א קליין שטיבעל אויף דעם קבר פון דעם רבי׳ן ז״ל. און דאמאלסט איז דערוועקט געווארען דעם רבי׳נס ז״ל צווייטע פרוי, וואס ער האט נישט געהאט מיט איר קיין שום שייכות, און זי האט געבעטען אז מען זאל מאכען פון איר געלט דעם אוהל אויף דעם קבר פון דעם רבי׳ן ז״ל.

און נאך דעם רבי׳נס פטירה איז הירש בער מיט זיינע איידימס געווען גוטע פריינט פון דעם רבי׳נס מענטשען, און בפרט

פון ר׳ נתן ז״ל. און ר׳ נתן ז״ל האָט געהאַט אַ צוואה פון דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער זאָל ריידען מיט זיי, דערפאַר יעדען מאָל וואָס ער פלעגט קומען קיין אומין פלעגט ער מאַכען אַ וויזיט ביי זיי און ריידען מיט זיי. און אַמאָל איז ער אַריין מיט זיי אין גרויסע חקירות, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען, וואָס האָט דער רבי ז״ל געוואָלט פון מיר.

אַמאָל איז איינער געקומען צום רבי׳ן ז״ל האָט אים דער רבי ז״ל געפרעגט מיט וואָס ביזטו זיך מחזק ווען דו פאַלסט אַראָפּ פון עבודת ה׳. האָט ער אים געענטפערט מיט אַ בלאַט גמרא. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען און ער האָט געזאָגט, איך זיץ אין אַ גרויסע שטאָט, און דאָרטען געפינען זיך גרויסע אַפּיקורסים און איך בין זיך מחזק מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אונז באַשאַפען פון זיין כבוד וועגען און ער האָט אונז אָפּגעזונדערט פון די פאַרבלאַנדזעטע און מיר האָבען אמונה אין השי״ת. און אַנדערע זאָגען אַז דאָס איז געווען איינס פון די טעמים וואָס דער רבי ז״ל האָט זיך אויסגעקליבען די שטאָט אומין כדי ער זאָל אויפהויבען די קעפּ פון ר׳ נתן און פון ר׳ נפתלי ז״ל, וואָס זייער האַרץ איז געווען זייער צובראָכען, און דאָ האָבען זיי געזען אַז עס געפינען זיך אַזעלכע גרויסע אַפּיקורסים, איבער דעם האָבען זיי זיך מחיה געווען מיט דעם וואָס זיי גלויבען אין השי״ת.

אַמאָל איז ר׳ נתן ז״ל געקומען צו זיי האָבען זיי אים געפרעגט עפּעס אַ טיפען חשבון וואָס אַ גלח אַגרויסער הכם האָט געהאַרעוועט אויף דעם עטלעכע יאָר. האָט ר׳ נתן ז״ל געבעטען פון זיי אַז זיי זאָלען אים געבען אַ באַזונדער חדר און ער האָט זיך דאָרטען פאַרזאַמט אַ ערך פון אַנדערטהאַלבען שעה, און ער איז געשטאַנען מיט איין פוס אויף אַ ביינקעל און מיט דעם אַנדערען פוס אויף דער ערד. און ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און ער האָט זיך פאַרטיפט, און ער האָט זיי געזאָגט דעם חשבון. נאָכדעם האָבען זיי אים דערציילט אַז דער גלח האָט געהאַרעוועט אויף דעם עטלעכע יאָר ביז ער האָט געוואוסט דעם חשבון, און אַז עס איז אים געוואויר געוואָרען דער חשבון האָט ער געמאַכט אַ יום טוב מיט אַ סעודה. האָט ר׳ נתן ז״ל גענומען און ער האָט צוגעלייגט צו דעם חשבון נאָך אַ חשבון און ער האָט זיי געזאָגט אַז איצט וועט דער גלח אפילו האָרעווען אַלע זיינע יאָרען וועט ער אויך נישט וויסען דעם חשבון. און ביי די דאָזיגע אַפּיקורסים איז ר׳ נתן ז״ל געווען זייער חשוב,

ווייל זיי האָבען געזען זיין גערעכטיגקייט און זיין גלייכקייט און זיין איבערגעגעבענקייט בכל לב ונפש צו דעם רבי'ן ז"ל.

אין דער צייט ווען עס איז געווען דאָס גרויסע מחלוקת אויף ר' נתן ז"ל, האָט געזאָגט הירש בער צו ר' נתן ז"ל אויב איר זיינט מסכים וועל איך שרייבען אַ בקשה צו דעם מלך אַליין און דאַמאָלסט ביז 24 שעה וועט נישט בלייבען קיין שריד ופליט פון די מתנגדים. האָט אים ר' נתן ז"ל געענטפערט, ערשטענס קאָן זיין אַז עס וועט זיך נאָך מערער שטאַרקען דאָס מחלוקת, און צווייטענס וויל איך נישט אַז זיי זאָלען זיי די געיאָגטע און איך דער יאָגער, איבער דעם האָב איך נישט קיין אַנדער עצה נאָר תפלה.

אַמאָל איז לאַנדאַ אָנגעקומען פון דער שטאָט באַרדיטשוב, און ער האָט געבראַכט אַ סך מתנות פאַר זיין ווייב, און אַז ער איז אָנגעקומען קיין אומין און ער האָט געהערט אַז ר' נתן ז"ל איז דאָ איז ער גלייך געגאַנגען צו ר' נתן ז"ל נאָך איידער ער איז אַהיים געגאַנגען. און ר' נתן ז"ל האָט דאַמאָלסט גערעדט פון דעם תכלית, אַז די וועלט איז גאַרנישט, און איז פול מיט יסורים, און עס קען פאַסירען אַז איינער זאָל קומען פון באַרדיטשוב מיט אַ סך מתנות און ער זאָל ברייננען פאַר זיין ווייב אַ גאָלדען פינגערל און דאָס זאָל איר נישט געפעלען און עס זאָל אַרוים פון דעם אַ מחלוקת ביז עס זאָל ביי אים זיין בעסער דער טויט פון דעם לעבען. נאָכדעם איז דער לאַנדאַ אַהיים געקומען און ער האָט געגעבען זיין ווייב דאָס דאָזיגע פינגערל און דאָס איז איר נישט געפעלען ביז עס איז אַרוים אַזאַ מחלוקת אַז עס וואָלט אים בעסער געווען דער טויט ווי דער לעבען. נאָכדעם איז ער געגאַנגען צו ר' נתן ז"ל און ער האָט אים געזאָגט אַז עס איז אמת געווען פינקטלעך אַזוי ווי ער האָט אים געזאָגט.

אין די צייט פון דער מחלוקת אויף ר' נתן ז"ל האָבען זיי אים מחזק געווען אַז ער זאָל ביי זיך נישט אַראָפּפאַלען. און זיי האָבען אים דערציילט אַז אַמאָל איז געווען אַ דאָקטאָר און ער האָט געהאַט אַ תלמיד וואָס ער פלעגט אים צוהעלפען, אין אַ צייט אַרום איז אויף דער וועלט באַוואוסט געוואָרען דער צוהעלפער נאָך מערער פון זיין רבי'ן דעם דאָקטאָר. און אַמאָל האָט דער מלך געמאַכט אַ סעודה און מען האָט אויסגעזעצט אַלע געסט יעדען איינעם לויט זיין כבוד, האָט מען אַוועקגעזעצט דעם צוהעלפער אויף אַ חשוב'רען פּלאַץ פון דעם דאָקטאָר. האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען צו דעם

צוהעלפער, דער עיקר איז אַז דו ווייסט אַז עס איז אַ גרויסער חילוק פון מיר ביז דיר. האָט זיך דער צוהעלפער אַנגערופען צו דעם דאָקטאָר זאָלסט בײַ זיך נישט אָראָפּפאַלען, וואָרום אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט אין יעדען דור, וואָס 98 פּראָצענט מענטשען ווייסען נישט פון דעם אמת, נאָר צוויי פּראָצענט ווייסען יאָ.

און נאָך דער הסתלקות פון ר' נתן ז"ל איז הירש בער געפאָרען קיין אַמעריקא, און ער פלעגט שרייבען פריינדליכע בריף צו ר' נחמן טולטשינער ז"ל. און אַז ער איז נפטר געוואָרען האָבען זיינע קינדער געשריבען אַ בריף באריכות צו ר' נחמן טולטשינער ז"ל אַז ער האָט געטאָן תשובה שלימה און ער האָט גערעדט ביז די לעצטע רגע פון דעם רבי'ן ז"ל.

— כה —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט אַז דער רבי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ פּאָר־פאָלק אַז זיי וועלען בײַ אים געהאָלפען ווערען צווישען טאָג און נאַכט.**

אַמאָל איז געקומען צום רבי'ן ז"ל אַ מאַן מיט זיין פרוי און זיי האָבען געבעטען דעם רבי'ן ז"ל אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי אַז זיי זאָלען געהאָלפען ווערען מיט קינדער. האָט זיך דער רבי ז"ל אָנגערופען צו זיי אייער ישועה וועט זיין בײַ מיר צווישען טאָג און נאַכט. און דער דאָזיגער מענטש האָט געוואוינט אין אַ דאָרף נאָענט צו דער שטאָט אומין. און אַמאָל נאָך דער הסתלקות פון דעם רבי'ן ז"ל איז געקומען דער דאָזיגער מענטש מיט זיין ווייב אין דער שטאָט אומין צוליב אַ טבילת מצוה. און אַז זיי האָבען זיך אומגעקערט פון דאָרטען איז געווען צווישען טאָג און נאַכט, און זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען דעם רבי'נס ציון און זיי האָבען דאָרטען מתפלל געווען בדמעות שליש, און זיי זיינען אַהיים געפאָרען און זיי זיינען נפקד געוואָרען דעם יאָר מיט אַ בן זכר, און זיי האָבען אים אַ נאָמען געגעבען נחמן, אויף דעם נאָמען פון דעם רבי'ן ז"ל.

נאָכדעם אַז זייער זון נחמן איז גרויס געוואָרען און דאַמאָלסט איז שוין אַרויס די גזירה אַז מען זאָל נעמען אידען צו די מיליטער און דער דאָזיגער נחמן איז געקומען זיין צייט וואָס ער האָט געדאַרפט שטעלען זיך צו די מיליטער, איז ער פריער געגאַנגען אויף דעם ציון פון דעם הייליגען רבי'ן ז"ל און ער האָט דאָרטען אַ סך געוויינט, און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען צו זיינע עלטערען

האָט ער זיי דערציילט אַז עס האָט זיך אים גע'חלומ'ט אַז עס איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן וואָס ער האָט אַזוי און אַזוי אויסגעזען (און לויט זיין משל'ן איז דאָס געווען די צורה פון דעם רבי'ן ז"ל), און ער האָט צו אים געזאָגט דיין נאָמען איז אַזוי ווי מיין נאָמען איבער דעם וועט מען דיר נישט נעמען צו די מיליטער. איז אים געשען אַ נס אַז עס איז אים אַרויס אַן אויסשלאָג פון קרעץ אויף זיין קערפּער און צוליב דעם האָט מען אים באַפרייט. אין אַקליינע צייט אַרום איז ער אויסגעהיילט געוואָרען און ער איז געוואָרען געזונט אַזוי ווי פריער.

**עס** איז געווען אַ מעשה וואָס איינער איז פּלוצלונג ביי נאַכט קראַנק געוואָרען האָט מען געבעטען דעם רבי'ן ז"ל אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר אים. האָט דער רבי ז"ל זיי אַבסיעל מדחה געווען, אָבער זיי האָבען זיך איינגעשפּאַרט אַז דער רבי ז"ל זאָל דוקא מתפלל זיין פאַר אים. האָט זיי דער רבי ז"ל געהייסען ברייגנען 200 רענדלעך און אין דעם סכום זאָל זיך געפינען אַלע סאָרטען מטבעות. האָט מען אָנגעהויבען זוכען געלט, און ביי נאַכט איז געווען שווער צו געפינען, און דערווייל איז אַריבער אַ סך צייט ביז מען האָט געפונען, נאָר איין מטבע האָט געפעלט פון 5 רענדלעך, און זיי האָבען געהאַלטען אין איין זוכען, און דערווייל איז דער הולה געשטאָרבען ר"ל, און אַז עס איז טאָג געוואָרען האָט מען געפונען די מטבע אין די בגדים פון דעם הולה.

**אַמאָל** איז געקומען איינער פון אונזערע מענטשען וואָס ער האָט געהייסען ר' טוביה פון די שטאָט טיראַוויצע, צום רבי'ן ז"ל. האָט דער רבי ז"ל גערעדט מיט אים אַז עס איז אוודאי בעסער פאַר דעם מענטשען אַז ער זאָל זיין אַן אָרעמאַן און ער זאָל לעבען אײדער ער זאָל זיין רייך און ער זאָל שטאַרבען חס ושלום, וואָרום עס איז בעסער אַז מען זאָל צונעמען דאָס געלט פון דעם מענטשען איידער מען זאָל צונעמען דעם מענטשען פון די געלט, וואָרום אַ מענטש אַז ער לעבט קען אים דער אויבערשטער געבען נאָכדעם אַלס גוטס. און דער דאָזיגער ר' טוביה האָט מסכים געווען מיט דעם רבי'ן ז"ל. נאָכדעם האָט דער רבי ז"ל פאַרענדיגט אַז אפילו דער גרויסער גביר נחמן נתן וואָלט בעסער געוואָלט לעבען און זיין אָרעם איידער צו שטאַרבען און איבערלאָזען אַ גרויס פאַרמעגען. נאָכדעם איז דער ר' טוביה אַהיים געפאָרען. אויף דעם וועג האָט ער געהערט אַז זיין שטוב מיט זיין פאַרמעגען איז פאַרברענט געוואָרען, און די

נפשות זענען געבליבען לעבען. און אויך האָט ער געהערט אַז דער גרויסער גביר נחמן נתן האָט זיך אומגעקערט פון דער שטאָט פעטערבורג מיט אַ פולען זאַק גאָלדענע רענדלעך, און אויף דעם וועג איז ער קראַנק געוואָרען און ער איז באַלד געשטאָרבען, און מען האָט אים באַגראָבען אויף דעם וועג ווארום מען האָט אים נישט געקענט אַהיים ברייגגען ווייל ער האָט זייער געשטונקען. און דאַמאָלסט האָט דער ר' טוביה געזען דעם רוח הקודש פון דעם רבי'ן ז"ל.

אַמאָל האָט פאַסירט ביי ר' נתן ז"ל וואָס עס איז ביי אים מקויים געוואָרען אַזוי ווי אין פסוק שטייט „ואתן אדם תחתיך", איך וועל געבען אַ מענטשען אַנשטאָט דיר. ווארום עס איז געווען אַ גזירה אויף ר' נתן ז"ל, אין די דאָזיגע נאַכט האָבען באַפאַלען רוצחים אויף דער שטוב פון ר' נתן אַפטייקער און זיי האָבען גע'הרג'ט אים מיט זיינע שטוב-מענטשען, אין די דאָזיגע נאַכט האָט דער שמש פון דעם בית הקברות געהערט אַ גרויסען רעש פון דעם קבר פון דעם פאָטער פון ר' נתן אַפטייקער. אינדערפרי אַז דער שמש האָט געהערט אַז מען האָט גע'הרג'ט זיין זון האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער רעש איז געווען ווייל זיין פאָטער האָט אים געוואָלט ראַטעווען נאָר ער האָט נישט געקאָנט. און די דאָזיגע גזירה איז געווען אויף ר' נתן ז"ל און עס איז איבערגעביטען געוואָרען אויף דעם מענטשען וואָס ער האָט אויך געהייסען נתן.

— כו —

**אין דעם קאַפיטעל ווערט דערציילט די מעשה פון דעם שטערען-זעער.**

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמאַן וואָס ער איז געזעסען אין בית המדרש און ער האָט געלערענט. אַמאָל איז געקומען אין שטאָט אריין אַ שטערען-זעער און ער האָט אַלעמען געזאָגט אין וואָס זיין הצלחה ליגט. זיינען אַלע מענטשען פון שטאָט געגאַנגען צו אים. אָבער דער דאָזיגער אָרעמאַן זיצט אין בית המדרש און ער גייט נישט צו אים. נאָכדעם איז זיין ווייב געקומען צו אים אין בית המדרש אריין, און זי האָט דאָרטען קיינעם נישט געטראָפען נאָר איר מאַן, ווארום אַלע זיינען אַוועק צו דעם שטערען-זעער. האָט זי אָנגעהויבען צו שרייען אויף אים דו ביזט אַ בטלן און אַ פוילער און אַ שלים-מזל, פאַרוואָס ביזטו אויך נישט געגאַנגען צום שטערען-זעער אַזוי ווי אַלע. און צוליב אירע געשרייען און געוויינערייען איז ער אויך געגאַנגען. האָט דער שטערען-זעער אים געזאָגט אַז דיין

מזל שיינט נאָר אין גנבה. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין בית המדרש אַריין און ער האָט ווייטער געלערנט אַזוי ווי פריער. נאָכדעם איז זיין ווייב געקומען צו אים אין בית המדרש אַריין און זי האָט אים געפרעגט וואָס האָט ער דיר געזאָגט. האָט ער איר געענטפערט אַז דער שטערן-זעער האָט אים געזאָגט אַז אַן אָרעמאַן בלייבט אַן אָרעמאַן. ביי נאַכט איז ער אַהיים געקומען און ער האָט געגעסען נאַכט-מאָל אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער. אינמיטען עסען האָט ער אָנגעהויבען צו לאַכען, האָט אים זיין ווייב געפרעגט, וואָס לאַכסטו, זיכער ווייסטו עפּעס נאָר די ווילסט נישט דערציילען. האָט ער זיך אָנגערופען דער שטערן-זעער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט נאָר איך לאַך אַזוי סתם. און ער האָט ווייטער געגעסען, נאָכדעם האָט ער ווייטער אָנגעהויבען צולאַכען און ער האָט זייער שטאַרק געלאַכט. האָט זי זיך אָנגערופען צו אים איצט זע איך אַז דו ווייסט יאָ עפּעס נאָר דו ווילסט מיר נישט זאָגען. האָט ער זיך אָנגערופען, דער שטערן-זעער האָט מיר געזאָגט אַז מיין מזל שיינט אין גנבה. האָט זי זיך אָנגערופען צו אים חס ושלום איך וויל נישט אַז דו זאָלסט זיין אַ גנב. עס איז בעסער אַז מיר זאָלען זיין אָרעמעלייט איידער דו זאָלסט ווערען אַ גנב.

נאָכדעם אַז עס איז געקומען דער שבת קודש אַז זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש עסען, האָבען אָנגעהויבען זיינע טעכטער צוכאַפּען איינע פון די אַנדערע אַ שטיקעל ברויט, וואָרום אפילו ברויט האָבען זיי אויך נישט געהאַט גענוג. האָט זיין ווייב אָנגעהויבען צו זאָגען רבונו של עולם עס איז מיר שוין זייער נמאס געוואָרען דאָס אָרעמקייט, ביז איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט אַז מיין מאַן זאָל זיין אַ גנב, און מיר זאָלען שוין מער נישט ליידען אַזאַ אָרעמקייט. און זי האָט אָנגעהויבען זייער שטאַרק צו דערקוטשען איר מאַן ביז ער האָט איר געמוזט פאָלגען, ער האָט יאָ געוואָלט און נישט געוואָלט און ער איז פאָרט געגאַנגען גנב'נען. גייענדיג אויף דעם וועג האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען ביי וועמען זאָל ער גנב'נען. נאָכדעם איז ער געקומען צום באַשלוס אַז ער זאָל גנב'נען ביי דעם גרויסען גביר פון שטאָט. און אַז ער איז אָנגעקומען צו דעם גרויסען גביר האָט ער געטראָפען אַז אַלע שומרים זיינען געשלאָפען, באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו די קאַסע און האָט איר געטראָפען אָפען, האָט ער זיך גענומען 5 רענדלעך נאָר ער זאָל האָבען אויף פרנסה, און ער האָט דאָס געבראַכט פאַר זיין ווייב, און ער האָט צו איר געזאָגט

זע איך האָב דיר צוליבגעטאָן, און פון דעם זאָלסטו זיך מפרנס זיין וואָרום איך וועל שוין מער נישט גנב'נען. האָט זי אים געענטפערט איך וויל אויך נישט אַז דו זאָלסט זיין אַ גנב נאָר די גויט האָט געבראַכט צו דעם.

נאָכדעם אַז עס איז אַריבער אַ שטיקעל צייט האָט זי אָנגעהויבען צו שרייען אויף אים, אַזאַ בטלן ווי דו ביזט אַז דו האָסט שוין געעפענט די קאַסע פון דעם גרויסען גביר, איז פאַרוואָס האָסטו נישט גענומען נאָך אַביסעל געלט כדי איך זאָל זיך קאָנען קויפען אַ קליידעל. איז ער געגאַנגען נאָכאַמאָל צו דעם גביר. האָט ער געטראָפען אַז עס שטייט דאָרטען אַ גנב, האָט ער יענעם געפרעגט ווער ביזטו, האָט יענער אים געענטפערט איך בין אַ גנב. האָט יענער אים געפרעגט און ווער ביזטו, האָט ער אים אויך געענטפערט איך בין אַ גנב. האָט דער אָרעמאַן געזאָגט צום אַנדערען לאָמיר מאַכען שותפות און מיר וועלען צוזאַמען גנב'נען וואָרום איך בין אַ בר מזל. האָט דער צווייטער מסכים געווען. האָט דער אָרעמאַן אָנגעהויבען צו טראַכטען, איצט אויב מיר וועלען צוזאַמען גנב'נען ביי דעם גביר וועלען מיר דאָך אים בדלות שטעלען. וואָרום איך אַליין האָב דאָך נישט געקלערט צונעמען קיין סך נאָר אויף צו קויפען פאַר מיין ווייב אַ קליידעל. אָבער איצט אַז מיר זיינען צוויי וועלען מיר דאָך נעמען אַ סך וועט דאָך דער בעל הבית בלייבען ליידיג, איבער דעם האָט ער געזאָגט צו דעם צווייטען גנב, פאַרוואָס זאָלען מיר היזק מאַכען אידען, בעסער וואָלט געווען אַז מיר זאָלען גנב'נען ביי גוים. האָבען זיי אָנגעהויבען צו קלערען אַוואו צו גנב'נען ביז עס איז זיי געקומען אויף די דעה אַז זיי זאָלען גיין גנב'נען ביים מלך, וואָרום דער מלך האָט געוואוינט אין דער שטאָט, און אַוודאי וועלען זיי קענען גנב'נען ביי אים וואָרום דער אָרעמאַן איז דאָך אַ בר מזל. האָט זיך אָנגערופען דער צווייטער גנב צו דעם אָרעמאַן עס וואָלט זייער גוט געווען צו גנב'נען ביי דעם מלך די קליידער וואָס ער טוט זיי אָן אין דעם טאָג וואָס מען קרוינט אים וואָרום זיי זיינען אויסגעקעסטעלט מיט זייער טייערע ברילאַנטין, און זייער ווערדע וועט גענוג זיין פאַר אונז אויף דורי דורות, האָט דער אָרעמאַן מסכים געווען וואָרום זיין מזל איז זייער גרויס אין גנבה.

ער האָט אָבער געפרעגט דעם אַנדערען איך ווייס דאָך נישט אַוואו די קליידער ליגען. האָט אים דער צווייטער געענטפערט איך ווייס יאָ וואו זיי געפינען זיך. זיינען ביידע אַהין געגאַנגען און זיי

זיינען אַריין אין דעם מלך'ס פּאַלאַץ, און זיי זיינען געגאַנגען פון איין חדר צום צווייטען ביז זיי זיינען געקומען צו דעם פּלאַץ וואו די בגדים געפינען זיך. און זיי האָבען זיי גענומען און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען זייער וועג. און קיינער פון די שומרי המלך האָט זיי נישט געזען. נאָכדעם האָבען זיך די ביידע גנבים אָנגעהויבען צו קריגען זיך צווישען זיך, ווייל איינס פון די בגדים איז געווען אַ גרויסע און די אַנדערע אַ קליינע. דער גנב האָט גע'טענה'ט אַז מיר קומט דאָס גרויסע קלייד ווייל איך האָב געוואוסט וואו דער פּלאַץ פון די בגדים. און דער אָרעמאַן האָט גע'טענה'ט אַז מיר קומט דאָס גרויסע קלייד ווייל איך בין אַ בר מזל און דורך מיין מזל זיינען געקומען די בגדים צו אונז. האָט זיך דער אָרעמאַן אָנגערופען צום צווייטען איך וועל גיין פרעגען דעם מלך, און ער וועט זיין דער שופט צווישען אונז. האָט זיך דער צווייטער אָנגערופען צו דעם אָרעמאַן אויב דו וועסט קענען גיין פרעגען דעם מלך דעם דאָזיגען ענין דאַמאָלסט וועל איך דיר אַליין געבען דאָס גרויסע קלייד.

זיינען זיי געגאַנגען צו דעם מלך, און זיי האָבען דאָרטען געטראָפען אַ מענטשען וואָס ער האָט דערציילט דעם מלך מעשיות כדי ער זאָל קענען שלאָפען. האָבען זיי אָנגענומען דעם מלך'ס בעט און זיי האָבען אים אַריבער געטראָגען אין צווייטען צימער אַריין, און דערווייל האָט זיך דער מלך אויפגעכאַפּט און ער האָט געמיינט אַז ער געפינט זיך אויף דעם פּלאַץ, האָט דער אָרעמאַן אָנגעהויבען דערציילען דעם מלך די דאָזיגע גאַנצע מעשה און ער האָט געפרעגט דעם מלך וועמען קומט דער גרויסער בגד, איז דער מלך אין כעס געוואָרען אויף אים, און האָט אים געזאָגט פאַרוואָס פרעגסטו מיך? אַוודאי קומט דאָס גרויסע בגד פאַר דעם אָרעמאַן, ווייל מיט זיין מזל האָט ער דאָס גע'גנב'ט. איצט דערצייל מיר אַן אַנדער מעשה, האָט דער מלך געזאָגט. האָט אים דער אָרעמאַן דערציילט אַן אַנדער מעשה און דער מלך איז ווייטער איינגעשלאָפען. האָבען זיי אָנגענומען דאָס בעט מיט דעם מלך און זיי האָבען אים צוריק געטראָגען אויף דעם ערשטען פּלאַץ, און די גנבים זיינען זיך געגאַנגען זייער וועג.

נאָכדעם אינדערפרי איז מען געוואויר געוואָרען אַז מען האָט צו גע'גנבה'ט ביי דעם מלך די קליידער, האָט זיך דער מלך דערמאָנט אַז דער מענטש וואָס דערציילט אים מעשיות שטענדיג, האָט אים אויך דערציילט פון דער גנבה און ער האָט אים אויך געפרעגט וועמען ער געהער דאָס גרויסע קלייד. האָט מען אים

אַנגעהויבען אויספאָרשען, אָבער ער האָלט זיך ביי זיינס, ער ווייסט גאָרנישט. האָט מען אים אָנגעהויבען צו שלאָגען, און ער טענה'ט אַלס אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. האָט מען אָנגעהויבען אים אַ סך צו שלאָגען און זייער שטאַרק צו פייניגען, און ער טענה'ט ווייטער אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. נאָכדעם האָט דער מלך געשיקט רופען דעם גרעסטען גלח און ער האָט אים געפרעגט אויב עס איז מעגלעך אַז דער מענטש זאָל נישט וויסען פון דער גנבה האָטש ער האָט אַליין דערציילט די מעשה דעם מלך, און נאָך די אַלע פייניגונגען וואָס מען טוט אים זאָגט ער אַז ער ווייסט נישט. האָט זיך דער גלח אָנגערופען אַז עס איז מעגלעך אַז ער ווייסט גאָרנישט, אָבער עס איז אַ גרויס נאַרישקייט פון דעם מלך וואָס ער האָט אַליין אָפּגע'פסק'נט אַז דאָס גרויסע בגד געהער צו דעם אָרעמאַן. און אויף דעם דאָזיגען בזיון פון דעם גלח האָט דעם מלך אַ סך מערער פאַרדראָסען ווי פון די גניבה אַליין, און ער האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין דעם גלח. אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט טאָן, וואָרום יענע צייטען האָבען די גלחים געהאַט אַ גרויסע ווערדע ביי די גויים.

און דערווייל האָט מען שטאַרק געזוכט נאָך די גנבה און מען האָט נישט געקענט געפינען. נאָכדעם האָט דער מלך געהייסען אויסרופען אַז ווער עס האָט גע'גנבה'ט די קליידער זאָל זיך קומען מעלדען, און מען וועט אים גאָרנישט טאָן דערפאַר. וואָרום דער מלך וויל וויסען ווי אַזוי איז מעגלעך געווען אַריינצודרינגען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם מלך און דאָרטען גנב'נען די בגדים. אין די גאַסען פון שטאָט זיינען געשטאַנען רעדלעך מיט מענטשען און זיי האָבען געשמועסט פון דעם. און דער דאָזיגער אָרעמאַן האָט זיך אויך צוגעהערט צו דעם און ער האָט זיך אָנגערופען וואָס פאַר אַ רעש איז דאָ, ווער עס האָט גע'גנב'ט וועט גיין צום מלך. האָבען די מענטשען אָנגעהויבען צו שרייען אויף אים וואָס רעדסטו מען וועט דאָך באַלד זאָגען אַז דו ווייסט פון די גנבה. האָט ער זיך אָנגערופען יאָ איך ווייס פון דער גנבה. האָט מען אים געזאָגט אויב דו ווייסט גיי און זאָג. איז געקומען דער אָרעמאַן צום מלך און ער האָט אים געזאָגט איך ווייס פון די גנבה. האָט דער מלך זיך אָנגערופען צו אים, איך וואָלט זייער געוואָלט זען דעם גנב, האָט ער זיך אָנגערופען, איך בין דאָס. האָט אים דער מלך אַ קוש געטאָן. און האָט אים געפרעגט דערצייל מיר ווי אַזוי האָסטו גע'גנב'ט. האָט ער אים דערציילט די

גאַנצע מעשה. האָט דער מלך געבעטען דעם צווייטען גנב אַז ער זאָל אומקערען פאַר דעם אָרעמאַן אויך דאָס צווייטע בגד.

נאָכדעם האָט דער מלך געבעטען דעם אָרעמאַן אַז ער זאָל אים געבען אַן עצה ווי אַזוי ער זאָל קענען באַשטראָפען דעם דאָזיגען גלח וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן אַזאַ גרויסען בזיון. האָט זיך דער אָרעמאַן אָנגערופען צום מלך, איך בין גרייט אַלס צו טאָן פאַר דעם מלך, און דער גלח וועט באַקומען זיין שטראָף, נאָר מען זאָל מיר געבען אַזאַ בגד וואָס אַ גלח גייט אָנגעטאָן און אויך 200 ליכט מיט 200 דזשאַבעס. האָט מען דאָס אַלס אים געגעבען. האָט ער אַלס אַריינגעלייגט אין אַ זאַק אַריין און האָט גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און ער איז געגאַנגען צו דער קירכע פון דעם גלח און ער איז אַהין געקומען האַלבע נאַכט, און ער איז אַריין אין די קירכע און ער האָט זיך אָנגעטאָן אין די קליידער אַזוי ווי אַ גלח און האָט אָנגעצונדען אַלע ליכט און האָט אָנגעשמאַלצען יעדער ליכט אויף אַ דזשאַבע, איז געוואָרען שטאַרק ליכטיג, און די זשאַבעס האָבען אַרום געלאָפען אין אַלע ווינקלעך פון די קירכע. נאָכדעם אַז די ליכט האָבען אויסגעברענט און זיי האָבען שוין געהאַלטען ביים סוף איז געוואָרען אַ גרוים געשריי פון די זשאַבעס ווייל עס האָט זיי גענומען בריען. און דער אָרעמאַן איז אַרויף אויף דעם פלאַץ וואו דער גלח שטייט ביים פּרעפלען. און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען, זיינען אָנגעלאָפען אַ סך מענטשען. און דער גלח אַז ער האָט דערהערט אַזאַ גרויסען רעש, איז ער אויפגעשטאַנען פון שלאָף און ער איז געקומען צו די קירכע און ער איז זייער שטאַרק דערשראָקען געוואָרען וואָרום ער האָט געזען ווי די פייערען לויפען אַהין און צוריק, און פון די פייערען גייען אַרוים געשרייען. און אַזוי ווי ער שטייט אַזוי דערשראָקען, גיט פלוצלונג דער אָרעמאַן אַ געשריי אויף אים זאָלסט וויסען אַז מען האָט מיך עקסטרע אַראָפּ געשיקט מן השמים פון דיינט וועגען, וואָרום אין הימעל האָט מען געזען אַז דו ביזט ווערט אַריינצוגיין גלייך אין גן עדן. נאָר זאָלסט וויסען אַז איידער מען גייט אַריין אין גן עדן מוז מען אַריבער גיין דעם גיהנום און דאָרטען שלאָגט מען, איבער דעם אין דער צייט וואָס דו וועסט באַקומען די שמיץ זאָלסטו זיין שטיל נאָכדעם וועסטו גלייך גיין אין גן עדן. און דער אָרעמאַן האָט געעפענט דעם זאַק און ער האָט געהייסען דעם גלח אַז ער זאָל אַריין אין זאַק אַריין. און ער האָט אים גענומען אויף די פּלייצעס און ער האָט אים געבראַכט

אין הויף פון דעם מלך. און ער האָט אויפגעהאַנגען דעם זאַק מיט דעם גלח אויף אַ בוים, און ער האָט גלייך געמאָלדען דעם מלך. האָט דער מלך געהייסען זיינע קנעכט אַז זיי זאָלען אים באַווארפען מיט שטיינער האָט מען אַזוי געטאָן און מען האָט אים אַלע ציין צובראָכען. און דער גלח האָט געטראַכט בשעת מעשה אַז ער געפינט זיך אין גיהנום. נאָכדעם האָט מען געעפענט דעם זאַק און דער גלח איז אַרויס פון דאָרטען מיט גרויס שאַנדע.

און אויף אַן אַנדער נוסח האָב איך געהערט, אַז דער סוף איז געווען אַז מען האָט דעם אָרעמאַן געפירט הענגען, וואָרום דער סוף פון אַ גנב איז אַז מען הענגט אים. און ווען מען האָט אים געפירט הענגען איז געקומען איינער מיט אַ פולען זאַק צוריסענע שיך, און ער האָט געזאָגט איך האָב אַזוי שווער געאַרבעט און אַזוי פיל שיך צוריסען ביז איך האָב דיך געבראַכט צו דעם אַז מען זאָל דיך דאַרפען הענגען. און דאָס איז געווען דער יצר הרע, וואָרום אַזוי איז זיין שטייגער, אין אָנפאַנג רעדט ער איבער דעם מענטשען אַז ער זאָל זינדיגען, און נאָך דעם אַז דער מענטש האָט אים געפאָלגט און האָט געטאָן די עבירה, שפּעטער רייצט זיך דער יצר הרע און ער זאָגט צו דעם דאָזיגען מענטשען ווען דו וואָלסט מיך נישט געווען פאָלגען וואָלסטו נישט געווען אַריינגעפאַלען אין אַזאַ בלאָטע און וואָלסט אַזעלכע צרות נישט געליטען. השי"ת זאָל אונז מציל זיין פון אים שטענדיג.

— כז —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט אַ מעשה מיט אַ דיימענט.**

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמאַן וואָס זיין פרנסה איז געווען וואָס ער פלעגט גראָבען ליים און פאַרקויפען, און פון דעם האָט ער זיך מפרנס געווען. אַמאָל האָט ער געגראָבען און האָט געפונען אַ דיימענט וואָס האָט ווערט געהאַט אַ גרויס פאַרמעגען. איז ער געגאַנגען צו אַ סוחר פון דימאַנטען און דער סוחר האָט גענומען דעם דימאַנט אין דער האַנט אַריין און האָט אים גוט באַטראַכט און ער האָט אים געזאָגט אַז דער דימאַנט האָט דער ווערט 50 טויזענט שטערלינג, און עס איז בכלל נישטאָ דאָ אין דער דאָזיגער מדינה ווער עס זאָל עס קויפען, און דו מוזט פאָרען אין דער גרויסער שטאָט לונדון, וואָס דאָרטען איז די בורסא פון די גרויסע סוחרים פון דימאַנטען פון אַלע לענדער פון די גאַנצע וועלט, און דאָרטען

וועסטו קענען דאָס פאַרקויפען. אָבער אַזוי ווי ער איז דאָך געווען אַן אָרעמאַן און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות. איז ער געגאַנגען און האָט אויספאַרקויפט אַלס וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און עס איז אים אַלס וויניג געווען אויף הוצאות. איז ער געגאַנגען איבער די הייזער און האָט צוזאַמען גענומען נדבות ביז ער האָט געהאַט גענוג צו פאָרען ביז דעם ים. און אַז ער איז געקומען צום ים, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלען דעם שיפס קאַפּיטאַן אַז ער זאָל אים נעמען קיין לונדון, איז ער צוגעגאַנגען צום שיפס קאַפּיטאַן און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה און האָט אים באַוויזען דעם דימאַנט. האָט אים דער שיפס קאַפּיטאַן אַרויפגענומען אויף דער שיף בכבוד גדול, און ער האָט אים געגעבען אַ צימער פון די ערשטע קלאַס מיט אַלע לוקסוס אַזוי ווי איינער פון די גרויסע גבירים. אין דעם צימער איז געווען אַפענסטער אין ים אַריין, און דער אָרעמאַן פלעגט זיך שפּילען און זיך שטאַרק פרייען מיט דעם דאָזיגען דימאַנט און בפרט ביים עסען, וואָרום דורך דעם וואָס מען פרייט זיך און מען האָט הרחבת הלב דאָס העלפט זייער אַז מען זאָל פאַרדייען דאָס עסען גרינג.

אַמאָל האָט ער זיך אַוועק געזעצט עסען און דער דיימאַנט איז געלעגען אויף דעם טיש אַזוי ווי זיין שטייגער איז אַלע מאָל, און ער איז אַנשלאָפען געוואָרען ביים טיש, איז געקומען דער משרת און ער האָט גענומען דעם טישטעך מיט די ברעקלעך וואָס עס איז איבערגעבליבען פון זיין עסען און דער דיימאַנד איז אויך דאָרטען געלעגען און ער האָט אַלס אַריינגעשאָקעלט אין ים אַריין וואָרום דער משרת האָט נישט באַמערקט אַז דער דיימאַנט ליגט אויף דעם טיש צווישען די ברעקלעך. און אַז דער אָרעמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט געזען דאָס אַלס האָט ער געהאַט אַזעלכע יסורים אַז ער איז שיעור פון דעם זינען נישט אַראָפּ. וואָרום וואָס וועט ער איצט טאָן, און דער שיפס קאַפּיטאַן איז אַ רוצח און ער וועט אים זיכער הרג׳נען פאַר דעם געלט וואָס ער וועט אים דאַרפען באַצאָלען פאַר די שיף. איבער דעם האָט ער זיך געמאַכט אַזוי ווי עס האָט גאָרנישט פאַסירט, און ער איז וויטער פריילעך געווען. און דער שטייגער פון דעם שיפס קאַפּיטאַן איז געווען, אַלע טאָג צומאַכען מיט דעם אָרעמאַן אַ שמועס אויף עטלעכע שעה. און אויך דעם דאָזיגען טאָג איז ער געקומען שמועסען מיט אים. און דער אָרעמאַן האָט זיך געמאַכט פריילעך און גוט האַרציג אַזוי ווי אַלע

מאָל. ביז מען האָט גאָרנישט דערקענט אין אים עפּעס אַ שינוי. האָט זיך אָנגערופען צו אים דער שיפס קאַפּיטאַן, אַזוי ווי איך וויל קויפען אַ סך תבואה און דערנאָך פאַרקויפען אין לונדון און דורכדעם וועל איך פאַרדינען אַ סך געלט. נאָר אַזוי ווי איך פיר אַלע מאָל רעגירונגס סחורות איבער דעם וועט מען מיך חושד זיין אַז איך האָב גע׳גנב׳ט פון דעם אוצר המלך. און איך זעה דאָך אַז דו ביזט אַ פאַרשטאַנדיגער און אַ גלייכער מענטש. איבער דעם וועל איך מאַכען דעם קניין אויף דיין נאָמען און איך וועל דיר נאָך עפּעס אַראָפּ געבען פון דעם רווח. האָט דער אָרעמאַן מסכים געווען. און דער שיפס קאַפּיטאַן האָט געקויפט די תבואה אויף דעם אָרעמאַנס נאָמען, און אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעקומען קיין לונדון איז דער שיפס קאַפּיטאַן געשטאָרבען, און עס איז איבערגעבליבען די גאַנצע תבואה אויף דעם אָרעמאַנס נאָמען, און די תבואה האָט אַ סך מער ווערט געהאַט פון דעם דיימאַנט.

און דער רבי ז״ל האָט אויסגעפירט דער דיימאַנט איז נישט געווען זיינס והא ראיה מיר זעען דאָך אַז עס איז פאַרלוירען געוואָרען פון אים. אָבער די תבואה איז יאָ געווען זיינס והא ראיה מיר זעען דאָך אַז עס איז געבליבען ביי אים. נאָר ווי אַזוי איז ער געקומען צו דעם דורך דעם וואָס ער האָט זיך דערהאַלטען און ער האָט זיך נישט מייאש געווען.

— כח —

**און דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון קאַפּצין פּאַשאַ.**

**אַמאָל** איז געווען ביים טערקעשען מלך אַ איד וואָס ער איז ביי אים זייער חשוב געווען און ער האָט אים זייער ליב געהאַט מערער פון אַלע שרי מלוכה און יעדען טאָג פלעגט דער דאָזיגער איד קומען צו דעם מלך און שמועסען מיט אים. און אַלע שרי מלוכה האָבען אים מקנא געווען און זיי האָבען שטענדיג געקלערט עצות ווי אַזוי צו מאַכען אַ בלבול אויף דעם אידען פאַר דעם מלך, און אָפּראַמען אים פון דער וועלט. און צווישען די דאָזיגע שרי מלוכה איז געווען אַ מיניסטער וואָס מען האָט אים גערופען קאַפּצין פּאַשאַ, און דער האָט נאָך פיינט געהאַט דעם אידען פיל מערער פון אַלע מיניסטאָרען. און פאַר דעם אידען אין די אויגען האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ גוטען פריינט און ער וויל אים שטענדיג נאָר גוטס טאָן, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזוכט אַלע סאָרטען עצות ווי אַזוי צו מאַכען עפּעס אַ בלבול אויף אים פאַר דעם מלך.

אמאָל איז דער דאָזיגער מיניסטער געפאַלען אויף אַ המצאה און ער איז געקומען צום אידען און ער האָט אים געזאָגט ווי אַזוי דער מלך האָט אים געזאָגט אַז ער האָט דיך באמת זייער ליב, נאָר איין זאַך קען ער פון דיר נישט ליידען וואָרום יעדער מאָל וואָס דו קומסט מיט אים ריידען שפּירט ער ווי עפּעס אַ שלעכטער ריח גייט אַרויס פון דיין מויל. איבער דעם בין איך דיר מייעץ אַז יעדער מאָל וואָס דו וועסט קומען ריידען מיט דעם מלך זאָלסטו האַלטען אַ טיכעל מיט בשמים לעבען דיין מויל און די בשמים וועלען מבטל זיין דעם שלעכטען ריח פון דיין מויל. און דאַמאָלסט וועט דער מלך זיין צופרידען פון דיר גאַנצע הונדערט פּראָצענט. און דער דאָזיגער איד מהמת זיין תמימות האָט אים אַלס געגלייבט און האָט מסכים געווען אַזוי צו טאָן. נאָכדעם איז געגאַנגען דער מיניסטער און האָט געזאָגט צום מלך אַז דער דאָזיגער איד האָט אים געזאָגט אַז ווען ער קומט צום מלך ריידען האָט ער גרויסע יסורים פון דעם שלעכטען ריח וואָס גייט אַרויס פון דעם מלך׳ס מויל און אַ באַווייז אויף דעם אַז איך זאָג אמת וועסטו זעען אַז פון מאָרגען אָן וועט דער איד קומען צום מלך מיט אַ טיכעל בשמים לעבען מויל כדי ער זאָל נישט שפּירען דעם שלעכטען ריח וואָס גייט אַרויס פון דעם מלך׳ס מויל. און אַז דער מלך האָט דאָס דערהערט איז ער זייער אין כעס געוואָרען און האָט זיך אָנגערופען צו דעם דאָזיגען מיניסטער אויב איך וועל זען אַז דיינע רייד זיינען ריכטיג וועל איך מאַכען אַ סוף צו דעם דאָזיגען אידען, איך וועל אים פאַרלירען פון דער וועלט.

צומאָרגענס איז דער איד געקומען צום מלך מיט אַ טיכעל בשמים לעבען מויל אַזוי ווי דער מיניסטער האָט אים מייעץ געווען. און אַז דער מלך האָט דאָס דערזען האָט ער אָנגעשריבען אַ בריף מיט דעם לשון, אַז עס וועט קומען צו אייך דער מענטש וואָס ער טראָגט דעם דאָזיגען בריף זאָלט איר באַלד אים אַריינוואַרפען אין קאַלך אויוועז וואָס אַלע חייבי מיתות ווערען דאָרטען פאַרברענט. און דער מלך האָט פאַר חתמ׳ט דעם בריף מיט זיין חותם. און ער האָט זיך אָנגערופען צו דעם אידען איך בעט פון דיר אַז דו אַליין זאָלסט צוטראָגען דעם בריף לויט דעם אַדרעס וואָס עס שטייט אויף דעם קאָנווערט אויפגעשריבען. און דער איד האָט גענומען דעם בריף און ער האָט צוגעזאָגט דעם מלך אַז ער וועט טאָן זיין רצון. און דער איד האָט גאָר נישט געוואוסט וואָס עס שטייט אויפגעשריבען

אין דעם בריף. און ער איז באַלד געגאַנגען אין דער שליחות פון דעם מלך.

און דער דאָזיגער איד איז געווען אַ מוהל, און יעדער מאָל וואָס מען האָט אים מכבד געווען מיט מצוות מילה פלעגט ער לויפען מיט אַ גרויסער שמחה צו טאָן די מצווה. און דער רבונו של עולם האָט געוואָלט מציל זיין זיין באַגליבטען געטען פריינט. האָט ער מסבב געווען אַז עס איז געקומען איינער פון אַ דאָרף און האָט אים געטראָפען פונקט אינמיטען וועג און ער האָט אים זייער געבעטען אַז ער זאָל פאָרען מיט אים אין דאָרף אַריין און זאָל מל זיין זיין קינד. און מחמת ווייל זיין שטייגער איז געווען שטענדיג נישט אַוועקצולאָזען די דאָזיגע מצוה איבער דעם האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען וואָס זאָל ער איצט טאָן מיט דעם באַפעל פון דעם מלך. האָט דער אויבערשטער מסבב געווען אַז עס איז אים אַנטקעגען געקומען דער דאָזיגער מיניסטער קאַפּצין פּאַשאַ. האָט דער איד דערציילט דעם מיניסטער אַזוי ווי ער קומט איצט פון דעם מלך און דער מלך האָט אים איבערגעגעבען אַ בריף אַז ער זאָל דאָס אַוועקטראָגען אויף אַן אָרט און היינט האָט אים השי"ת צוגעשיקט די מצות מילה און מיין שטייגער איז נישט אַוועקצולאָזען די מצוה, איבער בעט איך פון דיר אַז דו זאָלסט נעמען דעם בריף און אים צוטראָגען אויף דעם אָרט וואו מען דאַרף.

און דער דאָזיגער מיניסטער אַז ער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך זייער געפרייט אויף די גרויסע מציאה וואָס עס איז אים געקומען אין דער האַנט אַריין, וואָרום איצט וועט ער קענען אָנריידען אויף דעם אידען ביי דעם מלך, וואָס ער האָט נישט געטאָן דעם רצון פון דעם מלך מיט דעם בריף. האָט דער מיניסטער גענומען דעם בריף פון דעם אידען און האָט אים צוגעטראָגען צו זיין אָרט. און דאָרטען זיינען געשטאַנען גרייט מענטשען וואָס פלעגען פאַר־ברענען די חייבי מיתות פון דעם מלך. און אַזוי ווי דער מיניסטער איז אָנגעקומען און האָט דערלאַנגט דעם בריף האָט מען אים תיכף אָבּאַפּ געטאָן און מען האָט אים אַריינגעוואָרפען אין קאַלך אויווען און ער איז פאַרברענט געוואָרען אַזוי ווי עס איז אים געקומען מן השמים מדה כנגד מדה. און דער איד האָט גאָר נישט געוואוסט וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן.

צומאָרגענס איז ער ווייטער געקומען צום מלך אַזוי ווי אַלע מאָל. און אַז דער מלך האָט אים דערזען האָט ער זיך זייער פאַר

וואונדערט און ער האָט אים געפרעגט, דו האָסט נאָך נישט איבער געגעבן דעם בריף וואָס איך האָב דיר געגעבן? האָט ער געענטפערט אדוני המלך דעם בריף האָב איך איבערגעגעבן דעם מיניסטער קאַפּצין פּאשאַ אַז ער זאָל דאָס אַוועק טראָגן. וואָרום דער אויבערשטער האָט מיר מזמין געווען די מצוות מילה און מיין שטייגער איז שטענדיג נישט אָפּצולאָזן די מצווה. איצט האָט דער מלך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט'ע זאַך אַז דער מיניסטער קאַפּצין פּאשאַ זאָל פאַרברענט ווערען וואָס ער האָט אָנגערעדט אויף דעם אידען. האָט דער מלך אַ פרעג געטאָן דעם אידען זאָג מיר פאַרוואָס האָלסטו אַ טיכעל מיט בשמים לעבען דיין מויל ווען דו רעדסט מיט מיר. האָט אים דער איד געענטפערט אַז דער מיניסטער קאַפּצין פּאשאַ האָט אים געגעבן די דאָזיגע עצה וואָרום ער האָט אים געזאָגט אַז ער האָט געהערט פון דעם מלך אַז דער מלך קען נישט פאַרליידען דעם שלעכטען ריח וואָס עס גייט אַרויס פון מיין מויל. האָט דער מלך דערציילט דעם אידען אַז דער מיניסטער קאַפּצין פּאשאַ האָט אָנגערעדט אויף אים אַז ער קען נישט פאַרליידען דעם שלעכטען ריח וואָס עס גייט אַרויס פון דעם מלך'ס מויל. און אויך האָט אים דער מלך דערציילט וואָס עס איז געשטאַנען געשריבען אין דעם בריף וואָס ער האָט אים געגעבן. און דער מלך האָט געזאָגט איצט ווייס איך אַז דער אויבערשטער איז דער געוועלטיגער אויף דער וועלט וואָס ער ראַטעוועט זיינע גוטע פריינט פון אַלם בייז. און מיט דעם מיניסטער קאַפּצין פּאשאַ אַזוי ווי ער האָט געוואָלט דיר טאָן אַזוי איז צו אים געטאָן געוואָרען. און פון דער פּאַסירונג איז דער איד גרויס געוואָרען ביי דעם מלך מערער פון אַלע מיניסטאָרען.

— כט —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט אַז די אידען וואָס זאָגען תהלים בפשיטות וועלען אָנטאָן די קרוין אויף דעם קאָפּ פון משיח צדקינו.**

**עס** איז געווען אַ מעשה מיט אַ מלך וואָס ער איז אַרויס געגאַנגען מיט די שרי מלוכה חאַפּען חיות. און דער מלך איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין פּראָסטע קליידער כדי עס זאָל אים גרינג זיין צו כאַפּען חיות. אינמיטען איז אַראָפּ זייער אַ שטאַרקער רעגען און אַלע מיניסטאָרען זיינען זיך צולאָפען וואָרום יעדער איינער האָט געזוכט אַן אָרט וואו ער זאָל קענען ניצול ווערען פון דעם רעגען. און דער

מלך איז געבליבען אין אַ גרויסער סכנה און ער האָט געזוכט עפּעס צו באַשטיצען זיך ביז ער האָט געפונען אַ שטוב פון אַ דאָרפסמאַן. און דער דאָזיגער דאָרפסמאַן האָט גענומען דעם מלך און ער האָט אים איבערגעביטען די נאַסע בגדים און ער האָט אים געגעבען עפּעס צו עסען, און ער האָט אויך אָנגעהייצט דעם אויוען פון דעם מלך׳ס וועגען און ער האָט אָוועקגעלייגט דעם מלך שלאָפען. און דער מלך איז אים אַזוי זיס געווען דער שלאָף אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט אַזאַ זיסקייט וואָרום ער איז געווען זייער פאַרמאַטערט. נאָך דעם רעגען האָבען זיך צוזאַמען גענומען אַלע מיניסטאָרען און זיי האָבען גענומען זוכען דעם מלך ביז זיי האָבען אים געפונען ביי דעם דאָרפסמאַן און זיי האָבען געוואָלט אַז דער מלך זאָל זיך צוריק אומקערען מיט זיי אַהיים. האָט זיך דער מלך אָנגערופען צו זיי וויבאַלד איר האָט מיך נישט מציל געווען אין אַ עת צרה און יעדער איינער פון אייך האָט זיך משתדל געווען מציל צו זיין נאָר זיך אַליין, און מיך האָט קיינער נישט געראַטעוועט נאָר דער דאָזיגער דאָרפסמאַן און ביי אים האָב איך געשפּירט אַזאַ זיסען גוטען געשמאַק, איבער דעם דער דאָרפס מאַן וועט מיך ברייננען מיט זיין וואָגען און מיט די בגדים וואָס ער האָט מיך אָנגעטאָן און ער וועט מיך אַרויפזעצען אויף דער כסא מלוכה.

און דער רבי ז״ל האָט פאַרענדיגט אַז אין די עקבות משיחא וועט זיין אַ פאַרפלייצונג פון אַפּיקורסות און אפילו אין די הערצער פון די ערלעכע אידען וועט אויך אַריינקומען אַפּיקורסות. און מיט חכמות וועט אוממעגלעך זיין זיך צוזערהאַלטען. און אַלע שרי מלוכה דאָס מיינט מען די גרויסע מענטשען וועלען זיך צושפּרייטען. און דאָס גאַנצע מלכות דקדושה וועט נישט האָבען קיין באַשטאַנד נאָר מיט פּראָסטע מענטשען וועלכע זאָגען תהלים בפשיטות. איבער דעם אַז משיח וועט קומען וועלען זיי געבען די קרוין אויף זיין קאָפּ.

— ל —

אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט די מעשה פון „וועדדי״.

**אַמאָל** איז אַ סוחר געפאָרען קיין בערלין מיט אַ בעל עגלה אַ גוי וואָס ער האָט געהייסען יוואַן. און אַז זיי זיינען אָנגעקומען קיין בערלין האָט דער סוחר איבער געלאָזט דעם בעל עגלה מיט די פערד אין די הויפּט גאַס, און ער איז זיך געגאַנגען אַראָנדזשירען זיינע ענינים. איז צוגעקומען אַ פּאָליסמאַן צו דעם בעל עגלה און

האָט צו אים געזאָגט „זער-דו“ (דאָס הייסט אויף דייטש, „ווער ביזטו“). אָבער דער בעל עגלה איז געווען פון רוסלאַנד און ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין דייטש האָט ער געמיינט אַז דער פּאָליסמאַן פרעגט אים ווי דו הייסט, האָט ער אים געענטפערט יוואַן. און דער פּאָליס האָט אָנגעהויבען צו שלאָגען דעם בעל עגלה מיט אַ שטעקען און ער שרייט צו אים ווערדו. און דער בעל עגלה שרייט צו אים יוואַן. און דער סוף איז געוואָרען אַז דער פּאָליס האָט גענומען דעם בעל עגלה מיט די פערד און האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ זייטיג געסעל כדי עס זאָל נישט שטערען דעם פאַרקער אין די הויפּט גאַס. נאָכדעם אַז דער סוחר איז אָנגעקומען און ער האָט נישט געטראָפען דעם בעל עגלה האָט ער אים אָנגעהויבען צו זוכען ביז ער האָט אים דערזען פונוויטענס. האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען, יוואַן יוואַן קום אהער. און דער דאָזיגער יוואַן ענטפערט אים שטילערהייט זאָלסט מיך נישט רופען יוואַן נאָר ווערדו. נאָכדעם אַז זיי זיינען אַרויסגעפאָרען פון דער שטאָט בערלין רופט זיך אָן דער בעל עגלה צו דעם סוחר פון איצט אָן קענסטו מיך רופען יוואַן.

און אַז דער רבי ז״ל האָט פאַרענדיגט די מעשה האָט ער אַזוי געזאָגט אַז מען קומט צו מיר דאַמאָלסט הייסט מען ווערדו, דאָס הייסט ווער ביזטו, דאָס מיינט מען אַז יעדער איינער שפּירט זיין וויינינקייט און זיין נידעריגקייט. אָבער דערנאָך אַז מען גייט אַרויס פון מיר הייסט מען יוואַן און מען איז פאַרגרעבט ווייטער מיט אַלע תאוות.

— לא —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט די מעשה פון די מרור.**

אַמאָל האָט אַ איד מיט אַ דייטש אָפּגעמאַכט אַז זיי זאָלען מאַכען אַ שפּאַציר אויף דער וועלט. און אויף דעם וועג האָט זיך זיי אויסגעלאָזט זייער געלט און זיי האָבען נישט געהאַט קיין עסען. דערווייל איז אָנגעקומען פאַר פסח האָט דער איד זיך אָנגערופען צום דייטש, איך וועל דיך אויסלערנען אַביסעל די אידישע מנהגים פון פסח, און אין דער נאַכט פון פסח וועלען מיר אַריינגיין אין אַ שול און די אידען זיינען דאָך רחמנים, און זיי וועלען אויף אונז רחמנות האָבען און זיי וועלען אונז נעמען אַלס אורחים אויף פסח. און דער איד האָט אים אויסגעלערענט ווי אַזוי מען מאַכט קידוש און מען וואַשט זיך די הענט און אַזוי ווייטער, נאָר ער האָט אים פאַרגעסען צו זאָגען אַז מען עסט מרור איידער מען גייט עסען.

ביינאכט זיינען זיי אריין אין א שול און א בעל הבית האט גענומען דעם אידען פאר אן אורח און א צווייטער בעל הבית האט גענומען דעם דייטש פאר אן אורח ווארום ער האט געמיינט אז ער איז א איד. און דער דייטש איז געקומען צום סדר אויסגעהונגערט פון א גאנצען טאג און ער האט שוין געהאפט און געווארט ביז מען וועט שוין ענדיגען דעם סדר און מען וועט שוין אנהויבען עסען די יום-טוב'דיגע סעודה. אין אנפאנג האט מען אים געגעבען צו עסען א שטיקעל כרפס אין זאלץ-וואסער, און מען זאגט די הגדה און דערנאך וואשט מען די הענט און מען הייבט שוין אן צו עסען די מצה און ער פריידט זיך שוין, ווארום וועדליג דער איד האט אים געלערענט וועט מען באלד אנהויבען צו עסען פיש און פלייש מיט אלע גוטע זאכען. און פלוצלונג גיט מען אים מרור צו עסען און עס איז אים געווארען שטארק ביטער אין מויל און ער קלערט אז דאס איז די גאנצע סעודה און נאר דאס עסט מען. איז ער באלד אנטלאפען פון דעם טיש מיט א גרויסען כעס און ער האט געשריגען פאר אלעמען מיט נים קיין שיינע ווערטער, אז נאך די גאנצע צערעמאניע גיט מען צו עסען אזעלכע ביטערע זאכען. און ער איז אנגעקומען אין שול אריין. נאך דעם איז דער איד אויך אנגעקומען אין שול אריין פריילעך און זאט פון דעם עסען און טרינקען, און ער האט געפרעגט דעם דייטש ווי אזוי איז געגאנגען דער סדר, און ער האט אים דערציילט מיט גרוים כעס ווי אזוי מען האט אים געגעבען צו עסען ביטערע זאכען. האט זיך דער איד אנגערופען צו אים דו נארישער דייטש וואס דו ביזט, ווען דו וואלסט געווען צוואווארטען נאך אביסעל וואלסטו געווען געגעסען פון אלס גוטס פונקט אזוי ווי איך.

דאס זעלבע טוט זיך אפ ביי יעדער מענטש וואס ער וויל עוסק זיין אין עבודת ה' און ער וויל מקורב ווערען צום אמת'ן צדיק, ווארום מען באדארף א סך הארעווען ביז מען קומט און מען ווערט דערנענטערט צו עבודת ה' און צום אמת'ן צדיק. און כדי דער גוף זאל אביסעל געליטערט ווערען גיט מען אים אביסעל מרור מיט ביטערניש ווארום דאס ליטערניש פון דעם גוף קומט פון ביטערניש, אבער דער דאזיגער מענטש קלערט אז שטענדיג וועט ער ליידען ביטערניש, איבער דעם אנטלויפט ער באלד. אבער ווען ער וואלט געווארט אביסעל און וואלט דאס אלס איבערגעליטען, דאמאלסט וואלט ער געשפירט אלע סארטען חיות און תענוג.

— לב —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט די מעשה פון דעם אוצר אונטער דעם בריק.**

עס איז געווען אַ מענטש וואָס ער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף האָט זיך אים ביי נאַכט גע׳חלומ׳ט אַז ער זאָל פאָרען און דער שטאָט ווין און דאָרטען אונטער דעם בריק איז דאָ אַ אוצר. איז ער אַהין געפאָרען און ער איז געקומען צו דעם בריק און ער האָט זיך דאָרטען אָוועקגעשטעלט קלערען וואָס זאָל ער טאָן ווארום ביי טאָג איז אוממעגלעך דאָרטען צו גאָרבען און צו זוכען, ווארום עס גייען מענטשען אַהין און צוריק. און אַזוי ווי ער שטייט און קלערט איז צוגעקומען אַ פּאָליסמאַן און ער פרעגט אים וואָס טוסטו דאָ. האָט ער אים דערציילט דעם חלום אַז אונטער דעם בריק איז פאַראַן אַ אוצר. האָט דער פּאָליסמאַן אָנגעהויבען צולאַכען און ער זאָגט צו אים דו קוקסט אויף חלומות, מיר האָט זיך אויך גע׳חלומ׳ט אַז אין דעם דאָרף ביי דעם מענטשען (און ער האָט געזאָגט דעם נאָמען פון זיין דאָרף און זיין נאָמען) אין קעלער איז דאָ אַ אוצר, וועל איך דען פאָרען זוכען ביי אים? איז דער דאָזיגער מענטש אַהיים געפאָרען און ער האָט אָנגעהויבען צו גראָבען ביי זיך אין קעלער און ער האָט געפונען דעם אוצר, נאָך דעם האָט דער דאָזיגער מענטש אַזוי געזאָגט, איצט ווייס איך אַז דער אוצר איז ביי מיר, נאָר כדי צוואוויסען פון דעם אוצר מוז מען פאָרען אין דער שטאָט ווין.

דאָס זעלבע איז אין עבודת ה׳ דער אוצר געפינט זיך ביי יעדען איינעם, דאָס מיינט מען די בהירה איז ביי יעדען מענטשען, און ער האָט בכח אויסצוקלייבען אין דעם אמת׳ן גוט, נאָר כדי צוואוויסען פון דעם דאָזיגען אוצר מוז מען פאָרען צום צדיק.

— לג —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט די מעשה מיט דעם אינדיג.**

אַמאָל איז געווען אַ מלך און ער האָט געהאַט אַ בן יחיד, איז אים אַריין אַ שגעון אין קאָפּ אַריין אַז ער איז אַ אינדיג. און ער האָט זיך אויסגעטאָן זיינע קליידער און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נאַקעט אונטער דעם טיש און ער האָט געגעסען די ברעקלעך וואָס זיי זיינען אַראָפּגעפאַלען פון טיש. און אַלע דאָקטוירים האָבען זיך

שוין געהאַט מייאש געווען פון אויסצוהיילען אים פון דעם שגעון. און דער מלך האָט געהאַט גרויס צער פון דעם. ביז עס איז געקומען אַ קלוגער מענטש און ער האָט געזאָגט אַז ער נעמט זיך אונטער אים אויסצוהיילען. און ער איז געגאַנגען און ער האָט זיך אויסגעטאָן זיינע קליידער און ער איז אויך אַרונטער דעם טיש לעבען דעם בן המלך, און ער האָט אויך געקליבן ברעקלעך און האָט דאָס געגעסן. האָט דער בן המלך אים געפרעגט ווער ביזטו און וואָס טוסטו דאָ האָט ער אים געענטפערט איך בין אַ אינדיג. האָט דער בן המלך אים געזאָגט איך בין אויך אַ הינדיג. זיינען זיי ביידע אַזוי געזעסן אונטער דעם טיש ביז זיי האָבן זיך איינגעוואוינט איינער מיט דעם אַנדערן. נאָך דעם האָט דער קלוגער מענטש אַוואונק געטאָן האָט מען זיי דערלאַנגט העמדער. און ער רופט זיך אָן צו דעם בן המלך וואָס קלערסטו מען קען דען נישט גיין אָנגעטאָן העמדער, מען קען זיין אַ אינדיג און מען קען גיין אָנגעטאָן אַ העמד. האָבן זיי ביידע אָנגעטאָן העמדער. אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָט דער חכם אַוואונק געטאָן האָט מען זיי דערלאַנגט הויזען אָנצוטאָן. האָט זיך דער חכם אָנגערופען צו דעם בן המלך מען מעג אָנטאָן אַ פּאָר הויזען און מען וועט ווייטער הייסען אַ אינדיג. און אַזוי איז טאַקע געווען און זיי האָבן אָנגעטאָן הויזען, און אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָט דער חכם אַוואונק געטאָן האָט מען זיי דערלאַנגט מענטשליכע עסען אונטער דעם טיש, האָט ער זיך ווייטער אָנגערופען צו דעם בן המלך מען קען זיין אַ אינדיג און עסען מענטשליכע עסען, נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו דעם בן המלך דו מיינסט אפשר אַ אַ אינדיג מוז הדקא זיצען אונטער דעם טיש? מען קען זיצען ביים טיש מיט אַלע מענטשען גלייך און מען בלייבט ווייטער אַ אינדיג. און אַזוי האָט זיך דער חכם געפירט מיט אים ביז ער האָט אים אינגאַנצען אויסגעהיילט.

פון דעם דאָזיגען משל קען מען זען אַז מיט דעם וועג קען מען זיך דערנענטערען צוביסלעכווייס צו עבודת ה׳ ביז מען קומט אינגאַנצען אַריין.

— לד —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט דער משל פון די תבואה.**

אַמאָל האָט דער מלך געזאָגט צו זיין ליבהאָבער דער שני למלך, אַזוי ווי איך בין אַ שטערען-זעער און איך זע אַז ווער עס

וועט עסען פון די תבואה פון דעם נייעם יאָר וועט ווערען משוגע, איבער דעם באַדאַרף מען צו זוכען אַ עצה. האָט אים דער שני למלך געענטפערט מען קען צוגרייטען תבואה פון דעם אַלטען יאָר פאַר אונז ביידען. האָט אים דער מלך געענטפערט אַז דאָס איז נישט קיין עצה. וואָרום אויב מיר אַליין וועלען נישט זיין משוגע און די גאַנצע וועלט וועלען יאָ זיין משוגע, דאַמאָלסט וועט אויסקומען פונקט פאַרקערט, וואָרום די גאַנצע וועלט וועלען אונז האַלטען פאַר משוגע איבער דעם מוזען מיר אויך עסען פון די תבואה, נאָר מיר וועלען זיך מאַכען אַ סימן אויף אונזער שטערען און ווען מיר וועלען אַ קוק טאָן אויף דעם שטערען וועלען מיר לכל הפחות וויסען אַז מיר זיינען משוגע.

— לה —

### אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון די תבואה וואָס איז קאַליע געוואָרען.

אַמאָל איז געווען אַ מלך און ער איז געווען אַ שטערען-זעער, האָט ער געזען אַז אויב מען וועט נישט אָפּשניידען די תבואה דאָס יאָר ביז אין אַ געוויסע צייט וועט קאַליע ווערען די גאַנצע תבואה, און די צייט איז געווען קורץ. איז ער געגאַנגען און ער האָט געדונגען מענטשען און ער האָט זיי געגעבען אַלע פאַרגעניגענס און אַלס וואָס זיי באַדאַרפען כדי זיי זאָלען האָבען הרחבת הדעת און זיי זאָלען קענען אַרבעטען בייטאָג און ביינאַכט און זיי וועלען אָניאָגען אָפּצושניידען די תבואה פאַר די באַשטימטע צייט. און וואָס האָבען געטאָן די דאָזיגע אַרבעטאָרערס? זיי האָבען אָנגעהויבען צו עסען און טרינקען און האָבען זיך געלאָזט וואוילגיין מיט אַלע תענוגים. און דערווייל איז אַריבער די צייט און מען האָט די תבואה נישט אָפּגעשניטען, און עס איז קאַליע געוואָרען די גאַנצע תבואה, און זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן וואָרום איצט וועט דער מלך זיין אין כעס אויף זיי. איז געווען צווישען זיי אַ קלוגער האָט ער זיי געגעבען אַ עצה אַזוי ווי דער מלך האָט זייער ליב אַ געוויסען סאָרט פויגעל על כן זאָלען זיי גיין און כאַפּען דעם סאָרט פויגעל, און אים ברייננגען צו דעם מלך און פון דעם פאַרגעניגען וואָס דער מלך וועט האָבען פון דעם פויגעל וועט ער זיי אויף אַלס מוחל זיין. זיינען זיי געגאַנגען זוכען דעם פויגעל האָבען זיי אים געטראָפען גאָר אויף אַ הויכען בוים און זיי האָבען נישט קיין לייטער און די צייט איז

קורץ. האָט זיי דער קלוגער געגעבען אַ עצה אַזוי ווי זיי זיינען אַ סך מענטשען זאָלען זיי זיך אַרויפשטעלען איינער אויף דעם צווייטענס אַקסלען, ביז זיי וועלען דערלאַנגען דעם פויגעל. האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריגערייַ צווישען זיי, וואָרום יעדער איינער האָט געוואָלט זיין פון אויבען און זיין חבר זאָל זיין פון אונטען, און צוליב זייער קריגערייַ איז דער פויגעל אַוועקגעפלויגען, און עס איז איבערגעבליבען אויף זיי דער כעס פון דעם מלך פאַרוואָס זיי האָבען נישט אָפּגעשניטען די תבואה.

דער נמשל פון דעם איז אַז דער בורא יתברך שמו האָט באַשאַפען דעם מענטשען און ער האָט אים געגעבען אַלע פאַרגעניגענס און אַלס האָט ער אים געמאַכט כדי ער זאָל אָפּשניידען די תבואה איידער עס ווערט קאַליע, דאָס הייסט אַז ער זאָל דאַווענען און לערנען און עוסק זיין אין עבודת ה' איידער ער זינדיגט און מאַכט קאַליע זיינע מוחין מיט חטאים ועוונות ופשעים און מיט פאַרשידענע סאָרטען פגמים. אָבער דער מענטש האָט זיך אָפּגעלאָזט צוליב די פאַרגעניגענס און ער איז נכשל געוואָרען און ער האָט זיך נעבעך אָן געזינדיגט ביז ער האָט קאַליע געמאַכט זיינע מוחין. אָבער עס איז נאָך דאָ אַן עצה אַז ער זאָל מקורב ווערען צו דעם צדיק וואָס דורך דעם וואָלט ער נאָך געקענט אַלס פאַר ריכטען, אָבער דורך דער מחלוקת און קנאה וואָס יעדער איינער וויל זיין פון אויבען, דורכדעם ווערט מען דערוויַטערט פון דעם צדיק.

— לו —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון דעם ספר אלים.**

**עס** ווערט געברייננגט אין מגילת סתרים די מעשה פון דעם ספר אלים. דאָס איז זייער אַ טייערער ספר, דאָס האָט מחבר געווען דער געטליכער מענטש ר' יוסף קאַנדיא ז"ל. אין זיינע צייטען האָבען זיך צוזאַמען געקומען פינף הונדערט תלמידים מופלגי תורה און זיי האָבען אָנגעהויבען צולערנען ספרי חקירה און מורה נבוכים, ביז זיי זיינען אינגאַנצען פריי געוואָרען און זיי האָבען געלייקענט אין אַלס ר"ל, און זיי זיינען געקומען צו דעם צדיק ר' יוסף קאַנדיא ז"ל אַז ער זאָל אויך מסכים זיין מיט זיי אויף די דאָזיגע שלעכטע זאַך. און דער דאָזיגער צדיק אַז ער האָט דאָס דערהערט האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש. און זיי האָבען אים אָנגעהויבען ווייזען ראיות און האָבען אָנגעהויבען האָבען וויכוחים מיט אים, און ער

האָט זיי נישט געקענט אומקערען פון זייער שלעכטען וועג. האָט ער געזאָגט צו זיי גיט מיר אַ צייט וועל איך אייך אַלס פאַרענטפערען. האָבען זיי אים געגעבען אַ צייט. און זיי זיינען זיך אָוועקגעגאַנגען.

אין דער דאָזיגער צדיק האָט געשיקט בריף צו אַלע גרויסע רבנים אַז זיי זאָלען קומען צו אים אויף גיך, זיינען זיי געקומען צו אים און ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה. האָבען זיי אַלע מתפלל געווען צום אויבערשטען, און זיי האָבען געפאַסט ביי טאָג און ביינאַכט. און אויך דער צדיק איז געפאַלען אויף זיין פנים אויף דער ערד, דריי טעג און דריי נעכט האָט ער נישט געגעסען קיין ברויט און נישט געטרונקען קיין וואַסער. נאָך די דריי טעג האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און ער האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ צייט וואָס מען באַדאַרף טאָן פאַר דעם אויבערשטענס-וועגען כּאָטש די תורה ווערט פאַרשטערט. און ער האָט גענומען אַ פען פון אַ סופר אין זיינע הענט און ער האָט געשריבען אָן אַ אויפהער ער האָט נישט געגעסען און נישט געטרונקען אין נישט געלערענט און נישט געדאַווענט נאָר ער האָט געהאַלטען אין איין שרייבען אין ער האָט מחבר געווען דעם דאָזיגען ספר וואָס ער הייסט ספר אלים. און נאָכדעם אַז די תלמידים זיינען געקומען געמען אַ ענטפער ביי אים, האָט ער גענומען דעם דאָזיגען ספר און האָט זיי דאָס געגעבען, און מיט דעם דאָזיגען ספר האָט ער זיי מנצח געווען. וואָרום דאָרטען געפינען זיך אַלע חכמות פון דער וועלט. און זיי האָבען געזען זיין חכמה און פונדעסטוועגען גלייבט ער. און זיי זיינען אַלע געוואָרען צדיקים גמורים.

— לז —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט אַ מעשה פון דעם מהרש"א ז"ל.**

**דער** מהרש"א ז"ל איז געוואָרען רב אין אַ שטאָט, און ער פלעגט זיצען און לערנען מיט זיין ישיבה אַ גאַנצען טאָג. אין די זעלבע צייט איז געווען אַ הויפּט-רב פון דעם גאַנצען געגענד. און אויב עס פלעגט ווערען אַ נייער רב אין אַ קהילה וואָס האָט געהערט צו דעם געגענד האָט דער נייער רב געמוזט קומען צו דעם הויפּט-רב און נעמען פון אים ערלויבעניש צו ווערען רב. אַזוי ווי עס פלעגט זיך פירען אין די פריערדיגע דורות. און אַז דער מהרש"א ז"ל איז געוואָרען רב איז ער נישט געקומען צו דעם הויפּט-רב נאָר ער איז געזעסען און געלערענט די גאַנצע צייט. און דער הויפּט-רב אַז

ער האָט געזען אַז דער מהרש״א ז״ל קומט נישט צו אים, האָט ער אים דן געווען לכף זכות, מן הסתם איז ער שטאַרק פאַרנומען אין לערנען איבער דעם האָט ער נישט קיין צייט צוקומען צו אים. האָט זיך דער הויפּט-רב אויפגעהויבען און ער איז געקומען צופאָרען צו דעם מהרש״א ז״ל. איז די גאַנצע שטאָט געגאַנגען אים מקבל פנים זיין, נאָר דער מהרש״א ז״ל איז אים נישט געגאַנגען מקבל פנים זיין. האָט דער הויפּט-רב ווייטער דן געווען לכף זכות דעם מהרש״א ז״ל ווייל ער איז שטאַרק פאַרנומען אין לערנען איבער דעם האָט ער נישט קיין צייט אַרויסצוקומען אים מקבל פנים זיין.

נאָכדעם איז געקומען דער הויפּט רב אין דעם בית המדרש פון דעם מהרש״א ז״ל האָבען זיך אַלע מענטשען אויפגעהויבען פון זיין כבוד וועגען, נאָר דער מהרש״א ז״ל האָט זיך נישט גערירט פון זיין אָרט און האָט אים גאַרנישט געגעבען קיין שלום. און פונדעסטוועגען האָט דער הויפּט-רב אים ווייטער דן געווען לכף זכות, דאָס איז אַלס ווייל ער וויל נישט מפסיק זיין פון לערנען. דערווייל איז אַנגעקומען אין בית המדרש אַריין אַ בחור מיט אַ שיינעם געשטאַלט, האָט זיך דער מהרש״א ז״ל אויפגעשטעלט פאַר אים און האָט אים מכבד געווען און האָט געשמועסט מיט אים אַ לאַנגע צייט. און אַז דער הויפּט-רב האָט דאָס צוגעזען איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף דעם מהרש״א ז״ל, און ער האָט געזאָגט צו אים, אין אָנפאַנג אַז איר זענט נישט געקומען צו מיר אַזוי ווי אַלע רבנים פון דעם געגענד האָבען געטאָן, האָב איך אייך דן געווען לכף זכות אַז איר ווילט נישט מבטל זיין פון דער תורה, און דערנאָך אַז איך בין געקומען אין אייער שטאָט און איר זענט נישט געקומען מיך מקבל פנים זיין האָב איך אייך ווייטער דן געווען לכף זכות און איך האָב דאָס אָנגעהאַנגען אין ביטול תורה, און דערנאָך אַז איך בין געקומען צו אייך אין בית המדרש אַריין און איר האָט מיר נישט געגעבען קיין שלום האָב איך ווייטער דן געווען לכף זכות און איך האָב ווייטער אָנגעהאַנגען אין ביטול תורה אַז איר ווילט נישט מפסיק זיין פון לערנען אפילו אויף אַ מינוט. אָבער איצט זע איך אַז עס איז שקר די גאַנצע מעשה, וואָרום איך האָב געזען אַז דעם בחור האָט איר מכבד געווען און איר האָט גערעדט מיט אים אַ לאַנגע צייט אינמיטען לערנען. אַוואו איז כבוד התורה?

האָט זיך דער מהרש״א ז״ל אָנגערופען און האָט געזאָגט צו אים, איר זאָלט וויסען אַז דער דאָזיגער בחור איז אַ גלגול פון

אהאב מלך ישראל און פאר א מלך ישראל איז ראוי אויפצושטעלען זיך פאר אים און אים אפגעבען כבוד, און איך וועל אייך געבען א סימן אז מיינע רייד זיינען אמת, אין צוויי שעה ארום וועט דער דאזיגער בחור גע'הרג'ט ווערען. האט דער דאזיגער הויפט-רב נישט געוואלט גלויבען אין דעם מהרש"א ז"ל, איז ער געגאנגען און האט גענומען דעם דאזיגען בחור און ער האט אים פארהאלטען און ער האט אנגעהויבען שמועסען מיט אים ביז עס וועט אדורכגיין די צוויי שעה, און אזוי ארום וועט ער זען אויב עס איז ריכטיג די רייד פון דעם מהרש"א ז"ל. און אזוי ווי זיי גייען און שמועסען און עס איז אנגעקומען פינקטלעך דער סוף פון די צוויי שעה, איז געגאנגען אין גאס א פריץ און ער האט געשאסען מיט זיין ביקס אויף א פויגעל און די קויל האט פונקט געטראפען דעם בחור און ער איז גע'הרג'ט געווארען. איז באלד געלאפען דער הויפט-רב צו דעם מהרש"א ז"ל אים זאגען אז עס איז אמת פינקטלעך געווען אזוי ווי ער האט געזאגט. האט זיך דער מהרש"א ז"ל אנגערופען צו אים באלד וועט מען ברייגנען א הרוג פון דרויסען פון שטאט. און אזוי ווי זיי שטייען און ריידען האט מען טאקע געבראכט א הרוג אין שטאט אריין.

דאמאלסט איז דער הויפט-רב דערשראקען געווארען, און ער האט געפרעגט דעם מהרש"א ז"ל אז ער זאל אים זאגען וואס דאס באדייט. האט זיך דער מהרש"א ז"ל אנגערופען, אזוי ווי דער בחור איז געווען א גלגול פון אהאב מלך ישראל, איבער דעם אזוי ווי אהאב איז גע'רהג'ט געווארען אזוי אויך האט דער בחור באדארפט גע'הרג'ט ווערען. און תיכף ווי דער בחור איז געבוירען געווארען איז באשאפען געווארען א משחית וואס ער זאל אים הרג'נען, און דער דאזיגער משחית איז געשטאנען און געווארט אויף דעם בחור ביז עס וועט קומען די צייט ער זאל אים הרג'נען. און ווייל איר האט דעם בחור פארהאלטען ביז ער איז גע'הרג'ט געווארען דורך דעם דאזיגען פריץ, האט מען געמוזט געבען דעם משחית אן אנדער מענטש אנשטאט דעם דאזיגען בחור. און דאס איז דער הרוג וואס מען האט איצט געברייגנט פון אויסער דער שטאט, און איר באדארפט תשובה טאן, ווארום דורך אייך איז דער דאזיגער מענטש גע'הרג'ט געווארען. דאמאלסט איז געפאלען דער הויפט-רב פאר די פיס פון דעם מהרש"א ז"ל און ער האט אים איבערגעבעטען אז ער זאל אים מוחל זיין, און ער האט פון אים געבעטען אז ער זאל אים

ארויסגעבען אַ תשובה. האָט דער מהרש״א ז״ל אים געזאָגט, אַז דיין תשובה איז, אַז דו זאָלסט אװעקלייגען דאָס רבנות, און זאָלסט װערען אַ בעל עגלה. האָט דער הויפּט־רב אויף זיך מקבל געװען און ער איז געװאָרען אַ בעל עגלה.

— לח —

### אַ צװייטע מעשה פון דעם מהרש״א ז״ל.

אין דער שטאָט אוסטראָ, דער מקום פון דעם מהרש״א ז״ל, איז דאָרטען געװען אַ גוי׳אישער קלויסטער, און דאָס איז פּונקט געשטאַנען אויף דעם װעג צו דעם אידישען בית הקברות, און עס איז נישט געװען קיין אַנדער װעג צו דעם בית הקברות. און יעדען מאָל װען די אידען פלעגען אַדורכטראָגען אַ נפטר פלעגען די גוים אָנהויבען קלינגען מיט די גלעקער און די אידען מחמת גרוים פחד פלעגען אַנטלויפען און איבערלאָזען דעם נפטר, און די גויים פלעגען נעמען דעם נפטר און אים אָנטאָן בזיונות.

און אַז עס איז געקומען די צייט פון דעם מהרש״א ז״ל װאָס ער האָט באַדאַרפט נסתלק װערען. האָט ער אָנגעזאָגט אַז מען זאָל אים אַדורכטראָגען לעבען דעם קלויסטער, און אַז די גויים װעלען אָנהויבען קלינגען מיט די גלעקער זאָל מען נעמען זיין ספר װאָס ער האָט מחבר געװען און מען זאָל אַװעקלייגען אויף די מטה. און אַלע גלחים האָבען זיך צונויפגעקליבען, װאָרום זיי האָבען געקלערט אַז איצט װעלען זיי קענען אָנטאָן בזיונות פאַר דעם אידישען רב. אָבער באַלד װי זיי האָבען אָנגעהויבען קלינגען מיט די גלעקער, האָבען די תלמידים פון דעם מהרש״א ז״ל אַװעקגעלייגט זיין ספר אויף די מטה, האָט זיך דער מהרש״א ז״ל אויפגעזעצט און ער האָט אָנגעהויבען צומישען די בלעטער פון זיין ספר. און אַזוי װי ער האָט געמישט אַזוי האָט אָנגעהויבען דער קלויסטער מיט אַלע גלחים אַריינצוזינקען אין דער ערד אַריין, ביז זיי זיינען איינגאַנצען איינגעזונקען און ביז היינטיגען טאָג איז פאַרבליבען אַ סימן פון דעם קלויסטער װאָס ער האָט איינגעזונקען.

— לט —

### אַ דריטע מעשה פון דעם מהרש״א זצ״ל.

אין די צייט װען מען האָט געבויט די שול אין דער שטאָט אוסטראָ, און מען האָט געדאַרפט אַ סך געלט פאַר דעם בויען.

איבער דעם האָט מען אויסגערופען אַז מען פאַרקויפט דאָס לייגען פון דעם ערשטען שטיין. איז אָנגעקומען אַ גביר פון שטאָט און ער האָט געקויפט דאָס לייגען דעם ערשטען שטיין פאַר אַ פולען זאַק גאָלדענע רענדלעך, און דערנאָך האָט ער מכבד געווען דעם מהרש"א ז"ל אַז ער זאָל לייגען דעם ערשטען שטיין. האָט זיך דער מהרש"א ז"ל אָנגערופען צו אים דו קענסט איצט פועל'ן וואָס דו ווילסט. האָט ער זיך אָנגערופען צו דעם מהרש"א ז"ל איך וויל האָבען אַ זון וואָס ער זאָל זיין אַזוי ווי דער מהרש"א ז"ל. האָט אים דער מהרש"א ז"ל געענטפערט אַז דאָס איז זייער אַ שווערע זאַך, און ער זאָל בעטען אַן אַנדער זאַך אַנשטאָט דעם. אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז ער וויל דוקא נאָר אַ זון אַזוי ווי דער מהרש"א ז"ל. האָט זיך דער מהרש"א ז"ל אָנגערופען צו אים אויב אַזוי וועט דיין ווייב וועט אָנהויבען טראָגען מיט דעם קינד וועסטו שטאַרבען, און אַז זי וועט האָבען דאָס קינד וועט זי שטאַרבען, און איך וועל נעמען דאָס קינד און עס וועט זיך אויסהאָדעווען ביי מיר. האָבען זיי מסכים געווען. און דאָס קינד האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי דעם מהרש"א ז"ל.

און ער איז געווען אַ באַהאַלטענער צדיק אין מען האָט נישט געזען אין אים קיין גרויסקייט. און איידער דער מהרש"א ז"ל איז נפטר געוואָרען האָט ער אָנגעזאָגט אַז דער זאָל זיין דער רב אין שטאָט אַנשטאָט אים. און אַזוי איז געווען און ער איז געוואָרען רב אין שטאָט אויף דעם מהרש"א ז"ל אָרט. און ער פלעגט זיך נוהג זיין אויב עס איז געשטאָרבען איינער פון די חשובי'ע מענטשען פון שטאָט פלעגט ער נישט אַרויסגיין צו די לוויה, האָט דאָס דעם קהל פאַרדראָסען און זיי האָבען אים דאָס פאַרגעוואָרפען. האָט דער רב אָנגעזאָגט זיין שמש אויב עס וועט זיין אַ לוויה פון איינעם פון די חשובי העיר זאָל ער אים מודיע זיין. אין איינעם פון די טעג איז נפטר געוואָרען איינער פון די חשובי העיר האָט דער שמש אים מודיע געווען, איז ער אַרויסגעקומען צו די לוויה און ער האָט געהייסען אָפּשטעלען די מטה און מען זאָל אָפּדעקען דעם נפטר און ער האָט גענומען אַ פאַטשיילע און ער האָט אַ מאַכגעטאָן איבער דעם נפטר, האָבען אַלע געזען אַז די מלאכי חבלה האָבען צוגעכאַפּט דעם נפטר און האָבען אוועקגעלייגט אַ שטיק האָלץ אַנשטאָט אים. האָט זיך דער רב אָנגערופען צו דעם קהל אויב אַזוינס קען פּאַסירען ביי אייערע חשוב'ע מענטשען, איז ווי אַזוי קענט איר פאַרלאַנגען

אַז איך זאָל גיין אויף אַזעלכע לוויות, און פון דאַמאָלסט אָן האָבען אַלע איינדערקענט זיין גרויסקייט אַז ער איז ראוי אויסצופילען דעם אָרט פון דעם מהרש״א ז״ל.

— מ —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט אַז מיט אַ קליינעם פיש קען מען כאַפּען אַ גרויסען העכט.**

**עס** איז געווען אַ מעשה מיט אַ מענטשען וואָס ער האָט געהייסען ר׳ ישראל פון די שטאָט נעמירוב וואָס ער האָט שטאַרק געבעטען דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער זאָל אים געבען רשות צופאָרען אויף דעם פּלאַץ וואו די מלחמה איז וועגען פּרנסה. און דער רבי ז״ל האָט נישט מסכים געווען אויף דעם. אָבער זיין באַהאַלטענער וועג איז געווען נישט זיך צושפּאָרען אויף קיין זאַך. איבער דעם האָט דער רבי ז״ל אים געזאָגט זאָלסט אָפּמאַכען ביי זיך אין געדאַנק אַז דער יאָ מיט דעם ניין זאָלען זיין גלייך, און נאָכדעם זאָלסטו זאָגען פינף קאַפּיטלעך תהלים, און נאָכדעם ווי אַזוי עס וועט אים אַריינפאַלען אין דער מחשבה אַזוי זאָל ער טאָן. האָט דער ר׳ ישראל אַזוי געטאָן. נאָכדעם איז ער אַריין צום רבי׳ן ז״ל און האָט אים געזאָגט אַז עס איז אים אַריינגעפאַלען אין דער מחשבה אַז ער זאָל יאָ פאָרען. אין דעם רבי׳ן ז״ל איז דאָס נישט געפעלען, וואָרום ער האָט געוואוסט אַז דער יאָ מיט דעם ניין איז ביי אים נישט געווען גלייך אַזוי ווי ער האָט אים געהייסען, וואָרום אין אמת׳ן צוליב דעם ברענונג פון תאוות ממון האָט ער געוואָלט און געגלוסט מיט דעם גאַנצען נפש צופאָרען די דאָזיגע נסיעה. האָט דער רבי ז״ל אַזאָג געטאָן, מיט אַ קליינעם פיש קאָן מען כאַפּען אַ גרויסען פיש.

און דאַמאָלסט ווען דער רבי ז״ל האָט דאָס געזאָגט האָט דער דאָזיגער ר׳ ישראל דאָס נישט פאַרשטאַנען. נאָכער איז ער אַהין געפאָרען, און דער אויבערשטער האָט מסבב געווען אַז אַ גביר האָט אים געדונגען צו זיינע געשעפטען, און ער איז געווען ביי אים אַשטיק צייט און ער האָט ביי אים נושא חן געווען. און זיי זיינען געווען זייער פריינדלעך. און דער דאָזיגער עושר איז געווען זייער ווייט פון אידישקייט און ער איז אויך געווען אַן אַלטער בחור און ער האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. אָבער פון דעם גרויס פריינדשאַפט וואָס איז געווען צווישען זיי האָט דער ר׳ ישראל אָנגעהויבען ריידען מיט אים יעדער טאָג גוטע און ווייכע רייד, ביז עס האָט אָנגעהויבען

ווירקען אויף אים צוביסלעך. און ער האָט אָנגעהויבען פאַרלאָזען זיין שלעכטען וועג און ער האָט התונה געהאַט מיט אַ פרומע פרוי, און ער האָט אָנגעהויבען צוגיין יעדען אינדערפרי און פאַרנאַכט דאַווענען, ביז במשך הזמן איז ער געוואָרען איבערגעקערט אינגאַנצען, און ער איז געוואָרען אַ פרומער איד אַזוי ווי אַלע פרומע אידען. און אַז דער ר׳ ישראל האָט געזען אַז זיינע ווערטער האָבען אַזוי פיל גע׳פועל׳ט אויף דעם דאָזיגען עושר, האָט ער זיך באַלד דערמאָנט אין די ווערטער וואָס דער רבי ז״ל האָט אים געזאָגט פאַר דעם פאָרען, אַז מיט אַ קליינעם פיש קאָן מען כאַפּען אַ גרויסען פיש.

— מא —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ הלל שוחט ובודק.**

**אין** אַ שטאָט איז געווען אַ שוחט, זיין נאָמען איז געווען ר׳ הלל און ער איז געווען מקורב צום רבי׳ן ז״ל, נאָכדעם איז ער דערווייטערט געוואָרען און ער איז עטליכע יאָר נישט געפאָרען צום רבי׳ן ז״ל. און צום סוף האָט ער זיך באַרעכענט און ער איז געקומען צום רבי׳ן ז״ל, נאָר ער האָט מורא געהאַט באַווייזען זיך פאַר דעם רבי׳ן ז״ל. האָט ער געבעטען איינעם פון דעם רבי׳נס מענטשען אַז ער זאָל גיין מיט אים צום רבי׳ן ז״ל. און דער רבי איז דאַמאָלסט געווען אין זיין בית המדרש, און אַז ר׳ הלל מיט דעם צווייטען זיינען אָנגעקומען צו דער טיר און זיי האָבען איר געעפענט איז געפאַלען אויף זיי אַ גרויסער פחד, און ר׳ הלל איז אַריין אינעווייניג און איז געבליבען שטיין ביי דער טיר, און דער רבי ז״ל אַז ער האָט געזען שטיין אַ מענטשען ביי דער טיר האָט ער זיך דערנענטערט צו אים און האָט אים געגעבען שלום און צו אים געזאָגט דו ביזט דאָס הלל, ווען דו וואָלסט געווען וואַרטען נאָך אַביסעל וואָלסטו געווען געקומען צו מיר אין די זאָקען (דאָס האָט ער געמיינט נאָך די פטירה). האָט אָנגעהויבען ר׳ הלל זייער שטאַרק צו וויינען וואָרום עס איז געפאַלען אויף אים אַ שטאַרקע שרעק הערענדיג אַזעלכע ווערטער פון דעם רבי׳ן ז״ל. נאָכדעם האָט דער רבי ז״ל אים גע׳מוסר׳ט פאַרוואָס ער איז דערווייטערט געוואָרען פון אים אַזאַ לאַנגע צייט און ער איז נישט געפאָרען צו אים, איצט זאָג איך דיר אַז דו זאָלסט זיך באַזעצען אין אַן אַנדער שטאָט, און אויב דו וועסט מיך נישט פאָלגען וועסטו זיכער חרטה האָבען.

נאכדעם איז ר׳ הלל אװעקגעפארען, און ער איז נישט געפארן גלייך אהיים, נאר ער איז געפארען אין א שטאט וואס געפינט זיך לעבען זיין שטאט, און ער האט געשריבען א בריף צו זיין ווייב אהיים, אז זי זאל פארקויפען די שטוב, און ער וועט פארקויפען די חזקת השחיטה, און נאכדעם זאל זי קומען צו אים, און ער וועט גארנישט אריינקומען אין זיין שטאט אריין. און אזוי איז טאקע געווען ער האט פארקויפט די חזקת השחיטה, און זי האט פארקויפט די הויז. אבער נאכדעם איז אויפגעשטאנען א שכן און ער האט אנגעהויבען חולק זיין אויף דער מכירה, און ער האט גע׳טענה׳ט אז ער איז בר מצרא, און ער וויל קויפען די הויז. איבער דעם האט זיין ווייב נישט געקענט איינמאנען די געלט פאר דער הויז, האט זי אים געשריבען א בריף אז ער זאל אהיים קומען מאכען א סוף צו די מכירה, און תיכף ווי ער וועט נאר ענדיגען וועט ער אוועק פארען פון דארטען. איז ער מרוצה געווארען אויף דעם, ווארום ער האט געקלערט אז אזא קלייניגקייט וועט אים נישט שאטען ווארום ער וועט דאך דארטען נישט איבערבלייבען, און ער איז אריינגעפארען און ער איז באלד נפטר געווארען. און עס איז מקויים געווארען דעם רבי׳נס ווערטער.

— מב —

**א מעשה פון דעם רבי׳ן ז״ל מיט זיין שווער פון דעם דארף הוסיאטין.**

**ווען** דער רבי ז״ל האט געגעסען קעסט ביי זיין שווער, ר׳ אפרים ז״ל, אין דעם דארף הוסיאטין, און עס איז געקומען די צייט פון זיין שווערס פאטערס יארצייט, איז זיין שווער געפארען צו דער שטאט אלעקסנדריווקא וואס איז געווען נאענט צו דעם דארף. האט ער מיטגענומען דעם רבי׳ן ז״ל. און זיי זיינען אנגעקומען אין בית המדרש אריין. און די יונגעלייט פון דארטען אז זיי האבען דערזען דעם רבי׳ן ז״ל דעם ערשטען מאל איז ער זיי זייער געפעלען אז זיי זאלען אריינגיין מיט אים אין א שמועס, נאר זיי האבען נישט געוואוסט ווי אזוי אנצוהויבען. נאך דעם דאווענען האט ר׳ אפרים זיי מכבד געווען מיט בראנפען אזוי ווי דער מנהג איז ביי א יארצייט, האבען די יונגעלייט געבעטען ר׳ אפרים׳ען אז ער זאל הייסען זיין איידעם, דאס הייסט דעם רבי׳ן ז״ל, אז ער זאל לערנען א פרק משניות. האט ער אזוי געטאן. און דער רבי ז״ל האט אויסגעדרייט דעם פנים צו דער מזרח וואנט און ער האט גענומען א משניות

און ער האָט אָנגעהויבען לערנען, און ער האָט זייער לאַנג פאַרבראַכט מיט דעם לערנען. און די יונגע לייט האָבען געוואַרט ביז ער וועט ענדיגען לערנען, כדי זיי זאָלען טרינקען מיט אים להיים לעילוי נשמת הנפטר, און דורכדעם וועלען זיי האָבען אַ מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין אַ שמועס מיט אים.

און אַז זיי האָבען געזען אַז ער פאַרזאַמט זיך צו לאַנג מיט דעם לערנען, האָבען זיי געבעטען ר׳ אפרים׳ען אַז ער זאָל זאָגען דעם רבי׳ן ז״ל אַז ער זאָל ענדיגען דעם לערנען. איז ר׳ אפרים צוגעגאַנגען צום רבי׳ן ז״ל אים זאָגען. האָט דער רבי ז״ל אַמאָך געטאָן מיט דער האַנט איבער זיין שווערם פנים, איז ער אַנידער געפאַלען חלשות, האָט מען אים אָנגעהויבען צו מינטערען. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט מען אים געפרעגט וואָס האָט דאָ פאַסירט. האָט ער זיי געענטפערט אַז אין דער צייט וואָס דער רבי ז״ל האָט אים אַמאָך געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם פנים, דאַמאָלסט האָט ער דערזען דעם נפטר וואָס ער האָט געהאַט יאָרצייט נאָך אים, און ער שטייט אַקעגען אים און זאָגט אים אַזאַ צדיק איז מען מטריח אַז ער זאָל לערנען משניות אַנשטאָט דיר, איבער דעם פון גרוים פחד האָט ער געחלעשט. און פון דאַמאָלסט אָן איז באַוואוסט געוואָרען דעם רבי׳נס נאָמען אַז ער איז פון די צדיקי הדור, און מענטשען האָבען אָנגעהויבען פאָרען צו אים, און זיי זיינען מקורב געוואָרען דורך אים צום אויבערשטען.

— מג —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ יצחק לייב מטעפּליק ז״ל.**

**ר׳ יצחק לייב** פון טעפּליק ז״ל, איידער ער איז מקורב געוואָרען צום רבי׳ן ז״ל איז ער געווען אַ גרויסער רבי און אַ סך מענטשען פון אַ סך שטעט פלעגען פאָרען צו אים און אים געבען פדיונות. און דערנאָך אַז ער האָט איינדערקענט דעם אמת פון דעם רבי׳ן ז״ל האָט ער אָפּגעלאָזט און דערווייטערט פון זיך דעם גאַנצען פרסום, און האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון עבודת ה׳ בתמימות ובפשיטות. און האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף די חרפות ובושות וואָס ער האָט געהאַט צוליב דעם. און ער האָט זיך אומגעקערט צו השי״ת בכל לב ונפש אַזוי ווי די איבעריגע דעם רבי׳נס מענטשען.

— מד —

אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט די התקרבות פון ר' עזור מאומין ז"ל.

דער ר' עזור ז"ל איז געווען פון אנפאנג פון די מתנגדים און נאכדעם האט דער אויבערשטער אים געהאלפען און ער האט דערקענט דעם אמת פון ר' נתן ז"ל. און עס איז אים שטארק צופלאקערט געווארען זיין הארץ אז ער זאל מקורב ווערען צו אים. און ער איז באלד געגאנגען אויף דעם רבי'נס ציון און האט אים איבערגעבעטען מיט גרויסע געוויינען און געשרייען אויף אלע זיינע רייד וואס ער האט פריער גערעדט. און אז זיין משפחה איז פון דעם געוואויר געווארען, וואס זיי זיינען געווען פון די השוב'ע בעלי בתים און חסידים אין שטאט, האבען זיי אים געוואלט פראסט אין פשוט הרג'נען, איז באלד געלאפען איינער פון אונזערע מענטשען און האט דאס אים מודיע געווען, איז ער באלד אנטאלפען אין אן אנדער שטאט, און ער איז דארטען געווען צווישען אונזערע מענטשן ביז עס האט זיך אפגעקילט דער כעס פון זיין משפחה נאכדעם האט ער זיך אומגעקערט אהיים.

— מה —

אין דעם קאפיטעל ווערט דערציילט פון ר' יצחק דוב מטעפליק ז"ל.

דער ר' יצחק דוב טעפליקער ז"ל, וואס פריער איז ער געזעסן אין ברסלב, און אויף אים האבען אפילו די מתנגדים עדות געזאגט אז ער איז געוועזן א צדיק תמים. און אמאל האט ער געזאגט אויף זיך, אז ער קומט אויף דעם רבי'נס ציון, שלעפט מען אים ביי די פאלעס, יצחק בער טו תשובה. און ער פלעגט פארען יעדען ערב ראש חודש אויף דעם ריב'נס ציון (אמר המחבר: איך האב געהערט פון מיין פאטער ר' זעליג ז"ל וואס ער האט געהערט פון דעם ר' יצחק בער ז"ל אליין, אז א חודש פאר זיין הסתלקות האט ער זיך געהאט צוגעלייגט שלאפען. איז איינער געקומען צו אים און האט אים געזאגט מיט דעם לשון, שטיי אויף, ווארום עס איז געקומען דיין סוף. האט ער זיך אויפגעכאפט פון שלאף מיט זייער אגרויסען שרעק, און ער איז מחמת דעם קראנק געווארען אויף א פאר טעג. נאכדעם איז ער צוריק געזונט געווארען. און דאמאלסט האט ער דאס דערציילט. און ער האט געזאגט אז ער האט געבעטען

דעם אויבערשטען אז ער זאָל אים פאַרלייִנגערען זיין לעבען נאָך אויף אַ שטיקעל צייט כדי ער זאָל קענען טאָן תשובה שלימה. אין אַ חודש אַרום פון דעם הלום איז ער נסתלק געוואָרען מיט אַ גוטען נאָמען.

— מו —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט פון ר׳ יהודה אליעזר ז״ל, וואָס ער איז געפּאַרען מיט ר׳ נתן ז״ל קיין ארץ ישראל.**

ר׳ יהודה אליעזר ז״ל, וואָס ער איז געפּאַרען מיט ר׳ נתן ז״ל קיין ארץ ישראל. ער איז לכתחילה מקורב געוואָרען צום רבי׳ן ז״ל בסוף ימיו און ער האָט זיך אָנגעהויבען מתוודה זיין פאַר דעם רבי׳ן ז״ל. אָבער אין יענער צייט האָט דער רבי ז״ל זיך נישט געפירט מיט ווידוי דברים צוליב זיינע באַהאַלטענע טעמים. אָבער דער ר׳ יהודה אליעזר ז״ל האָט נישט געוואוסט פון דעם און ער האָט זיך אָנגעהויבען מתוודה זיין. האָט אים דער רבי ז״ל אָפּגעהאַקט אין מיטען און ער האָט אים מודיע געווען אַז ער פירט זיך נישט איצט מיט די דאָזיגע הנהגה. נאָר וויבאַלד ער האָט זיך שוין אַביסעל מתוודה געווען האָט דער רבי ז״ל אים געגעבען אַביסעל תיקונים. און אויף דעם איבעריגען האָט ער אים געהייסען ריידען מיט ר׳ נתן ז״ל בדרך כלל און נישט אַרויסריידען פאַר אים די חטאים און די גאַנצע פּאַסירונג איז געווען איידער דער רבי ז״ל איז געגאַנגען עסען, און דער רבי ז״ל האָט אים געהייסען עסען מיט אים, און ער האָט אים געזאָגט מיט יעדען קוק וואָס איך וועל אַ קוק טאָן אויף דיר וועל איך דיר אַ טובה טאָן.

— מז —

**אין דעם קאַפּיטעל ווערט דערציילט ווי אַזוי דער רבי ז״ל האָט אויסגעהיילט די לונגען פון ר׳ נפתלי ז״ל.**

[די מעשה האָב איך געהערט פון מיין פאָטער ע״ה וואָס ער האָט דאָס געהערט פון ר׳ נפתלי ז״ל אליין].

נאָך דעם וואָס דער רבי ז״ל איז צוריק געקומען פון די שטאָט לעמבערג, איז זיין שטייגער געווען יעדען מאָל צופאָרען אין דרויסען פון שטאָט. און אַמאָל האָט ער מיטגענומען מיט זיך ר׳ נתן ז״ל מיט ר׳ נפתלי ז״ל. און זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ

קרעטשמי, האָט מען זיי געגעבען קעז צועסען, און ר׳ נפתלי האָט געליטען אויף די לונגען אַזוי ווי דער רבי ז״ל. און דער רבי מיט ר׳ נפתלי האָבען נישט געוואָלט עסען ווייל עס שאַדט צו די לונגען. און ר׳ נתן האָט אָן זיי נישט געוואָלט עסען. האָט זיך ר׳ נתן אָנגערופען צו ר׳ נפתלי אַז ער זאָל עסען און עס וועט אים נישט שאַטען. האָט זיך ר׳ נפתלי אָנגערופען דו זאָגסט מיר? אַז דער רבי וועט מיר זאָגען דאַמאָלסט וועל איך עסען. האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען צו ר׳ נפתלי אַז ער זאָל עסען מיט ר׳ נתן׳ען, האָט ער געגעסען. נאָכדעם אַז זיי זיינען צוריק געפאָרען אין שטאָט אריין האָט ר׳ נפתלי אַ הוסט געטאָן, האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופען איר האָט געזען אַז דאָס איז שוין נישט מער דער זעלבער הוסט, איך האָב געמיינט אַז ער וועט זיך אָפּפאַרטיגען נאָך פאַר מיר.

און עס איז פאַרשטענדלעך פון דעם ענין אַז מיט דעם מאכל האָט דער רבי ז״ל אים ממשיך געווען אַ רפואה צו זיין מחלה. און דעם דאַמאָלסדיגען ראש השנה האָט דער רבי ז״ל געזאָגט תורה (ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳ סימן א׳) און דאָרטען ווערט געבראַכט אַז מען קען ממשיך זיין די כוחות הרפואה אין יעדער דבר מאכל.

— מח —

**מיר וועלען פאַרצייכענען דאָ וועגען די גזירת הנעקרעטין**

די גזירת הנעקרעטין איז געווען אַ גזירה אַז מען זאָל נעמען אידישע קינדער און זיי אָוועקפירען ווייט פון זייער היים און זיי אויסהאָדעווען בּאַ גוים, און נאָכדעם אַז זיי וועלען גרויס ווערען וועט מען זיי נעמען צו די מיליטער. און דער רבי ז״ל האָט געזאָגט מיט דעם לשון: איך האָב דאָס אָפּגעשטופּט אויף עטלעכע און צוואַנציג יאָר שפּעטער. און ווען מען האָט אָנגעהויבען צונעמען צו מיליטער דאָס ערשטע מאָל איז טאַקע געווען פונקט פינף און צוואַנציג יאָר פון ווען ער האָט געזאָגט.

[דאָס האָב איך געהערט פון מיין פאָטער ר׳ נחמן טולטשינער ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון זיין פעטער ר׳ ראובן יוסף פון הייסען, און אויך פון אנדערע דעם רבי׳נס מענטשען ז״ל].

— מט —

## אַ מעשה פון אַ בלינדען מנגן מיט אַ רייכען קמצן.

**אַ מעשה** וואָס דער רבי ז״ל האָט דערציילט. אַז אין די צייט פון דעם בעל שם טוב ז״ל איז געוועזן אַ בלינדער מנגן וואָס ער פלעגט שפּילען אויף חתונות, און פון דעם האָט ער זיך מפרנס געווען. און פאַר זיין טויט האָט ער געעפענט די אויגען און ער האָט געזאָגט אַז ער איז נישט בלינד געווען נאָר ער האָט גוטע אויגען, און ווייל ער האָט נישט געוואָלט קוקען אויף נשים שפּילענדיג אויף די חתונות איז צוליב דעם האָט ער זיך געמאַכט בלינד.

אין דער זעלבער צייט איז געווען אַ גרויסער גביר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער קמצן, וואָס ער האָט אפילו נישט געגעבען אַ שטיקעל ברויט פאַר אַן אָרעמאַן, און ער איז געווען מבוזה ביי אַלעמען. אין דער זעלבער שטאָט איז געווען אַ מענטש וואָס ער איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, און ער פלעגט געבען פאַר אַלע אָרעמעלייט אַלס וואָס זיי האָבען געדאַרפט. און אַז דער עושר, דער קמצן איז נפטר געוואָרען, זיינען צוזאַמענגעקומען די אָרעמעלייט צו דעם בעל צדקה, האָט ער זיי נישט געגעבען, און ער האָט צו זיי געזאָגט, איצט האָב איך אייך נישט וואָס צו געבען ווייל אַלס וואָס איך האָב געגעבען ביז היינט, איז דאָס אַלעס געווען פון דעם עושר, דער קמצן, וואָס ער איז נפטר געוואָרען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט הנאה האָבען פון דעם כבוד וואָס מען וועט אים געבען פאַר זיין גוט הארץ וואָס ער גיט צדקה, דערפאַר האָט ער איבערגעגעבען דאָס געלט אַז אַן אַנדער מענטש זאָל צוטיילען פאַר אָרעמעלייט, און אים האָבען אַלע געהאַלטען פאַר אַ גרויסען קמצן, און איצט אַז ער איז נפטר געוואָרען איז נישטאָ ווער ס׳זאָל געבען. און דאַמאָלסט האָבען אַלע געזען די גרויסקייט פון דעם קמצן.

האָט זיך דער בעל שם טוב ז״ל אָנגערופען אַז ביידע, סיי דער בלינדער שפּילער, און סיי דער קמצן שטייען ביידע אין איין מדריגה. וואויל איז זיי.

PRINTED IN U.S.A. BY
DEUTSCH PRINTING & PUBLISHING CO.
150 MARCY AVENUE, BROOKLYN 11, N. Y.